STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07546

DI PARIZER KOMUNE

Abraham Simchah Sachs

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ש. זאַקס

די פּאַריזער קאָמונע

געשיכטע פון דער ערשטער רעגירונג
פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע

ארויסגעגעבען פון דער
מאַרקס ליטעראטור געזעלשאַפט און פארלאג „נייע וועלט"
ניו יאָרק, 1921

Copyright, 1921, in the U. S.
by the
MARX PUBLICATION SOCIETY
All rights reserved.

אינהאלט

זייט

דער אַכצעהנטער מערץ 1871 אין פּאַריז — — — — — — — — — 5
פראַנקרייך נאָך דעם יאָהר 1848 — — — — — — — — — — — 17
די אַרבייטער באַוועגונג אין פראַנקרייך און דער ערשטער אינ־
טערנאַציאָנאַל — — — — — — — — — — — — — — 25
1870 — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 39
די פּרייסיש־פראַנצויזישע מלחמה און דער סוף פון דער אימפּעריע — 45
די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון פאַרטיידיגונג — — — — — — — 55
פּאַריז אין דער באַלאַגערונגס־צייט — — — — — — — — — — 66
די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אין באָרדאָ — — — — — — — — 75
דער שלום מיט ביסמאַרק׳ן און די שטימונג אין פּאַריז — — — 86
די רעוואָלוציאָנערע כחות פון דער פּאַריזער קאָמונע — — — — 94
דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע נעהמט
איבער די רעגירונג פון פּאַריז — — — — — — — — — 104
דער באַוואַפענטער צוזאַמענשטויס אין פּאַריז און די וואַהלען — — 116
די פּראָקלאַמירונג פון דער קאָמונע — — — — — — — — — 123
די קאָמונע און דער צענטראַל קאָמיטעט — — — — — — — — 129
די ערשטע קאָמונע־מאַרטירער אין דער פערלאָרענער שלאַכט — — 138
פּאַריזער פרויען און קינדער אינ׳ם קאַמף פאַר דער קאָמונע — — 147
די קאָמונע ביי איהר אַרבייט — — — — — — — — — — — 152
דער דורכפאַל פון דער קאָמונע — — — — — — — — — — 164
די „מאַיאָריטעט" און די „מינאָריטעט" אין דער קאָמונע — — 176
די קאָמונע פאַרטיידיגט זיך — — — — — — — — — — — 182
די לעצטע שטונדען פון דער קאָמונע — — — — — — — — — 188
די קדושים פון דער קאָמונע — — — — — — — — — — — 195
די קאָמונאַרען פאַר דעם געריכט פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע — — 203
שלוס וואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — 207

דער אכצענטער מערץ 1871 אין פּאריז.

די פֿאָרשטאָדט האָט ערוואכט.

עס עפענען זיך די מאָרגען־קראָמען. לעבען די מילך־געשעפטען און ארום די וויין־קעלערס הערט זיך א גערויש. מען ווייזט אָן אויף די סאלדאטען און אויף די הארמאטען, וועלכע צילעווען אויף די גאסען, וואו מענשען געהען. אויף די ווענט זיינען אָנגעקלעפּט פּלאקאטען, אונטערגעשריבען פון ט י ע ר און זיינע מיניס־טאָרען. אין די פּלאקאטען ווערט גערעדט וועגען דעם שטיל־שטאַנד אין האנדעל, וועגען דער פארקלענערטער צאָהל באשטע־לונגען און דעם פּאניק אויפ'ן געלד מארק. „איינוואוינער פון פּאריז, — לעזט זיך דאָרטען — די רעגירונג האָט באשלאָסען צו ווירקען אין אייערע אינטערעסען. זאָלען די גוטע בירגער ניט געהן אין די וועגען פון שעדליכע, זאָלען זיי העלפען מיט זייער איינפלוס אויף דער געזעלשאפט. זיי וועלען דערמיט דינען דער רעפּובליק.”

די פּראָקלאמאציע ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „די שול־דיגע וועלען איבערגעגעבען ווערען צום געריכט. עס איז אומבא־דינגט נויטיג, עס זאָל געשאפען ווערען אן אמת'ע שטארקע ארדנונג.”

ווי אין אלע רעוואָלוציאָנערע טעג זיינען די פרויען ארויסגע־טראָטען צום ערשטען. די פרויען פון אכטצענטען מערץ, פארהאר־טעוועט פון דער באלאגערונג, אויף וועמענס חלק עס זיינען אויס־געפאלען טאָפּעלטע צרות, האָבען ניט געווארט אויף זייערע מע־נער. זיי האָבען ארומגערינגעלט די הארמאטען און האָבען געזוי־דעלט די קאָמאַנדירען. „פּע, מיאוס, וואס טוט איהר?” — האָ־בען זיי זיך געווענדעט צו זיי. די סאלדאטען שווייגען. פון צייט צו צייט ווענדעט זיך צו זיי אן אונטער־אָפיצער מיט א ווייבער ניט שטרענגער שטים: „געהט פארביי, איהר גוטע פרויען,

פארשטעלט ניט דעם וועג". די פרויען אָבער פאלגען ניט און בלייבען שטעהן.

עס הערט זיך א קלאפּ פון א פּאיקעל. עטליכע סאָלדאטען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָבען געפונען אויף דעם פּאָסט פון דער גאַס דודאָווילל צוויי פּויקען און האָבען אנגעפאנגען צו באַראבאַנעווען. ארום אכט אזייגער האָבען זיך לעבען זיי צונויפגעקליבען אן ערך דריי הונדערט אָפיצירען און נאַציאָנאַל-גוואַרדיסטען, אלע צוזאמען געהען דורך דעם בולוואַרד אָרנאַנאַ. עס באַגעגענט זיי דער קאַראָול פון׳ם אכט און אכציגסטען פּולק. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע שרייט אוים: „לאַנג לעבען זאָל די רעפּובליק!" דער קאראָול באַהעפּט זיך צו דער גוואַרדיע. עס פאַראייניגט זיך מיט זיי אויך דער קאַראָול פון דער גאַס דיעזשאַן. מיט די ביקסען אויפ׳ן פּלייצע האָבען זיך די גוואַרדיסטען מיט די סאָלדאטען צוזאמען אוועקגעלאָזען איבער דער גאַס מיולער, וואס פיהרט צו די פּאַרטען, וואס זיינען אויך פאַרנומען מיט סאָלדאַטען פון אכט און אכציגסטען פּולק. אז די דאָזיגע סאָלדאַטען האָבען געזעהן צווישען די גוואַרדיסטען זייערע חברים, האָבען זיי געגעבען א וואונק, אז מען וועט זיי דורכלאָזען. גענעראַל לעקאָנט, באַמערקענדיג א באַוועגונג צווישען די סאָלדאטען, האָט באַפוילען, מען זאָל זיי פאַרבייטען מיט שטאָדטישע פּאָליציילייט, און ער האָט זיי, די סאָלדאטען, איינגעשפּאַרט אין טורם סאָלפּעריגא, מיט די ווערטער: „איהר וועט שוין קריגען אייער חלק!"

די שטאָדטישע פּאָליציי-לייט, וועלכע האָבען פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די סאָלדאטען, האָבען אנגעפאנגען צו שיסען. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט געענטפערט. פּלוצלונג זיינען א סך גוואַרדיסטען מיט א גרויסען עולם פרויען און קינדער אריבער אויף דער צווייטער זייט פון גאַס ראָזיע און האָבען ארומגערינגעלט גענעראַל לעקאָנט. דער גענעראַל גיט א באַפעהל זיך צו נעהמען פאַר דער געוועהר. זיינע סאָלדאטען זאָגען זיך אָפּ צו ערפילען זיין באַפעהל. דער עולם ארום די גוואַרדיסטען באַגריסט ברידערליך די סאָלדאטען און ארעסטירט לעקאָנט׳ען און זיינע אָפיצירען. די סאָלדאטען, וועלכע ער האָט איינגעשפּאַרט אין טורעם ווילען

לעקאנט'ען דערשיסען. די גוואַרדיסטען נעהמען זיך פאר איהם אָן און מיט גרויס מאטערניס האט זיך זיי איינגעגעבען אפצופיהרען איהם אין שאטא־רוזש, די הויפט־קוואַרטיר פון די מאַנמארט־באטאליאָנען. דאָרטען האט מען איהם אויפגעפאדערט אוועקצו־נעהמען דאס מיליטער פון די פאַרטען. לעקאנט גיט זיך אונטער און חתמה'ט דעם באפעהל אָהן שום טענות און מענות. דער באפעהל איז גלייך אוועקגעטראָגען געוואָרען צו די אָפיצירען און סאלדאטען אויף דער גאס ראָזיע. די זשאנדארמען האבען אָפ־געגעבען זייערע וואפען און העלפען שרייען: „לעבען זאל די רעפובליק!"

דריי פוסטע קאַנאָנען־שאָסען האבען מודיע געווען דער פאריזער באפעלקערונג, אז די פאַרטען זיינען גענומען.

לינקס פון לעקאַנט'ס ארמעע האט גענעראל פאטאנען געמאכט א פארזוך דורכצופיהרען דורך דער גאס לעפיק די הארמאטען פון די פאַרטען. אָבער אומזיסט. דער עולם האט אָפגעשטעלט די פערד, האט איבערגעשניטען די לייצעס, האט אוועקגעטריבען די סאלדאטען, האט גענומען די הארמאטען אויף די הענט און אוועק־געטראָגען צוריק אויף זייערע פריהערדיגע ערטער.

אויפ'ן פלאץ פיגאל האט גענעראל סאסביעל געהייסען שיסען אויפ'ן פאלק, וואס האט זיך צונויפגעקליבען אויף דער גאס הודאן. די פרויען האבען אויפגעהויבען א געשריי און די דערשראָקענע ארטילעריסטען האבען א טרייב געגעבען זייערע פערד אויף צוריק. דער עולם האט אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער. איין קאפיטאן האט זיך א ווארף געטאן פארוועדטס מיט א בלויזען שווערד און האט פארוואונדעט א גוואַרדיסט. דער העלדישער קאפיטאן איז אין א מינוט ארום געפאלען טויט, דורכגעלעכערט מיט קוילען. גענעראל סאסביעל טראָגט זיך אפ. גענעראל ווינוא, וועלכער האט זיך בעת מעשה געפונען אויף דעם פלאץ קליף, האט איהם נאכגעפאָלגט. פון די זשאנדארמען, וועלכע האבען געוואלט שיי־סען אויפ'ן עולם איז צוגענומען געוואָרען די וואפען און די גאנצע מאסע סאלדאטען איז אריבער צום פאלק.

אין בעלל־וויל, אויף די בערג שאמאן און לוקסעמבערג האבען די ארמעען זיך גע'חבר'ט מיט די פאלקס מאסען, וועלכע האבען

זיך צונויפגעקליבען אויפ'ן ערשטען רוף. אויפ'ן פּלאַץ באַסטילען, וואו גענעראַל לעפלא איז אַנטלאָפען פון אַרעסט, האָבען די סאָל־דאַטען אַרויסגעוויזען אַ גרויסע פריינדשאַפט צום פאָלק.

איין רגע האָט אויפ'ן פּלאַץ געהערשט אַ טיפע שטילקייט. עס איז אַ גרויסע לויה. נאָכ'ן אָרון געהט אַן אַלטער מאַן מיט אַ בלויזען קאָפּ. דאָס איז געווען וויקטאָר הוגאָ. ער האָט דאָס באַגלייט אויפ'ן בית עולם דעם קערפּער פון זיין זוהן שאַרל. די גוואַרדיסטען האָבען אָפּגעגעבען גרויס כבוד דער טרויער־פּראָ־צעסיע. זיי האָבען אָפּגעגעבען די באַריקאַדע דורכצולאָזען דעם גרויסען פראַנצויזישען לעבעדיגען דיכטער און דעם טויטען קער־פּער פון זיין זוהן.

עלף אַזייגער האָט דאָס פאָלק צוריקגעשלאָגען אַן אָנפאַל מצד די מלוכה־סאָלדאַטען. כמעט אַלע האַרמאַטען, אַ חוץ צעהן, זיינען געבליבען ביי איהם אין די הענט. אומזיסט האָט דאַרעל־ד'פּאַלאַדין געהייסען קלאַפּען טרעוואָגע אין די צענטראַלע קוואַר־טאַלען. עס האָט גאָרניט געהאָלפען. אין גאַנצען זיינען צו איהם געקומען צוואַנציג מענשען.

לעזענדיג די פּלאַקאַטען האָט גאַנץ פּאַריז גע'טענה'ט מיט איין קול: „עס איז אַ מלוכה־איבערקעהרעניש!"...

האַלבען טאָג האָבען ד'אַרעל און פּיקאַר געקלונגען אין אַלע גלאָקען: „די רעגירונג רופט צו אייך איהר זאָלט פאַרטיידיגען אייערע היימען, אייערע פאַמיליעס, אייער אייגענטום. עטליכע אָראָפּגעפיהרטע פון וועג מענשען, אונטער דעם איינפלוס פון גע־היימע אַגענטען, ווילען אַרויסשטעלען קעגען פּאַריז די קאַנאָנען, וועלכע מען האָט אָפּגענומען פון די פּרייסען . . . מען האָט פאַר־שפּרייט אַ לעכערליכען קלאַנג, אַז די רעגירונג גרייט זיך צו מאַכען אַן איבערקעהרעניש . . . דאָס איז שקר וכזב. זי האָט בלויז געוואָלט און וויל מאַכען אַן ענד פון דעם רעוואָלוציאָנערען קאָמי־טעט, וועמעס מיטגלידער ס'פאַרשפּרייטען קאָמוניסטישע לעהרען און ווילען איבערגעבען פּאַריז צום רויב און פראַנקרייך דעם קבר . . ."

אויף די דאָזיגע טרעוואָגעס, וואָס איז אַלע ווייַלע געקלאַפּט געוואָרען, האָבען אין גאַנצען זיך אָפּגערופען אַן ערך 500 מאַן.

ט י ע ר און זיינע מיניסטארען (די גאנצע רעגירונג) האבען זיך באהאלטען אין דער קאנצעליאריע פון די אויסלענדישע ענינים. דערוויסענדיג זיך פון די אומרוהען צווישען די סאלדאטען האט טיער געפאדערט מען זאל עוואקואירען פאריז און אריבער־פיהרען די ארמעע קיין ווערסאל. די מעהרסטע מיניסטארען זיינען געווען קעגען דעם. דער קליין מענשעל (טיער) האט אבער קיינעם ניט געהערט און האט געהייסען מען זאל דורכאויס אפטרעטען פון פאריז. איינס אזייגער האבען פארביימארשירט פאר דעם הויז, וואו טיער און די אנדערע מיניסטארען האבען זיך געפונען, די פאלקס־באטאליאנען, אונטער די טענער פון מוזיק. די מיניס־טארען האט פון שרעק אנגעפאנגען צו ווארפען די נכפה. זיי האבען געמיינט, אז אט־אט קומען די קינדער פון פאלק און ארעס־טירען זיי. טיער האט זיך אין גאנצען פארלארען און איז אנט־לאפען דורך א געהיימען ארויסגאנג קיין ווערסאל.

די שרעק איז געווען אן איבעריגע. די באטאליאנען זיינען אין פאלאץ פון די אויסערליכע ענינים, וואו די מיניסטארען זיינען געווען, ניט אריין.

צוויי אזייגער זיינען אנגעקומען ידיעות, אז די מיטגלידער פון צענטראלען קאמיטעט*) זיינען די זיגער. ווארלען האט פאר־נומען באניניאל, בערזשערע האט פארמונמען מאנטמארט, דיואוואל — פאנטעאן, פענדי — דעם דריטען דיסטריקט, פאלטא — די גאס סעוור. ראנוויע און בריונעל, וועלכע האבען ניט באלאנגט צום קאמיטעט, האבען געזיגט אין בעלל־וויל און אין צעהנטען דיסטריקט. עס איז געווארען מעגליך אויסצואורבייטען א פלאן ווי אזוי צו באוועגען דאס מיליטער צום ראט־הויז.

די באטאליאנען זיינען געווען גרייט, מוכן ומזומן. זיי האבען

---

*) דער צענטראלער קאמיטעט איז באשטאנען פון דעלעגאטען פון דער נאציאנאלער גווארדיע. דאס איז געווען א מין סאלדאטען־ראט. די נאציאנאלע גווארדיע האט ארומגענומען אלע מעגליכע איינוואוינער פון פאריז, וועלכע האבען געקענט טראגען וואפען. די נאציאנאלע גווארדיע איז צונויפגעשטעלט געווארען צו פארטיידיגען פאריז געגען די פרוי־סען, נאכדעם ווי די סאלדאטען פון דער אימפעריע האבען געליטען מפלות נאך מפלות פון זיי.

זיך אָבער ניט געריהרט. די רעוואָלוציאָנערע דיסטריקטען האָבען נאָך ניט געוואוסט פון דעם זיג און האָבען מורא געקראָגען פאר א נייע אטאקע פון די לאָיאלע רעגירונג'ס טרופען. זיי האָבען זיך שטארק פארבאריקאדירט און האָבען זיך פארפעסטיגט אויף זייע־רע פאָזיציעס. קיינער איז ניט ארוים פון מאַנמארט, וואו עס האָט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט מענשען, וואָס זיינען צוזאמענ־געלאָפען פון אלע זייטען אויף די ידיעות פון די גווארדיסטען, אז די סאָלדאטען האָבען זיך צעבונטעוועט. די בירגער פון פאריז האָבען געוואוסט, אז די גווארדיסטען האָבען פון דער פריה אָן אין מויל ניט געהאט און האָבען זיי צוגעטראָגען שפייז. ארום האלב פיר האָט דער פארטיידיגונגס קאָמיטעט*) געקראָגען צו וויסען, אז גענעראל לעקאָנט געפינט זיך אין גרויס געפאהר. אן עולם פון סאָלדאטען האָט ארומגערינגעלט שאטאָ־רוזש און האָט פארלאנגט, אז לעקאָנט זאָל תיכף ווערען הינגעריכטעט. די מיט־גלידער פון צענטראלען קאָמיטעט: פערדע, בערזשערע, זשאקליאר האָבען גלייך געשיקט דעם קאָמענדאנט פון שאטאָ־רוזש א באפעהל זיך צו זאָרגען וועגען דעם געפאנגענעם גענעראל לעקאָנט. ווען עס איז אָנגעקומען דער באפעהל איז לעקאָנט שוין געווען אפּ־געפיהרט. לעקאָנט האָט זיך שוין לאנג געבעטען מען זאָל איהם אריבערשיקען צום צענטראלען קאָמיטעט. די גווארדיסטען, וועל־כע האָבען געפיהרט גענעראל לעקאָנט און זיינע אָפיצערען, זיינען אָנגעקומען צום צענטראלען קאָמיטעט פיר אזייגער, דורכגעהענדיג א שרעקליך אויפגערעגטע מאסע. אָבער קיינער האָט זיי ניט גע־טשעפּעט. דעם גענעראל האָט מען פארשפּארט אין א קליינעם צימער אויפ'ן אונטערשטען עטאזש אונטער א ספּעציעלער וואך און די אָפיצירען האָט מען איבערגעפיהרט אויפ'ן העכערען עטאזש, וואו זיי האָבען זיך געטראָפען מיט א סך פון זייערע חברים, אויך געפאנגענע אָפיצירען. עס האָבען זיך איבערגע'חזר'ט די סצענעס פון שאטאָ־רוזש. די אויפגערעגטע סאלדאטען פון דער נאציאָנאלער גווארדיע האָבען געהאלטען אין שרייען: „א טויט אויף לעקאָנט און זיינע ארויסהעלפער!" די באאמטע פון דער נאציאָנאלער גוואר־

*) געגרינדעט דעם 15טען מערץ פונ'ם צענטראלער קאָמיטעט.

דיע זיינען מיד געווארען איינצוהאלטען דעם המון, האבען פאר־
ריגעלט די טיר פון לעקאנט'ס קאמער און האבען זיך קוים אפ־
געבעטען מען זאל ווארטען אויפ'ן צענטראלען קאמיטעט. דאס
ווארט „קאמיטעט" האט געווירקט אויף דער מאסע ווי א כשוף.
דער המון איז מסכים און האלט איין דעם כעס. אין דרוזעלביגער
צייט, ווען דער עולם האט זיך אזוי געהיצט, זיינען א סך מיטגלידער
געווען אין דער „מערי" (הויפט־קווארטיר פון א שטאט־אפטיילונג),
וואו מאיאר דארדעל, ראאול ריגא, פאסקאל און גרוסע האבען גע־
פיהרט א הייסען און שארפען ויכוח מיט'ן מער קלעמאנסא, וועלכער
איז געווען שטארק אומצופרידען מיט אלץ, וואס עס איז דעם טאג
פארגעקומען.

האלב נאך פיר האט זיך אויפ'ן גאס געהערט א גרויסע־
ליארם. דער המון האט געשלעפט איינעם א מאן מיט א ווייסער
בארד. דאס איז געווען קלעמאן טאמא, דער „העלד" פון די יוני־
טעג אין 1848, וועלכער האט חוזק געמאכט און געטריבען קא־
טאוועס איבער דער פאלקס מיליץ און האט געזוכט מיט אלע מיט־
לען צו פאר'מיאוס'ען די נאציאנאלע גווארדיע. טאמא איז דער־
קענט און פארהאלטען געווארען אויף דער גאס מארטיר, וואו ער
האט באטראכט די באריקאדען. אייניגע אפיצירען פון דער נא־
ציאנאלער גווארדיע און א גאריבאלדישער קאפיטאן, א ריז, הער־
פען לאקרוא, האבען פרובירט איינצושטילען דעם אויפגערעגטען
המון, און האבען זיך געבעטען מען זאל ווארטען אויף דעם קאמי־
טעט, און מען זאל ניט טויטען טאמא'ן בעפאר ער וועט ניט ווערען
גע'משפט פון א מלחמה געריכט. זייערע ווערטער האבען אבער
נאך אונטערגעגאסען אויל אויפ'ן פייער. טאמא לויפט און וויל
זיך באהאלטען אין גארטען הינטער'ן הויז. עס זיינען געפלוי־
גען אויף איהם קוילען פון אלע זייטען און ער פאלט טויט מיט'ן
פנים צו דער ערד. בעת טאמא איז הינגעריכטעט געווארען האבען
די סאלדאטען אויסגעבראכען די פענסטער פון דעם קאמער, וואו
גענעראל לעקאנט איז געווען איינגעשלאסען, האבען זיך ארויפ־
געווארפען אויף איהם, ארויסגעשלעפט אין גארטען און איהם
דערשאסען. און אט דער זעלביגער מאן, וועלכער האט אין דער
פריה קאמאנדעוועט, מען זאל שיסען אויפ'ן פאלק, האט זיך פא־

נאַנדערגעווײנט און האָט געבעטען מען זאָל רחמנות האָבען אויף זײן פאַמיליע. ער איז געװען געשטעלט צום װאַנד און גע־פאַלען אונטער די קוילען. א סך אַנדערע גענעראַלען און פאַר־שידענע אָפיצערען פון דער רעגולערער אַרמעע זײנען אין דעם טאָג אַרעסטירט געװאָרען. הינריכטונגען זײנען אָבער מעהר ניט פאָרגעקומען. די מיטגלידער פון צענטראַלען קאָמיטעט און די אָפיצערען פון דער נאַציאָנאַלער גװאַרדיע האָבען אַנגעװענדעט זײער גאַנצען כח אום אײנצושטילען דעם כעס פון פאָלק, בײ װעמען עס האָט זיך אין פאַרלויף פון די יאָהרען — װען לואי באָנאַפּאַרט האָט רעגירט און איבערהויפּט די לעצטע צײט פונ׳ם פראַנצויזיש פּרײסישען קריג, װאו די גאַנצע צעפּוילטקײט פון זײן רעגירונג האָט זיך אַזוי בולט אַרױסגעװיזען, — אָנגעקליבען אַזוי פיל ביטערנים און גאַל.

ביסלעכװײז האָבען די פאָלקס־באַטאַליאָנען אָנגעהויבען צו פיהרען אַן אַטאַקע אויף דער רעגירונגס אַרמעע. בריונעל האָט אַרומגערינגעלט די קאַזאַרמע פון „פרינץ יעװגעניע״. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און די סאָלדאַטען פון דאָרטען זײנען אַריבער צו די רעװאָלוציאָנערען.

די נאַציאָנאַלע דרוקערײ איז פאַרכאַפּט געװאָרען פון פאָלק אַזײנער פינף. א שעה שפּעטער האָט מען אָנגעפאַנגען צו ברעכען די טירען פון נאַפּאָלעאָנ׳ס קאַזאַרמעס. די סאָלדאַטען פון דאָר־טען שרײען הויך דורך די פענסטער: „לעבען זאָל די רעפּובליק! אויף אײך האָבען געשאָסען זשאַנדאַרען, אָבער ניט מיר, קינדער פון פאָלק.״ די סאָלדאַטען העלפען עפענען די טירען פון קאַזאַרמע און גיבען אָפּ דער נאַציאָנאַלער גװאַרדיע זײערע געװעהר.

האַלב אכט װערט אַרומגערינגעלט דאָס ראַט־הויז. די זשאַנ־דאַרען, װעלכע האָבען דאָרטען געהיט, מאַכען פּליטה דורך די געהײמע טירען. די אײניגע רעגירונגס טשינאָװניקעס, װעלכע זײנען דאָרט געבליבען, ניט האָבענדיג קײנע אינסטרוקציעס פון זײער אָפיציעלער רעגירונג, האָבען זיך אויך אַרױסגעגנב׳עט שטי־לערהײד פון ראַטהויז.

א װײלע שפּעטער איז געקומען בריונעל׳ס א ראָטע פון דער נאַציאָנאַלער גװאַרדיע און האָט באַזעצט די ליידיגע פינסטערע

געבײדע פון ראַט־הויז. בריונעל האָט גלײך אַרויסגעגעבן אַ באַפעהל אַנצוצינדען די גאַז און אַרויסצושטעלען אויפ'ן טורעם פון ראַט־הויז די רויטע פאָהן.

די פאָלקס באַטאַליאָנען ווערען אַלץ מעהר און גרעסער. בריונעל בויט אויף דער גאַס ריוואָלי און לעבען טייך באַריקאַדען, פאַרשפּאַרט די דורכגאַנגען און שטעלט פאַנאַנדער די וואַך. איינער פון די פּאַטרולען האָט אַרומגערינגעלט מערי לאָוורא, וואו די שטאָדט פּאָטערס האָבען געהאַלטען אַ פאַרזאַמלונג און האָבען שיער ניט געכאַפּט זשול פערי, וועלכער איז אַרויסגעשפּרונגען דורכ'ן פענסטער.

די שטאָדט־פּאָטערס און זייערע געהילפען זיינען די גאַנצע צייט געלעגען אין איין מורא. זיי האָבען געשיקט אַ דעלעגאַציע צו דער רעגירונג אויסצוגעפינען וואָס מען זאָל טאָן. טיער, דער הויפּט פון דער צייטווייליגער רעגירונג, וואָס איז באַשטימט געוואָרען אין באָרדאָ, איז אינגאַנצען נעלם געוואָרען. פיקאַר — טיער'ס מיניסטער איבער די אויסערליכע ענינים — האָט דער דעלעגאַציע ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען און גענעראַל ד'אָרעל פּאַלאַדין, — אַן אַנדער מיטגליד פון טיער'ס רעגירונג — האָט זיך אינגאַנצען פאַרלאָרען און האָט אָנגעפאַנגען צו וואַרפען די גאַנצע שולד אויף זיינע חברים־אַדוואָקאַטען.

אונטער דער צייט האָבען די פאַראייניגטע פאָלקס אָפּטיילונגען אַרומגערינגעלט דאָס ראַט־הויז, באַזעצט דעם וואַנדאָם פּלאַץ, וואוהין וואַרלען, אַרנאָלד און בערזשערע האָבען צונויפגעפיהרט די באַטאַליאָנען פון באַטיניאָל און מאָנמאַרט. די פאַרביסענע רעאַקציאָנערען פון דער רעגירונג זיינען געוואָרען מלא רציחה און מיט שום אין מויל האָבען זיי געשריען, אַז מען מוז ערקלערען אַ בימערען קריג די רעוואָלוציאָנערען. אַנדערע, מעהר מיושב'דיגע רעגירונגס לייט, האָבען ביי זיך געוואוסט, אַז זיי האָבען ניט הינטער זיך אַן אַרמעע, וואָס זאָל מיט זיי האַלטען און האָבען געזוכט מיטלען, ווי אַזוי איינצונעהמען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, זי זאָל ניט זיין געגען דער רעגירונג. זיי האָבען געזוכט און אויסגעפונען אַ מיטעל ווי דאָס צו טאָן. זיי האָבען באַשטימט פאַר'ן קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע דעם פּאָלקאָווניק

לאנגלוא, וועלכער איז אמאל געוועז א מיטגליד פונ׳ם אינטערנאַציאָנאל, זעהר א לייכטזיניגער מענש, וואס האט גאנץ אפט געביטען זיינע איבערצייגונגען. לאנגלוא האט דעם פאסטען אנגענומען און איז אוועק צום ראט־הויז, וואו ער האט געדאַרפט איבערנעהמען זיין אמט.

אויפ׳ן גאס פאר׳ן ראטהויז איז געווען א גרויסע באוועגונג. די וואך האט דורכגעלאזען בלויז אפיצערען פון דער נאציאָנאלער גווארדיע און מיטגלידער פון דעם צענטראל קאמיטעט. ארום האלבע נאכט האבען זיך דאָרטען צונויפגעקליבען ביז אן ערך 20 מיטגלידער, וועלכע האבען צווישען זיך אפגעהאלטען א בעראטונג איבער די ווייטערדיגע שריט, וואס מען דארף טאן.

ניט אלע פון די פארזאמעלטע זיינען געווען צווישען זיך איינינ. א סך האבען ביי זיך ניט געקענט פועל׳ן אפצוברעכען מיט דער רעגירונג. זיי האבען מורא געהאט צו נעהמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט און זיך דערקלערען פאר די פארטרעטער פון פאריז. „מיר האבען ניט קיין רעגירונג׳ס פולמאכט", האבען אנדערע גע׳טענה׳ט און האבען אנגעפאנגען תרמה צו האבען אויפ׳ן גאנצען אויפשטאנד. אבער די מעהר ענערגישע און מעהר באוואוסטזיניגערע האבען געפיהלט, אז אויף זיי ליגט איצט א חוב צו ווערען די אמת׳ע דינער פון פאלק און האבען זיך ניט נעשראקען פאר קיינע פאלגען. זיי האבען באשלאסען איבערצונעהמען די פארוואלטונג פון שטאדט ביז וואנען עס וועלען קומען די נייע פארטרעטער דורך די וואהלען, וואס דער צענטראל קאמיטעט וועט דארפען באשטימען.

ל י ו ל י ע איז אויך געווען צווישען די פארזאמעלטע און האט באלאנגט צום עכט לינקעל פליגעל.*) דער צענטראל קאמיטעט האט איהם, צום באדויערען, באשטימט פאר׳ן קאמאנדיר פון דער נאציאָנאלער גווארדיע און ניט דעם ניט לאנג באפרייטען רעוואלוציאָנער ברויגעל׳ן, וועלכער האט אזוי געלונגען דורכגעפיהרט דעם גאנצען אויפשטאנד. איהם האט מען באשטימט פאר א געוועהנליכען אמט אין ראטהויז.

---

*) איז שפעטער געווארען א פאררעטער. — א. ש. ז.

צוויי אוהר מארגענס (דעם ניינצעהנטען מערץ) האט זיך באוויזען לאנגלוא, און האט זיך פארגעשטעלט אלס דער קאמאנדיר פון דער נאציאנאלער גווארדיע.

— ווער האט אייך באשטימט אויף דעם פאסטען? האבען געפרעגט די מיטגלידער פונ׳ם צענטראלען קאמיטעט.

— די רעגירונג! — האט געענטפערט לאנגלוא.

— די נאציאנאלע גווארדיע קלייבט אליין אוים איהרע באַאמטע — האט מודיע געווען עדוארד מארא, דער יונגער רעוואַלוציאנער.

— מיר ווילען אליין אויסקלייבען אונזערע קאמאנדירען, באַשטימען שטאדטישע וואהלען און אננעהמען געוויסע פארזיכערונגס מיטלען קעגען די מאנארכיסטען. אויב איהר האלט מיט אונז, טא ווארפט זיך אונטער די וואהלען פון פאלק — האבען מיט איין קול צוגעגעבען מעהרערע פון די פארזאמעלטע. לאנגלוא איז אבער באשטאנען דערויף, אז עס איז נאך פאראן א י י ן געזעצליכע מאכט און דאס איז די רעגירונג פון טיער. און די רעגירונג — זאגט ווייטער לאנגלוא — וועט קיין מאל ניט אריינגעהן אין פארהאנדלונגען מיט א קאמיטעט, וואס איז באשאפען געווארען דורך א בונט.

די דאזיגע ווערטער האבען ארויסגעבראכט פון געדולד די פארזאמעלטע, וועלכע האבען קליפ און קלאר געשטעלט לאנגלוא׳ן די פראגע:

— איהר אנערקענט דעם צענטראלען קאמיטעט אדער ניט?

— ניין, האט געענטפערט לאנגלוא, און האט זיך גלייך אפגעטראגען.

די נאכט צו דעם 19טען מערץ איז פארביי זעהר רוהיג. אבער א דאנק דער רוהיגקייט האט די קאנטר־רעוואלוציע אנגעפאנגען צו זאמלען איהרע שווארצע כחות, מיט וועלכע זי האט זיך שפעטער מיט אזא אכזריות ארויפגעווארפען אויף די קעמפער פון דער פאריזער קאמונע און האט דערטרונקען די רעוואלוציע אין טייכען בלוט.

די סאלדאטען פון דער נאציאנאלער גווארדיע זיינען געווען טויט מיד, האבען קוים געקענט ריהרען די פיס. מיט דער דאזיגער

געלעגנהייט האָט זיך באַנוצט די רעגירונג און האָט ארויסגעפיהרט א סך מיליטער פון פאריז קיין ווערסאל.

וואָלט געשטאַנען אן דער שפּיץ פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אַן איבערגעגעבענער, עהרליכער רעוואָלוציאָנער, וואָלט ער דאָס לייכט געקאָנט פארהיטען. אָבער דער קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איז צום אומגליק געווען ל י ו ל י ע, וועלכער האָט געלאָזען אָפען די טויערען פון פאריז.

אזוי איז פאַרלאָפען דער אכטצעהנטער מערץ פון 1871 — דער ערשטער טאָג פון יענער גרויסער היסטאָרישער צייט, וואס איז באַוואוסט אונטער'ן נאָמען: „די פּאַריזער קאָמונע".

וועלכע אורזאכען האָבען געפיהרט צו דער פּאריזער קאָמונע? אויף וואָס'ער באָדען איז זי אויסגעוואקסען? וועלכע פּארטייען און וועלכע העלדען האָבען געשפּילט די הויפּט ראָליע אין דער דאָזיגער גרויסער היסטאָרישער געשעהעניש? אויף וועלכע ריכטונגען האָבען זיך די קאָמונאַרען צוטיילט? וואָס זיינען געווען זייער געגענווארטס פּראָגראַמען און זייערע צוקונפטס אידעאלען? און — צו לעצט, — וואָס זיינען געווען די אורזאכען פון דער קאָמונע'ס טראַגישער נידערלאגע, וואו אזא הערליך, שעהן בלאט איז פארנעצט געווארען מיט אזוי פיל בלוט און מארך פון די מענשענקינדער?

אָט דאָס אַלץ צו דערקלערען, איז די אויפגאבע פון אונזער ווערק.

פראנקרייך נאָך דעם יאָהר 1848.

נאָך דער פעברואר רעוואָלוציע פון 48טען יאָהר, פון פאָריגען יאָהר־הונדערט, וואו דער ארבייטער קלאַס פון פראנקרייך האָט מיט אזוי פיל העלדישקייט ארונטערגעווארפען לואי פיליפ'ען, דעם לעצטען פראנצויזישען קעניג פון דער אָרלעאַניסטישער משפחה (א צווייג פון דער בורבאָן־דינאַסטיע, וואָס האָט רעגירט איבער פראנקרייך ביז דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע) און האָט פראָקלאמירט די „סאָציאלע רעפובליק", האָט די פראנצויזישע בורזשואזיע, ווי איהרע נאָהענטע קרובים אין אנדערע אייראפעאישע לענדער, אָנגעפאַנגען צו פיהרען א שרעקליך רעאקציאָנערע פאָליטיק.

פארגעסענדיג, אז די ארבייטער זיינען געווען די הויפּט־קעמפער פאר דער פרייהייט, וואס לואי פיליפ האָט ניט געגעבען מיט גוטען, — האָט די בורזשואזיע, גלייך ווי זי האָט געקראָגען די מאכט, אָנגעפאנגען ניט נאָר זיך דערווייטערען פון איהרע דער־לייזער, נאָר זי האָט זיי פאראַטען אויף דעם מיאוס'טען און גרויזאמסטען אופן.

זי האָט אָנגעפאנגען צו טרעטען מיט די פיס די „סאָציאלע רעפובליק" און האָט איגנאָרירט און זיך געמאכט כלא ידע פון די פאדערונגען, צוליב וועלכע די ארבייטער האָבען זיך אזוי פיל מקריב געווען. זי האָט זיי פראָוואָצירט אויף יעדען טריט און שריט און די ארבייטער האָבען אויסגעגאָסען זייער ביטערנים און גאל אין דעם „יוני־אויפשטאַנד". די בורזשואזיע האָט זיך דאָ באנוצט מיט דער געלעגענהייט און האָט געשלאָסען א שדוך מיט איהרע פריהערדיגע שונאים, — מיט די פריצים און די געבוירענע מיוחסים פון דעם אדעל און האָבען אונטער דער פיהרערשאפט פון גענעראל קאווענאַק מיט אלגעמיינע כחות אויף דעם ברוטאלסטען אופן דערטרונקען דעם אויפשטאַנד אין טייכען בלוט און טרעהרען פון דעם ארבייטער קלאַס.

אהן דעם ארבייטער קלאס, דעם געזונדסטען און פארגעשרי־טענסטען טייל פון יעדער נאציע, איז די פראנצויזישע רעפובלי־קאנישע רעגירונג פונ׳ם 48טען יאהר, געווארען אלץ מעהר דעגע־נערירט, אומקאמפעטענט און אפגעשוואכט. זי איז געווארען א זומפ, וואו פארשידענע אוואנטוריסטען און נידעריגע קאריעריסטען, האבען אהן שום בושה געבויט אונזויבערע אבער ווארעמע נעסטען פאר זיך און זייערע מקורבים. די גאנצע רעגירונגס סביבה איז געוועזען אזוי פארפוילט, דאס אין 1851 האט לואי באנאפארט (פון נאפאלעאנ׳ס משפחה), א דאנק די אינטריגעס פון זיין ווייב יעוו־געניע, וואס האט איהר גאנצען לעבען געשטרעבט צו זיין א הערשערקע, א קעניגין, דורכגעפיהרט די מלוכה־איבערקעהרעניש. ער האט מבטל געווען די פראנצויזישע רעפובליק און זיך פראק־לאמירט אלס דער אימפעראטאר פון פראנקרייך אונטער דעם נא־מען „נאפאלעאן דער דריטער“.

אין די יאהרען פון לואי באנאפארט׳ס הערשאפט איז פראנק־רייך שטארק עקספלאאטירט געווארען פון דער גאנצער רעגירונגס־קליקע, וואס איז באשטאנען פון אלערליי שארלאטאנעס און פא־ראזיטען. די קייזערין יעווגעניע׳ס הויף איז געווען דער צענטער פון פיזישער צולאזענקייט, גייסטיגער אומפרוכטבארקייט און פא־ליטישער אומפאראנטווארטליכקייט. אין יענער צייט איז גראד געווען אן אינדוסטריעלע אויפלעבונג, פראספעריטעטס יאהרען, און די בורזשואזיע איז געווען שטארק פארטאן מיט געלד מאכען. נא־פאלעאן דער דריטער האט איהר געלאזט צו רוה און זי האט געלאזט צו רוה נאפאלעאנ׳ען. יעטווידער פון דעם קאפיטאליסטי־שען קלאס און דער רעגירונגס־כאליאסטרע האט זיך געפיהלט ווי „גאט אין פראנקרייך“. דאס פאלק, דאס ארבייט־פאלק איז געווארען בארויבט עקאנאמיש און אונטערדריקט פאליטיש. עס איז געווען אין גאנצען פארשקלאפט צו דער דרייאייניגקייט: רע־גירונג, קלעריקאליזם און בורזשאזיע. עס איז אבער געווען צו שוואך ארויסצוטרעטען. די ארבייטער זיינען נאך ניט געווען צוריקגעקומען פון די מאויים׳דיגע קלעפ, וואס זיי האבען געקראגען אין די יוני־טעג פון דעם 48־סטען יאהר. זיי האבען געליטען און געשוויגען.

די כלומרשט'דיגע געזעצגעבענדע קערפערשאפט האט ווי א דינסט דערפילט די באפעהלען פון נאפאלעאנ'ען. די פאליציי האט שטארק נאכגעקוקט, עס זאל זיך ניט הערען אפילו א פיפס פון פרייהייט, פון באוועגונג. כמעט אלע אפאזיציאנס צייטונגען זיינען געווארען אונטערדריקט. ניט געווען צו הערען און צו זעהן א פריי ווארט.

ביסלעכוויז אבער האט די שווערע, שווארצע כמארע פון רעאקציע אנגעפאנגען אפצוטרעטען; די פאליטישע לופט האט זיך אנגעהויבען צו רייניגען. עס האבען זיך אנגעפאנגען צו הערן די טענער פון דער מארסעליעזע. און ווידער זיינען דאס געווען די ארבייטער, וואס האבען זיך גענומען צו פארטרייבען די שווארצע וואלקענס, וועלכע זיינען געהאנגען איבער'ן קאפ פון פראנקרייך און דעם פראנצויזישען פאלק.

ביי די וואהלען פון 1857 זיינען מיט דער הילף פון די פאריזער ארבייטער דערוועהלט געווארען די קאנדידאטען, וואס זיינען גע־ ווען פיינדליך צו נאפאלעאן דעם דריטענ'ס אימפעריע. צווישען זיי איז געווען דארימאן, פרודאן'ס א תלמיד און עמיל אליוויע, א זוהן פון א פאליטישען אימיגראנט. מיט א יאהר שפעטער זיינען דערוועהלט געווארען נאך צוויי קאנדידאטען פון דער אפאזיציע: די אדוואקאטען ערנסט פיקאר און זשיול פאוור, וועלכער איז געווען א מיטגליד פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג אין 48סטען יאהר. פיקאר איז אין יענער צייט געווארען זעהר פאפולער דורך דעם, וואס ער האט פארטיידיגט דעם איטאליענער ארסיני, וועלכער האט געמאכט א פארזוך צו טויטען נאפאלעאנ'ען פאר זיין פאליטיק בנוגע איטאליען.

נאפאלעאן האט זיך שטארק דערשראקען מיט דעם רעזולטאט פון די וואהלען, און ער האט זיך געאיילט צו דערקלערען אן אמ־ נעסטיע פאר די פאליטישע אימיגראנטען, וועלכע האבען זיך געפונען אין אויסלאנד — די קרבנות פון דעם צווייטען דעצעמבער 1851, ווען ער האט פארכאפט די מאכט. צווישען די פא־ ליטישע אימיגראנטען וואס האבען ניט געטארט זיין אין פראנקרייך אונטער לואי באנאפארט'ס רעזשים, האבען זיך געפונען אזוינע „פארברעכער" ווי א שטייגער וויקטאר הוגא, לעדריו ראלען,

לואי בלאן, פעליקס פיא, שעלשער, קלימאן טאמא, יעטיען אראגא און אנדערע.

די אמנעסטיע האט אבער קיינעם ניט בארוהיגט און האט ניט געהאט די ווירקונג, וועלכע דער אימפעראטאר פון פראנקרייך האט געוואלט, זי זאל האבען.

אין דערזעלביגער צייט האט די קייזערין יעווגעניע מיט איה־רע פאווארימען אריינגעשלעפט פראנקרייך אין א צרה'דיגער פא־ליטיק מיט מעקסיקא. לואי באנאפארט האט קעגען דעם ווילען פון פראנצויזישען פאלק ארגאניזירט אן אוואנטוריסטישע עקספע־דיציע מיט דעם צוועק צו גרינדען דארטען א מאנארכיע. פאר'ן קעניג פון מעקסיקא האט ער באשטימט מאקסימיליאן האפסבורג דעם ברודער פון עסטרייכישען קייזער פראנץ יאזעף. איינע פון די צוועקען פון דער עקספעדיציע איז אגב אורחא געווען צו פאר־שטארקען אין מעקסיקא די פיינדליכע שטימונג, וואס האט דארטען געהערשט קעגען די פאראייניגטע שטאטען.

די דאזיגע אוואנטורע, וואס האט געקאסט פראנקרייך אומזיסט און אומינשט אזוי פיל בלוט און גוט, האט ארויסגערופען א שטאר־קע ענטריסטונג אין פאריז, וואו עס האבען זיך אימער געפונען די בעסטע און שעהנסטע קעפ פון פראנקרייך. דער נייער דור — די קינדער פון די 48־גער — האט גע'ירשה'נט דעם קאמפלוסט פון די פאטערס, און ער האט אנגעפאנגען שטארק צו פראטעסטירען קעגען די מעשים פון די פראנצויזישע מלוכה־קליקעס, וואס בא־דעקען פראנקרייך מיט חרפות און בזיונות.

אין די זעכציגער יאהרען פון פאריגען יאהר הונדערט האט פראנקרייך ערוואכט צו א נייעם לעבען.

אין לאטיינישען קווארטאל האבען זיך אנגעפאנגען צו בא־ווייזען פראקלאמאציעס מיט רעוואלוציאנערע שלאג־ווערטער. סטו־דענטען און ארבייטער האבען אפט ארגאניזירט דעמאנסטראציעס, וואו מען האט אויסגעדריקט א סימפאטיע צו די פוילישע רעווא־לוציאנערען, וועלכע האבען געמאכט דעם לעצטען פארזוך זיך צו באפרייען פו'ן דעם צארישען יאך. די אומצופרידענע קליינבירגער זיינען צוגעשטאנען, ווי געוועהנליך, צו די ראדיקאלע עלעמענטען. אין יאהר 1863 זיינען אלע רעגירונגס קאנדידאטען דורכגעפאלען

ביי די פּאַריזער וואהלען. געזיגט האָבען די קאַנדידאַטען פון דער פאַראייניגטער אָפּאָזיציע, ווי זשיול פאַוור, עמיל אָליוויע, פּיקאַר, זשיול סימאָן, טיער און אַנדערע.

די קאַנדידאַטען פון דער אָפּאָזיציע זיינען געווען פיינדליך צו דער אימפּעריע פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען ניט צוליב סאָציאַ־לע און עקאָנאָמישע מאָטיווען, נאָר צוליב ריין פּערזענליכע חשבונות. טיער, צום ביישפּיל, איז געווען א מאָנאַרכיסט־אָרלעאַניסט, א מיניסטער אונטער לואי פיליפּ און איז געווען קעגען לואי באָ־נאַפּאַרט, ניט אויס ליבע צום פאָלק, נאָר אויס ליבע צו זיך און צו זיינע אינטערעסען.

מיר מיינען, אז עס איז גראַד איצט, איידער מיר געהען נאָך איבער צו די וויטערדיגע געשעהענישען, די צייט זיך צו באַקענען מיט די הויפּט „העלדען” פון דעם אָפּאָזיציאָנעלען בלאָק. די געגויע באַקאַנטשאַפט מיט אָט די פּאַרשוינען, וועט אונז דינען פאַר א שליסעל בעסער צו פאַרשטעהן די שענדליכע ראָליע, וואס די דאָזיגע „פאָלקס פאַרשטעהער” פון 1863, האָבען געשפּילט שפּעטער, אין דעם יאָהר 1871.

אָט ווי קאַרל מאַרקס שטעלט זיי פאָר*):

ז ש י ו ל פ א ו ו ר האָט לויט די דאָקומענטען פון דעם פּאַריזער דעפּוטאַט צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג מיליער, גע־לעבט אומגעזעצליך מיט דער פרוי פון איינעם א שכור, וואָס האָט געוואוינט אין אַלזשיר, מאַראָקאָ. דורך יאָהרען־לאַנגע סיסטע־מאַטישע, געמיינע, נידערטרעכטיגע פעלשונגען, האָט ער דערצו נאָך באַרויבט די קינדער פון זיין קעבס ווייב און איז דורכדעם געוואָרען א רייכער מאַן. ער איז פאַר די דאָזיגע פאַרברעכענס גערופען געוואָרען צום געריכט, אָבער ער האָט אונטערגעקויפט די ריכטער און זיינע מעשים תעתועים זיינען ניט ענטפּלעקט געוואָרען פאַר'ן ברייטען עולם. שפּעטער האָט דער זעלביגער זשול פאַוור דערקלערט די קאָמונאַרען פאַר געפעהרליכע מענשען, ווייל זיי זיינען

*) זעה „דער בירגער קריג אין פראַנקרייך”, איבערזעצט פון י. לעווין. ארויסגעגעבען פון דער „אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע”.

קעגען רעליגיע און טהרת המשפחה... ער האָט אויך שפּעטער, ווען ער האָט געקראָגען די מאכט, ארויסגעגעבען אן עקסטרא באפעהל צו דערשיסען זיין פּערזענליכען שונא, מיליער, וועלכער האָט גע־וואוסט אלע זיינע חסרונות. דער באַפעהל איז אויך אויסגעפיהרט געווארען.*)

ערנסט פּיקאר האָט געהאט אן אמביציע צו ווערען דער מיניסטער איבער די אינערליכע אנגעלעגענהייטען. ביי נאַפּאָלעאָן דעם דריטען האָט זיך איהם דאָס ניט איינגעגעבען, האָט ער געגען איהם אינטריגירט. ער איז געוועזן דער ברודער פון א געוויסען ארטור פיקאר, וועלכער איז אין יאָהר 1867 געשטעמפּעלט געווארען פון דעם פּאריזער פּאָליציי־פּרעפעקט אלס שווינדלער און פשוט'ער גנב. דער „ליבעראל" ערנסט פיקאר האָט באַשטימט זיין ברודער ארטהור פאר'ן רעדאקטאָר פון זיינער א צייטונג, כדי ער זאָל קאָנען בעסער שווינדלען אויף דער בערזע צוליב די אפּי־ציעלע פארבינדונגען, וואָס ער האָט געקראָגען. ער האָט אנגע־קליבען קאפּיטאַלען פון די פראנצויזישע אומגליקען.

טיער איז געווען א מיאוס'ע בריאה. האָט אין פארלויף פון איבער פופציג יאָהר פאר'כשופ'ט די פראנצויזישע בורזשוא־זיע. ער איז געווען די פארקערפּערונג פון איהר קלאַסען־פאַרדאָר־בענקייט. ער האָט געשריבען געשיכטע, וואָס איז געווען פול מיט ליגענס. די געשיכטע פון זיין לעבען איז די געשיכטע פון פראנק־רייך'ס אומגליק. אין יאָהר 1830 איז ער געווען פארבונדען מיט די רעפּובליקאנער. פאר לואי פיליפּ'ן האָט ער זיך דערשלאָגען צו א מיניסטער פּאָסטען, פארראטענדיג דערביי זיינעם אן אמאָליגען פריינד און באשיצער. צום קעניג לואי פיליפּ'ן האָט ער גע־שמייכעלט, זיך גע'חנפה'ט. ער איז געשטאנען אין אינטימע בא־ציהונגען מיט דער הערצאָגין פאָן־בעררי. ער פלעגט העצען דעם פאָלק צו מאכען פּאָגראמען אויף די גלחים אין די קירכען. ער איז שפעטער אויך געווארען א הייסער פארטיידיגער פון רעליגיע, פּריוואט אייגענטום און פאמיליע...

---

*) זעה ווייטערדיגען קאפּיטעל: דער טויט פון די קאָמו־נאַרען. — א. ש. ז.

א צייט איז ער געווען אין אונגארען. גארא, דער הויפט־מיניסטער ביי לואי פיליפ, האט איהם פאראורטיילט צו גלות. ער איז, פארשטעהט זיך, געווען שרעקליך אין כעס דארויף און האט געזוכט א געלעגענהייט זיך נוקם צו זיין. אין פעברואר 1848, אין די שטורעם טעג, ווען ער האט מיט זיין פאליטישען חוש הריח דערפיהלט, אז ס'קומט א פאלקס אויפשטאנד, איז ער אויך גע־ווארען א „רעוואלוציאנער" און האט ווי אן אמת'ער צבועק דער־קלערט אין דעפוטאטען קאמער:

„איך געהער צו דער פארטיי פון דער רעוואלוציע ניט נאר אין פראנקרייך, נאר אין גאנץ אייראפע. איך וואלט געוואלט, אז די רעוואלוציאנערע רעגירונג זאל פארבלייבען אין די הענט פון מעסיגע לייט, אבער ווען אפילו די רעגירונג וועט אריינפאלען אין די הענט פון היציגע מענשען, אפילו פון ראדיקאלען, וועל איך זיך צוליב דעם פון מיין אמט ניט אפזאגען. איך וועל אלע מאל געהערען צו דער פארטיי פון דער רעוואלוציע." אין די יוני־טעג איז ער שוין געווארען א חסיד פון „רוה און ארדנונג" און א גוואלדיגער געגנער פון די רעוואלוציאנערען. טיער פלעגט יעדען טאג קענען ענדערען זיינע מיינונגען אזוי ווי עס פלעגט זיך פאסען פאר זיינע פערזענליכע אינטערעסען. אין איין זאך איז ער געווען פעסט און אויסגעהאלטען זיין גאנצעס לעבען און דאס איז, אין זיין זשעדנעקייט צו רייכקייט און אין זיין שנאה צו די מענשען, וואס שאפען זיי. „טיער איז געווען א מייסטער אויף קליינליכע פעלשונגען, א קינסטלער אין פאלש שווערען און פאררעט, א פרא־פעסיאנעלער שווינדער". „ער איז אלע מאל געווען גרייט אויפ־צוהויבען א רעוואלוציע, ווען ער פלעגט ווערען ארויסגעזעצט פון זיין שטעל און שפעטער, ווען ער האט צוריקגעקראגען די מאכט, זי דערטרינקען אין בלוט. אנשטאט אידעען איז ער געווען פול מיט קלאסען־פאראורטיילען. אין זיין פריוואט לעבען איז ער געווען פונקט אזוי שעדליך, ווי אין געזעלשאפטליכען לעבען ני־דערטרעכטיג"..

טיער, זשול פאווור, פיקאר און זייערע חברים זיינען שפעטער געווארען די הויפט פיגורען פון דער קאנטר־רעוואלוציע, און די גרוייזאמסטע הענקער פון די קאמונארען... אבער לאמיר ניט כאפען

די פיש פאר'ן נעץ און לאָמיר אָנגעהן כסדר מיט די געשיכטליכע פאסירונגען.

אין 1863 זיינען, ווי געזאָגט, טיער, זשול פאוור און פיקאר דערוועהלט געוואָרען אלס די פארטרעטער פון דער אָפּאָזיציע פון פאָלק, קעגען דעם ווילען פון לואי באָנאפּארט און זיין הויף קאַמאריליע. זיי זיינען אויך אונטערגעשטיצט געווארען פון די אַרבייטער. אזא מזל האָט תמיד דער ארבייטער קלאַס. ער העלפט קריגען די מאכט די יעניגע, וועלכע נוצען זי, די מאכט, אויס קעגען איהם.

די ארבייטער באוועגונג אין פראנקרייך און דער ערשטער אינטערנאציאָנאַל.

סוף 1863 האָבען זיך אין פראנקרייך אָנגעפאנגען צו ווייזען סמנים פון א זעלבסטשטענדיגער, קלאסען־באוואוסטער ארבייטער באוועגונג.

דער דרוקער בלאן האָט דערקלערט דעם דירעקטאָר פון דער צייטונג „סיעקל", אז די ארבייטער האָבען אויך רעכטען. אזא דערקלערונג האָט מען באטראכט פאר צו חוצפה'דיג און מען האָט אויף בלאן'ען אנגערייצט מאנכע פון זיינע חברים־ארבייטער גופא.

איינציגע מאָנאטען שפעטער, דעם 17טען פעברואר, 1864, האָבען די ארבייטער נאָך אמאָל געלאָזט פון זיך הערען. איצט שוין א ביסעל קלערער. עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען נאָך־וואהלען, וואָס האָבען געדארפט פארקומען אין פאריז, ווייל צוויי פון די פאריזער דערוועהלטע, זשול פאוור און גאווען, זיינען אויך אויסגעקליבען געווארען אין דער פראָווינץ.

זעכציג ארבייטער האָבען ארויסגעלאָזען א מאָניפעסט, וואס איז געווען אונטערגעשריבען פונ'ם בראָנז־ארבייטער טאלען, פרודאָנ'ס א תלמיד.

„פארטרעטער פון דער אָפּאָזיציע — לעזען מיר אין מאָניפעסט, — אויב מיר געהען מיט אייך האנד אין פאָליטיק, טאָ הייסט דאָס נאָך ניט, אז מיר געהען צוזאמען בנוגע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראגען. מען זינגט אונז תמיד דאָס אלטע לידעל, אז זינט 1789 זיינען אָפּגעשאפט געווארען די קלאסען און אז אלע פראנצויזען זיינען גלייך פאר'ן געזעץ; אונז אָבער, וועלכע האָבען ניט קיין אנדער אייגענטום אויסער אונזערע ארבייטס הענט; אונז, וועמען עס קומט שטענדיג אויס צו זיין פארדונגען צום סא־

פיטאל; אונז, וועמען עס קומט שטענדיג אויס צו לעבען אונטער אויסנאהמס געזעצען — אונז איז שווער צו הערען אזא לידעל.... אונזערע קינדער פארברייגגען גאנץ אפט זייערע צארטע יונגע יאהרען אין א דעמאראליזירטער און אומגעזונטער אטמאספערע פון פאבריק און ווארשטאט; אונזערע פרויען זיינען געצוואונגען קעגען זייער ווילען צו ווארפען אונזער הויז און פאמיליע און זוכען אנדערשוואו שווערע ארבייט. און דעריבער באהויפטען מיר, אז די גלייכהייט, וואס איז פארשריבען אין געזעץ, עקזיסטירט ניט אין דער ווירקליכקייט... אבער, זאגט מען אונז, די דערוועהלטע דעפוטאטען קענען פאדערען דיזעלביגע רעפארמען, ווי איהר גופא, יא, אפילו בעסער פון אייך... מיר ענטפערען דערויף: ניין! מיר האבען ניט קיין פארטרעטער. אויף דער לעצטער זיצונג פון דער געזעצגעבענדער קערפערשאפט, האט זיך קיין איין איינציגער דעפוטאט איינגעפונען, וועלכער זאל פארמולירען אונזערע שטרע־בונגען, אונזערע וואונשען, אונזערע רעכטען, ווי מיר פארשטעהען זיי. מיר האבען ניט אונזערע פארטרעטער. מיר זאגען, אז איצט, נאך צוועלף יאהר געדולד, איז געקומען דער ריכטיגער מאמענט. אין 1848 האבען די ארבייטער וואהלען פראקלאמירט פאליטישע גלייבקייט. היינטיגע וואהלען פון 1864 וועלען פראקלאמירען סאָ־ציאלע גלייבקייט!"

דער מאניפעסט איז ניט באשטאנען פון אלגעמיינע פראזען. ער האט געזאגט מיט איינפאכע, פשוט'ע ווערטער דאס, וואס איט־ליכער ארבייטער האט געפיהלט.

די לאגע פון די ארבייטער נאך דער איבערקעהרעניש פון דעם צווייטען דעצעמבער איז אין אמת'ען געווען אן אונערטרעגליכע. ניט געקוקט אויף די פראספעריטעט יאהרען האבען די ארבייטער גע־קראגען פאר זייערע לאנגע שטונדען קלאגעדיגע שכירות, אז'ס האט פשוט ניט געקלעקט אויף דער חיונה. פאליטיש זיינען די ארבייטער געווען שטארק אונטערדריקט. די קאאפעראטיווע אונ־טערנעמונגען, וועלכע דער 48טער יאהר האט איבערגעלאזען בירושה, האט מען ניט געלאזט זיך ענטוויקלען. די רעגירונג האט אנגע־ווענדעט אלערליי מיטלען ווי פון זיי פטור צו ווערען. קיין פאר־איינס־פרייהייט איז ניט געווען. און הגם סטרייקס זיינען אפי־

ציעל ניט געווען פאַרבאָטען, האָבען אָבער די אַרבייטער פון זייער סטרייק־רעכט ניט געקענט מאַכען אַ געברויך. סטרייק־רעכט אָהן דעם רעכט זיך צו פאַראייניגען איז ניט מעהר ווי אַ טויטער בוכ־שטאַב. אין די הערצער פון די אַרבייטער האָבען געטליהט פונקען פון פּראָטעסט קעגען די אונטערנעמער. זיי האָבען אָבער זייער פּראָטעסט ניט געקענט אַרויסטראָגען אויסענוועניג. אין יאָהר 1861 זיינען די דרוקער אַרויס אין אַ סטרייק, וואו זיי האָבען אַרויסגע־שטעלט גאַנץ באַשיידענע פאָדערונגען, אַ שטייגער, אַז עס זאָל זיין אַן אַלגעמיינע קאָמיסיע פון אונטערנעמער און אַרבייטער, וואָס זאָל אויסאַרבייטען די אַרבייטס באַדינגונגען (אַ מין קאָלעקטיווער אַגרימענט!), אויך, אַז פרויען זאָלען ניט אַריינגענומען ווערען אין די דרוקערייען און נאָך אַזוינע פאָדערונגען, אָבער די רעגירונג האָט אָהן אַ ברעקעל בושה זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אונטערנעהמער און האָט אויף אַ זעהר מיאוס'ען אופן אונטער־דריקט די סטרייקער. די סטרייקער זיינען פאַר'משפט געוואָרען צו פאַרשידענע שטראָפען פאַר דעם כלומרשטדיגען פאַרברעכען קעגען דעם פאַרבאָט זיך צו אָרגאַניזירען.

דער מאַניפעסט האָט דאָ, בכן, ניט אויף איין האָר מגזם געווען. פאַרקעהרט, ער איז נאָך געווען צו פאָרזיכטיג. דאָך איז ער באַנגע־געגנט געוואָרען מיט גרויס כעס ניט בלויז מצד דער בורזשואַזער פּרעסע — די דינסט־מויד פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס האָט אויס־געגאָסען גאַנצע פּאָמוניצעס מיט זידלערייען אויף די בונטאָוו־שציקעס, — נאָר אפילו פון די אַרבייטער גופא.

אכציג אַרבייטער האָבען אויף דעם „מאַניפעסט פון די זעכ־ציג" געענטפערט מיט אַנאַנדער מאַניפעסט, אין וועלכען זיי האָבען באַשולדיגט זייערע חברים, אַז זיי האָבען אויפגעהויבען די סאָ־ציאַלע פראַגע ניט אין דער צייט, און אַז זיי ברייננגען דערמיט אַריין מחלוקות צווישען די אַרבייטער.

דער קאַנדידאַט פון די „זעכציג" איז געווען טאָלען, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט אַן אַרבייטער פּראָגראַמע. זיין קאַנדידאַטור און פּראָגראַם זיינען אונטערגעשטיצט געוואָרען פון דעם באַליב־טען, טאַלאַנטפולען פּובליציסט דעלעקליוז, וועלכער האָט געהאַט הינטער זיך אַ גלענצענדע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט און

נאָך א שעהנערע רעוואָלוציאָנערע צוקונפט.*) דאָס האָט אָבער גאר ניט געהאָלפען. טאָלען איז שטארק דורכגעפאלען ביי די וואהלען. ער האָט אין גאנצען געקראָגען 424 שטימען קעגען 14,807 שטימען, וועלכע זיינען אָפּגעגעבען געווארען פאר זיין געגנער, גארניע פּאזשע, אן „איבערגעקעהרטער", א געוועזענער אכט און פערציגער.

„דער מאניפעסט פון די זעכציג" איז אָבער ניט געגאנגען פארלאָרען. ער האָט אביסעל צעטרייסעלט די עפענטליכע מיינונג און די לינקע דעפּוטאַטען האָבען זיך געמוזט מיט איהם רעכענען. זיי האָבען אָנגעפאנגען צו פאָדערען, אז מען זאָל אראפּנעמען דעם פארבאָט אויף פאראיינס פרייהייט און זיי האָבען דאָס אויך ווי עס איז דורכגעפיהרט דעם 25טען מאי, 1864. די ארבייטער האָבען זיך גלייך דערשלאָגען א קירצערען ארבייטס-טאָג און האָבען אויפגעבויט איניגע פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען — יוניאָנס, פון די בראָנז ארבייטער, גאלד שמידען, בלעכערס, סטאָליארעס, דעקאָראַטאָרס און אנד.

מיט איניגע מאָנאַטען נאָכדעם, ווי דאָס פאראיינס געזעץ איז דורכגעפיהרט געווארען, זיינען ווי א מעטעאָר איבער'ן הימעל דורכגעפלויגען פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער די פון דער רעאקציע אונטערדריקטע היסטאָרישע קריסטאַליזירטע אויסרופען פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט:

„די באפרייאונג פון די ארבייטער מוז זיין די זאך פון די ארבייטער גופא."

„מעגען די הערשענדע קלאסען ציטערען פאר א קאָמוניסטישער רעוואָלוציע."

„די פּראָלעטאַריער האָבען אין איהר גאר ניט צו פארלירען, א חוץ זייערע קייטען. זיי האָבען א וועלט צו געווינען."

„פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער פאראייניגט אייך!"

די דאָזיגע אויסגעשרייען זיינען ניט געבליבען, ווי א שטים אין דער מדבר. אין אלע לענדער און צווישען אלע פעלקער האָט אָפּגעהילכט זייער ווידער-קויל.

*) זעה וויייטערדיגע קאפּיטלען. — א. ש. ז.

דעם 28טען סעפּטעמבער, 1864, איז אין לאָנדאָן געגרינ־דעט געוואָרען דער ערשטער אינטער־נאַציאָנאַל, פון וועלכען דער אוטאָר פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט, קאַרל מאַרקס, איז געווען דער טעאָרעטיקער, שעפער און גענעראַל סעקרעטאַר.

אין די פּאָר יאָהר ביז דער גרינדונג פון'ם אינטערנאַציאָנאַל זיינען פאָרגעקומען אַנדערע וויכטיגע געשעהענישען אין דער אַרבייטער וועלט.

אין יאָהר 1862, אויף דער וועלט־אויסשטעלונג אין לאָנדאָן, האָבען זיך די דעלעגאַציעס פון פראַנצויזישע אַרבייטער און די פאַרטרעטער פון די ענגלישע טרייד יוניאָנס צוזאַמענגעטראָפען און זיך דורכגערעדט וועגען זייערע אַלגעמיינע אינטערעסען. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניגונג. דאָרטען איז געמאַכט געוואָרען צום ערשטען מאָל דער שטאַרקער טאָסט: „פאַר דעם צוקונפטיגען אַנד פון אַלע אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט".

אין 1863 איז אין פּאַריז פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג וועגען פּוילען און דאָרטען איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דאָס פּראָג־ראַם פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען צוזאַמענפאָהר. עס זיינען דאָרטען אויך דערוועהלט געוואָרען דעלעגאַטען, צווישען וועלכע עס איז געווען דער שוין אויבענדערמאָנטער טאָלען. אין ענגלאַנד איז אויך פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָהר, וואו עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו אָרגאַניזירען אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע פון אַרבייט.

אין 1864 איז צום ערשטען מאָל פאָרגעקומען אַן אַרבייטער קאָנ־גרעס אין אַמעריקע, וואו די אַרבייטער סאָלידאַריטעט איז שטאַרק אונטערגעשטראָכען געוואָרען.

דער אינטערנאַציאָנאַל איז, ווי מען זעהט, באַשאַפען געוואָרען אין אַ צייט, ווען די אַרבייטער פון די מעהר פאָרגעשריטענע לענ־דער, האָבען אָנגעפאַנגען קומען צו זיך פון די קלעפּ, וואָס זיי האָ־בען געקראָגען נאָכ'ן 1848סטען יאָהר, ווען די רעאַקציע האָט אָנ־געפאַנגען צו בושעווען.

איינמאָל געגרינדעט, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אָנגעפאַנגען אויסצואיבען אַ גרויסען איינפלוס אויף דער אַרבייטער באַוועגונג

אין פראנקרייך. עס האט זיך געעפענט אן אפטיילונג פונ׳ם אינ־טערנאציאנאל אין פאריז אונטער דער פיהרונג פון די ארבייטער פיהרער טאלען און לימוזען. די פאריזער ביורא פונ׳ם אינטערנא־ציאנאל איז געווארען דער צענטער פון דער רעוואלוציאנערער ארבייט.

אין 1865 איז געשטארבען פרודאן, וואס האט זיין גאנצען לעבען געווידמעט צו באווייזען, אז „אייגענטום איז גנבה״.

די ארבייטער האבען איהם געמאכט א גוואלדיג גרויסע, ריזיגע לויה, וואס האט געטראגען דעם כאראקטער פון א דעמאנסטראציע קעגען דער אימפעריע. מיט איין מאנאט שפעטער נאך פרודאנ׳ס טויט האבען די ארבייטער פון פאריז מיט א געפיהל פון צופרידענ־הייט געשריען „ביז״ אויף דער לויה פון דעם אימפעראטאר׳ס ברו־דער, מארני.

אין דער אייגענער צייט איז פאר דעם פראנצויזישען פאלק ענטפלעקט געווארען דער מיאוס׳ער דורכפאל פון דער עקספעדיציע קיין מעקסיקא, וואו די פראנצויזישע ארמעע האט געהאט מפלות נאך מפלות און נאפאלעאנ׳ס אימפעראטאר אויף דעם מעקסיקא־נישען טראן מאקסימיליאן איז שפעטער דערשאסען געווארען פון די מעקסיקאנישע פאטריאטען דעם 19טען יוני, 1867.

ווי עס איז שוין געזאגט געווארען, איז איינע פון די כונות, וואס נאפאלעאן דער דריטער האט געהאט ביים שיקען די עקס־פעדיציע, געווען, אפצושוואכען דעם איינפלוס פון די פאראיי־ניגטע שטאטען. דאס פראנצויזיש פאלק און זיין פארגעשריטענער טייל פון יענער צייט, די שטודירענדע יוגענד, איז גראד געווען אין סימפאטיע מיט די פאראייניגטע שטאטען. ווען אייבראהאם לינ־קאלן איז געטויטעט געווארען פון די שקלאפען־האלטער, האבען פופצעהן הונדערט סטודענטען פון פאריז אונטער דעם פארבאט פון דער פאליציי ארגאניזירט א גרויסע מאניפעסטאציע צו עהרען דעם ערמארדעטען פרעזידענט־באפרייער.

עס איז אויך פארגעקומען א סטודענטען קאנגרעס אין ליעזש, וואו די פראנצויזישע יוגענד האט גענומען א שטארקען אנטייל. זי האט דארטען ארויסגעשטעלט א שווארצע פאהן, אלס א צייכען פון טרויער אויף די פראנצויזישע פרייהייט. די דעלעגאטען אויפ׳ן

קאָנגרעס זיינען פאר זייער „פארברעכען” אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער אקאדעמיע. דער סטודענטען קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אביסעל שפעטער נאָך דער גרינדונג פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט ארויסגעשטעלט גרויסע אלוועלטליכע לאָזונגען, און דער אינטערנאַציאָנאַל האָט פארטונקעלט מיט זיך די פארהאַנדלונגען און די רעזאָלוציעס פונ׳ם סטודענטען־קאָנגרעס. אבער א רעוואָלוציאָנערע באדייטונג פאר פראנקרייך האָבען די סטודענטען באוועגונגען געהאַט.

אויף דעם ערשטען קאָנגרעס פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין גענף אין סעפטעמבער, 1866, זיינען זיך צוזאמענגעקומען 60 דעלעגאַטען, באפאָלמעכטיגטע פון אלע לענדער. „דאָס פאָלק וויל ניט מעהר זיך שלאָגען צוליב דעם קאפריז פון זיינע טיראַנען” — האָבען אָפּגעגעבען אַן ערקלערונג די פארטרעטער פון פראַנקרייך. א ר ב י י ט וויל ערָאָבערען א פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט אויסשליסליך צוליב דער ווירקונג פון די ארבייטער גופא, אָהן דער הילף פון זייטיגע מענשען, צו וועלכע די ארייטער פלעגען זיך פריהער ווענדען.” אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פאָהן, וואָס האָט געוועהט איבער די פאָהנען פון אלע פעלקער, איז מיט ווייסע ווערטער געווען אויפגעשריבען: „ניטאָ קיין רעכטען אָהן פליכטען און פליכטען אָהן רעכטען.”

אין די ווייטערדיגע סטרייקס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פאריז, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אנגעפיהרט א ברייטע אגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדא און הגם די רעוואָלוציאָנערע בורזשואזיע און ניט וועניג פון די ארבייטער גופא, האָבען זיך פארהאַלטען פיינדליך צו דער אלוועלטליכער פאראייניגונג פון די פּראָלעטאַריער, האָט זי דאָך געהאַט א גוואַלדיגען איינפלוס אויף דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

אין יאָהר 1867 איז פאר אלעמען געוואָרען קלאָר, אז לואי באָנאַפּאַרט׳ס פּאָליטיק פון אינטריגעס וועט פראנקרייך אריינשלעפּען אין א מלחמה. דער טייל פון דער לינקער בורזשואזיע, וואָס איז געווען קעגען דער אימפעריע און פאר א פראנצויזישער רעפּובליק, האָט נאָכגעטאָן דעם אינטערנאַציאָנאַל און האָט צוזאַמענגערופען אויף דעם 8טען סעפטעמבער אין גענף א קאָנגרעס פון

פארשידענע פעלקער (פעלקער ליגע). פּאָרזיצענדער פון קאָנג־רעס איז געווען דער באוואוסטער גאריבאלדי. אין דער זעלביגער צייט פון דעם פעלקער־קאָנגרעס איז פאָרגעקומען דער צווייטער קאָנגרעס פונ'ם אינטערנאציאָנאל אין לאזאן. אויף דעם דאָ־זיגען קאָנגרעס האָבען די דייטשע ארבייטער געשיקט אַן אדרעס, וואו זיי האָבען שטארק פּראָטעסטירט קעגען די מלחמה־אינטריגעס, וואָס ווערען געפיהרט אין פרייסען און אין פראנקרייך.

דער גענפ'ער קאָנגרעס האָט איינגעלאדען צו זיך די פאר־טרעטער פון לאָזאַנ'ער קאָנגרעס און האָט זיי פּאָרגעשלאָגען זיך צו פאראייניגען צוזאמען און מיט אלגעמיינע כחות (פון די אר־בייטער און דער ליבעראלער בורזשואזיע) קעמפען קעגען מלחמות. עס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרען די „ליגע פון שלום״.

אין א פּאָר מאָנאט שפּעטער האָבען די פּאריזער ארבייטער איינגעזעהן, אז דער שדוך מיט דער בורזשואזיע לוינט ניט פאר זיי, אז די בורזשואזיע נעמט שטענדיג אָן א וואקלענדיגע פּאָזיציע, ניט אהין און ניט אהער, און אז ס'קומט צו אַן ענטשיידענעם שריט, ווערט זי אָהנמעכטיג און טיילווייז פאררעטעריש.

א דעלעגאציע אונטער דער פיהרונג פונ'ם טוער אינ'ם אינ־טערנאציאָנאל טאלען האָט געפּאָדערט פון דער לינקער פראקציע אינ'ם דעפּוטאטען־קאמער, זי זאָל רעזיגנירען, ווייל זי דערפילט ניט די פליכטען, וואָס דאָס פאָלק האָט אויף איהר ארויפגעלייגט ביי די וואהלען. זשול פאוור — איינער פון די לינקע פיהרער איז געוואָרען שטארק בייז אויף דער ארבייטער דעלעגאציע פאר איהר „העזה'דיגער״ פּאָדערונג. אָבער די ארבייטער זיינען ווייניג־וואָס נתפעל געוואָרען און האָבען געפרעגט: „אויב דער פּראָלעטאריאט וועט מאכען אַן אויפשטאנד אין די נוצען פון א רעפּובליק, קען ער רעכענען אויף שטיצע מצד דער ליבעראלער בורזשואזיע — אַט ווי עס איז געווען אָפּגעמאכט אין גענף?״ זשול פאוור האָט זיך ארויסגעמאכט צו געבען א קלאָרען ענטפער אויף דער פראגע.

זיין חבר ערנסט פּיקאר האָט בולט'ר און מיט מעהר אָפענ־הארציגקייט מודה געווען, וואָס זיי דענקען און טראכטען וועגען דער ארבייטער באוועגונג. „דער סאָציאליזם — האָט ער געזאגט,—

עקזיסטירט ניט, על כל פנים, מ י ר ווילען זיך מיט איהם ניט רעכענען."

די רעגירונג האט ביסלעכווייז אנגעפאנגען צו שפירען, אז לואי באנאפארט'ס טראן האלט זיךביים אויסגליטשען און האט געזוכט צו שטילען איהר כעס מיט אלץ נייע און נייע פארפאל־גונגען. זי האט אונטערגעדריקט די ביורא פונ'ם אינטערנאציא־נאל און ארעסטירט טאלען'ן און זיינע חברים. עס האט זיך באלד געגרינדעט א נייע ביורא, וואס האט קאנצענטרירט ארום זיך א סך ארבייטער. אום אויסצודריקען די אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט האט די ביורא אין איינציגע טעג צונויפגעקליבען צעהן טויזענד פראנק פאר א סטרייק, וואס איז דעמאלט פאר־געקומען אין גענף. דאס האט ארויסגערופען נייע פארפאלגונגען פון דער רעגירונג.

ווארלען, איינער פון די פיהרער פון דער נייער ביורא, האט אין זיין פארטיידיגונגס רעדע אזוי באגרינדעט די באוועגונג פון די ארבייטער: „דער קלאס, וואס ווערט אונטערדריקט אין אלע צייטען און פון אלע רעגירונגען, דער ארבייטער קלאס, שטרעבט ארייננצוברייננגען א נייע אויפלעבונג... נאר די פולע פרייהייט איז אימשטאנד צו רייניגען די אטמאספערע פון אומגערעכטיג־קייט... ווען דער קלאס, וואס הערשט, האט פארלארען זיין מא־ראלע קראפט, דארף ער פארשווינדען, אויב נאר ער וויל ניט ווערען גרויזאם און ווילד. אין דער גרויזאמקייט זוכט די פא־לענדע מאכט איהר רפואה."

די מיטגלידער פון דער ביורא זיינען פאר'משפט געווארען פאר דאס „פארברעכען" צו שטיצען די גענפ'ער סטרייקער און פאר'ן אונטערהעצען דעם קאמף צווישען די ארבייטער און ארבייטס־געבער צו דריי מאנאט טורמע.

די רעפרעסיעס און די פארפאלגונגען האבען, ווי געוועהנליך, געהאט גראד די פארקערטע ווירקונג פון דער, וואס די רעגירונג האט באצוועקט. וואס מעהר די רעגירונג האט אונטערדריקט די פרעסע־פרייהייט, אלץ מעהר צייטונגען האבען אנגעפאנגען צו ערשיינען מיט א רעוואלוציאנערען אינהאלט. צווישען די דע־מאלדיגע צייטונגען, וואס האבען געטראגען א שטרענג אפאזיציא־

געלען כאַראַקטער, איז אויך געווען פּאָפּולער די „לאַנטערן“ פון ראָשפאָר. ראָשפאָר איז געווען איינער פון די פיהרער פון דער אָפּאָזיציע און איז געווען געטריי דער ראַדיקאַלער־רעפּובליקאַני־שער באַוועגונג. ער איז אויך געווען פאַראורטיילט צו פיל יאָהר טורמע. שפּעטער, אויף דער עלטער, איז ראָשפאָר געוואָרען אַ מיאוס׳ער רעאַקציאָנער, אַן אַנטיסעמיט און דער הויפּט־פיהרער פון דער פראַנצויזישער שוואַרצער מאַה, וועלכע האָט געשפּילט אַזאַ נידערטרעכטיגע, פאַררעטערישע ראָליע אין דעם דרייפוס־פּראָצעס.

דאָס איז אגב אורחא.

דעם 2טען נאָוועמבער, 1868, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע רעגירונגס־פיינדליכע מאַניפעסטאַציע צוליב דעם יאָהר־צייט פון אַ פאָלקס־פאַרטרעטער, וואָס איז דער׳הרג׳עט געוואָרען פון באָ־נאַפּאַרט׳ס זשאַנדאַרמען דעם 2טען דעצעמבער, 1851 — אין דעם טאָג פון דער מלוכה איבערקעהרעניש. די רעגירונג האָט, פאַרשטעהט זיך, אַרעסטירט די רעדנער און די שרייבער, וועלכע האָבען גענומען אַן אָנטייל אין דער מאַניפעסטאַציע. צווישען די אַרעסטירטע איז געווען דער באַוואוסטער רעוואָלוציאָנער און פּוב־ליציסט דעלעקליוז. דעלעקליוז איז אויף דעם פּראָצעס געוואָרען פאַרטיידיגט פון דעם שפּעטער באַריהמט געוואָרענעם רעפּובלי־קאַנער גאַמבעטאַ. גאַמבעטאַ איז דעמאָלט צום ערשטען מאָל אַרויסגעטראָטען אין דער ברייטער עפענטליכקייט. אין זיין רעדע האָט ער מיט גרויס טאַלאַנט זעהר סאַרקאַסטיש אַנגעגריפען די רעגירונג.

אין 1869 זיינען פאָרגעקומען נייע וואַהלען. ביי די דאָזיגע וואַהלען זיינען אַ סך קאַנדידאַטען פון די פריהערדיגע לייקע גע־גאַנגען האַנד אין האַנד מיט די רעגירונגס־באַאַמטע און מיט די יעזואיטען און אַנדערע כלי קודש, צו וועמען זיי האָבען געפיהלט אַ גרעסערע קרובה׳שאַפט, ווי צו די אמת׳ע רעפּובליקאַנער. די אַרבייטער האָבען אין מאַנכע דיסטריקטען אַרויסגעשטעלט זייע־רע אייגענע מענשען. די רעזולטאַטען פון די וואַהלען האָבען פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע פון די רעוואָלוציאָנערען, הגם צוויי־דריטעל פון דעם נייעם דעפּוטאַטען־קאַמער איז באַשטאַנען פון

לאיאלע רעגירונגס מענשען. די רעפובליקאנער האבען ארגאני־
זירט א גרויסע דעמאנסטראציע. די פאליציי האט ארעסטירט
אויף דער דעמאנסטראציע זעהר פיל באוואוסטע פערזאנען און
דאס האט נאך צוגעגעבען מעהר אויל אויפ'ן פייער פון דער רע־
וואלוציע. די רעגירונג האט אנגעפאנגען צו פיהרען א פארצווייי־
פעלטען קאמף מיט איהרע געגנער, איבערהויפט מיט די ארביי־
טער. זי האט געוואלט דערטרינקען די נייע ארבייטער באוועגונג
אין טייכען בלוט. ביי א סטרייק פון די קוילען־גרעבער האט
דאס מיליטער געשאסען אויף די סטרייקער און דער'הרג'עט אויף
א ברוטאלען אופן מענער, פרויען און קינדער. זי האט זיך אבער,
הפנים, אליין דערשראקען פאר איהר פאלימיק פון געוואלד און
האט זיך אין גאנצען פארלארען. מיט איין האנד האט זי די אר־
בייטער געשלאגען און מיט דער צווייטער האנד האט זי געוואונ־
קען צו זיי. אנדערע סטרייקס האט זי אונטערדריקט און אנדערע
האט זי דערלויבט. פון איין זייט האט זי פארמאכט די ביורא
פון דעם אינטערנאציאנאל, און פון דער אנדערער זייט האט זי
דערלויבט די דעלעגאטען פון די סינדיקאלע קאמערען זיך צו אר־
גאניזירען אין א פעדעראציע. די פעדעראציע האט זיך באזעצט
אין איהר הויפט קווארטיר אויף דער גאס קארדערי, וואס איז
דערנאך געווארען זעהר פאפולער, אלס דאס פלאץ פונ'ם אר־
בייטער לעבען.

וואס שטארקער עס איז געווארען די אפאזיציע, אלס פאר־
צווייפעלטער איז געווארען די רעגירונג. אלע האבען געוואוסט,
אז אט־אט וועלען די איבערקעהרער פון 1851 מוזען אפטרעטען
פאר דעם ווילען פון פאלק. אין סעפטעמבער, 1969, איז פאר־
געקומען אין באזעל דער פערטער קאנגרעס פונ'ם אינטערנאציא־
נאל. פראנקרייך איז געווען פארטראטען פון טאלען, ווארלען, לאנגלוא, לאנגע און אנדערע. צווישען די דייטשע דעלעגא־
טען איז געווען ווילהעלם ליבקנעכט, וועלכער האט שטארק געלויבט
די פראנצויזישע ארבייטער. ער האט געזאגט, אז די פראנצויזישע
ארבייטער שטעהען אויפ'ן פראנט פון דער רעוואלוציע. אויף
דעם קאנגרעס האט מען אויך באשלאסען, אז דער נעקסטער צו־
זאמענפאהר זאל פארקומען אין דעם „פרייעם פאריז“.

אלע זיינען געווען זיכער, אז פאריז און ממילא גאנץ פראנק־רייך, וועט ווערען גאר אין גיכען פריי. לואי באנאפארט האט געהאט אפגעלייגט די צוזאמענרופונג פון די דעפוטאטען, וואס זיינען דערוועהלט געווארען ביי די לעצטע וואהלען. דיזער דעק־רעט האט ארויסגערופען א גייע בהלה צווישען די סאציאליסטען, שרייבער, רעדנער און סתם כלל טוער. די אמת'ע רעוואלוציאנע־רען האבען באשלאסען צו מאכען איין מאל פאר אלע מאל אן ענד פון דער אימפעריע. די לינקע ליבעראלען האבען זיך אבער שטארק דערשראקען און האבען אנגעהויבען צו געהן אויף צוריק.

די אפאזיציע האט זיך צושפאלטען אין צוויי טיילען — די לינקע בורזשואזיע און די סאציאליסטען. אין פאריז האבען בא־דארפט פארקומען נאכ־וואהלען. אלע ערוועהלטע זיינען געווען פון דער בורזשואזער אפאזיציע, צווישען זיי ראשפאר און דער איד קרעמיע. *)

---

*) איסאאק אדאלף קרעמיע איז געמארען געווארען אין ביס דעם 22טען אפריל, 1796, און איז געשטארבען אין פאריז, פעברואר 9, 1880. אין זיינע יונגע יאהרען איז קרעמיע געווען א גרויסער חסיד פון נאפאלעאן דעם ערשטען. ער איז אויך געווען אין די ערשטע צייטען א פריינד פון נאפאלעאן דעם דריטען, וועמען ער האט געהאלפען צו ווערען פרעזידענט פון פראנקרייך. שפעטער, ווען נאפאלעאן האט זיך פראקלאמירט פאר דעם אימפעראטאר פון פראנקרייך, האט א. קרעמיע זיך שטארק ענטוישט אין איהם און איז געווארען זיין ביטערטער געגנער.

א. א. קרעמיע איז געווען א טאלאנטפולער זשורנאליסט און א גלענצענדער רעדנער און איינער פון די בארימטסטע אדוואקאטען אין פראנקרייך. ער האט גענומען אן אנטייל מיט גרויס ערפאלג אין כמעט אלע וויכטיגע היסטאריש־פאליטישע פראצעסען. ער האט פארטיידיגט לואי בלאן, לעדרא ראלען און אנדערע.

אין 1842 איז קרעמיע דערוועהלט געווארען אלס קאנדידאט פון דער אפאזיציע קעגען לואי פיליפ און איז געווען איינער פון די אנטיילנעהמער אין דער רעוואלוציע פון 1848.

אין דער פראוויזארישער רעגירונג פון 1848 איז קרעמיע געווען דער יוסטיץ־מיניסטער און א דאנק זיין איינפלוס האט מען מבטל גע־מאכט טויט־שטראף פאר פאליטישע פארברעכער.

נאפאלעאן'ס מלוכה־איבערקעהרעניש אין 1851 האט קרעמיע'ן צו־

נאַפּאָלעאָן האָט געזוכט מיטלען ווי זיך צו צופּאַסען צו דער נייער לאגע. ער האָט באַשלאָסען צו ווערען „ראַדיקאַל" און האָט געבעטען דעם „געוועזענעם" 48־ער, דעם געוועזענעם רעוואָלוציאָנער און איצטיגען מה־יפית'ניק פון דער הויף־קליקע עמיל אָליוויע, ערנסט פּיקאַר'ס א פריינד, ער זאָל צוזאמענשטעלען א נייעם קאבינעט אונטער זיין פּרעמיערשיפּ.

אָליוויע האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען, פאַרשטעהט זיך,

זאַמען מיט אַ טך אַנדערע ראַדיקאַלען געבראַכט אין טורמע. ווען ער איז שפּעטער באַפרייט געוואָרען, האָט ער זיך אינגאַנצען צוריקגעצויגען פון פּאָליטישען לעבען.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען ענדע פון די זעכציגער יאָהרען די באַוועגונג אומצואוואַרפען לואי באָנאַפּאַרט'ס אימפּעריע, איז קרעמיע ווידער געוואָרען טעטיג. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־פיגורען אין דעם לאַגער פון די „לינקע". דער באַוואוסטער גאמ־בעטאַ איז געווען אין זיינע יונגע יאָהרען קרעמיע'ס סעקרעטאַר. שפּע־טער זיינען זיי ביידע געוואָרען מיניסטאָרען אין דער „רעגירונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיגונג". קרעמיע איז געווען אַ גרויסער פראַנצויזישער פּאַטריאָט און האָט פאָרגעשלאָגען זיין גאנצעס פאַר־מעגען פאַר דער קאָנטריבוציע, וואָס פראַנקרייך האָט געמוזט צאָהלען דייטשלאַנד. טיער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון קרעמיע'ס נדבה.

שפּעטער איז קרעמיע געוואָרען אַ לעבענסלענגליכער סענאַטאָר.

א. א. קרעמיע איז אויך געווען אַ נאַציאָנאַלער איד. ער איז גע־ווען אַ גרויסער אידישער כלל־טוער. ער פלעגט אַלע מאָל אַרויסטרע־טען קעגען די אידישע רדיפות. אין 1840 האָט קרעמיע געשפּילט אַ וויכטיגע ראָליע אין דער באַפרייאונג פון די אידישע קרבנות, וועלכע האָבען געליטען פון דעם באַוואוסטען עלילת דם אין דמשק. ער איז ספּעציעל וועגען דעם געפאָהרען אין אָריענט. אויף זיין צוריקרייזע האָבען די אידען פון וויען און אַנדערע שטעדט איהם געגעבען גרויסע בכבוד'יגע קבלת פּנים'ס.

א. אדאָלף קרעמיע איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דער חברה „כל ישראל חברים". אין 1863 איז ער געווען דער פּרעזידענט פון אָט דער אַלוועלטליכער אידישער אָרגאַניזאַציע.

אין פּאָליטיק, ראַדיקאַל געניינט, פלעגט קרעמיע שטענדיג אַרויס־טרעטען קעגען דעם איינפלוס פון די ראָטשילדס. ער איז געווען דער־פאַר, אַז די אייזענבאַהנען, וועלכע האָבען באַלאַנגט צו דער פאַמיליע ראָטשילד, זאָלען איבערגעהן צום שטאַאַט.

מיט גרויס הכנעה און האט צוזאמענגעשטעלט א קאבינעט, וועל־
כער האט צוגעזאגט דעם פאלק „פרייהייט" און דעם אימפעראַ־
טאר — א רעגירונג מיט אן „אייזערנער האנט".

אין אזא צושטאנד האט פראנקרייך באגעגענט דעם יאהר
.1870

1870.

דער ערשטער אקט פונ'ם „ליבעראלען" פרעמיער, דעם אמאָ־ליגען רעוואָלוציאָנער עמיל אָליוויע, איז געווען די פאָדערונג צו פארפאָלגען ראָשפאָר'ען, וואָס איז דעמאָלט געווען דער רעדאקטאָר פון א צייטונג, וועלכע פלעגט האלטען אין איין אטאקירען און חוזק מאכען פון נאפאָלעאָן דעם דריטען און זיין קליקע.

דער פארלאמענט האָט דורכגעפיהרט דעם פארלאנג פונ'ם פרעמיער און האָט קעגען דעם ווילען פון די עקסט לינקע דעפוטאטען אויסגעשלאָסען ראָשפאָר'ען, וועלכער איז פאראורטיילט געוואָרען אויף זעקס חדשים טורמע.

דער צווייטער „ליבעראלער" אקט פון דעם נייעם מיניסטעריום איז געווען געווענדעט דירעקט קעגען ארבייטער. די ארבייטער פון א זאוואָד, וואָס האָט געהערט צום פרעזידענט פון דעפוטאטען־קאמער, האָבען געהאט אן אייגענע שפּאָר־קאסע און זיי האָבען געוואָלט אליין איהר פארוואלטען. אזא „העזה'דיגע" פאָדערונג האָט דער „ליבעראלער" פרעמיער ניט געקענט אריבערטראָגען. ער האָט געגעבען דעם אייגענטימער פון זאוואָד סאָלדאטען, ער זאָל קענען מיט קאלטע און הייסע געוועהר באשטראָפען די חוצפה'דיגע ארבייטער. דער פיהרער פון די ארבייטער אויפ'ן זאוואָד איז געווען אססי, א שפּעטערדיגער קאָמונאר.

ביים ארעסט פון ראָשפאָר קעגען זיין רעדאקציע, איז פאָרגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען רעוואָלוציאָנערען און פּאָליציי, וואו דער ארבייטער־פיהרער פלוראנס האָט געפאָדערט דעם צונויפגעקליבענעם עולם, ער זאָל נעהמען וואפען אין זיינע הענט. ביי דעם צוזאמענשטויס איז אויך געמאכט געוואָרען א פארזוך אויפצושטעלען באריקאדען. עס איז אָבער אָנגעקומען מיליטער

צו הילף דער פּאָליציי און פלוראַנס איז קוים אַנטלאָפן מיט׳ן לעבן.

אויף מאָרגען, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים ארעסט פון ראַשפּאָר און זיינע מיט־רעדאַקטאָרען פון זיין צייטונג „מארסעליעזע״ איז געווארען א גוואַלדיגע סומאַטאָכע. גאַנץ פאריז איז געגאַנגען אויף רעדלאך. די מאַסען האָבן זיך אָנגעפאַנגען צו „בונטעווען״. עס זיינען אויפגעשטעלט געווארען נייע באַריקאַדען. דאָס מיליטער איז שוין געווען גרייט צו מאַכען א שחיטה אויפ׳ן פּאָלק.

איינינע ארבייטער פיהרער, וועלכע האָבען באלאנגט צו דער ביורא פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל, האָבען דאָס פאראויסגעזעהן און האָבען גלייך ארויסגעלאָזען א מאַניפעסט צו די פאריזער מאַסען, זיי זאָלען זיך ניט לאָזען פּראָוואָצירען.

„צום ערשטען מאָל נאָך ניינצעהן יאָהר — זאָגט דער מאַניפעסט — זיינען אויפגעשטעלט געווארען באַריקאַדען. עס מוז קומען א סוף צו דער דערנידערונג... די רעוואָלוציע דערנעהענטערט זיך זעהר גיך. לאָמיר איהר ניט פארצאַמען דעם וועג מיט אונזער אומגעדולד, וואָס קען ווערען זעהר געפעהרליך. אין דעם נאָמען פון דער־סאָציאַלער רעפּובליק, צו וועלכער מיר אלע שטרעבען, לאַדען מיר איין אלע אונזערע פריינד ניט צו קאָמפּראָמענטירען די איצטיגע לאַגע.״ אונטערגעשריבען אונטער דעם מאַניפעסט זיינען געווען: מאַלאָן, פענדי, קאַמבאַ, זשאָאַנאַר, לאַנדרען און נאָך.

דאָס פּאָלק האָט זיך צוגעהערט צו דעם מאַניפעסט און האָט באַשלאָסען ניט ארויסצורופען די רעוואָלוציע פאר דער צייט.

די ארעסטען האָבען ניט אויפגעהערט. די טורמעס זיינען געווארען איבערפילט מיט פּאָליטישע „פאַרברעכער״. די פאַרקויפטע צעלאָזענע פרעסע האָט אויף דעם געמיינסטען אופן געזוכט צו פאַר׳מיאוס׳ען די רעוואָלוציאָנערען. זי האָט געזוכט אלערליי בלבולים און רכילות אויף זיי. די „פיגאַראָ״ האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכענט אין דעם דאָזיגען גייסטיגען זומפּ, וואו אלערליי פען־פאַרברעכער, מוסרים און סתם פאַרקויפטע נשמות האָבען זיך געפּרוכפּערט.

לואי באָנאַפּאַרט און זיינע נאָכפאָלגער האָבען בלומרשט גע־
וואָלט ווייזען, אז זיי האָבען א מאַנדאַט פון פאָלק, און אז דאָס
לאַנד איז צופרידען מיט דער רעגירונג. זיי זיינען דעריבער
מרוצה געוואָרען אָנצופרעגען דאָס פאָלק דורך א פּלעביסציט.
דער פּלעבעסציט האָט אָבער ניט באַדאַרפט באשליסען, צי נאָ־
פּאָלעאָן דעם דריטענ׳ס רעגירונג איז גוט אָדער ניט. פאַר אַזאַ
פאָלקס אָפּשטימונג האָט די רעגירונג׳ס קליקע שטאַרק מורא גע־
האַט. זי האָט פאַרדרעהט דעם גאַנצען ענין און האָט בלויז
אָנגעפרעגט, צי דאָס פאָלק איז צופרידען מיט די רעפאָרמען, וואָס
זי, די רעגירונג, האָט דורכגעפיהרט אין דער קאָנסטיטוציע אָדער
ניט? דאָס איז, פאַרשטעהט זיך, געווען אַן ארויסמאַך פון דער
הויפּט־פראַגע. די ראַדיקאַלען האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט קע־
גען אַזאַ פּלעביסציט. גאַמבעטאַ האָט דעמאָלט געהאַלטען א
פייער־פלאַמיגע רעוואָלוציאָנערע רעדע. די רעגירונג האָט אבער
געטאָן דאָס איהריגע און די צייטונג „פיגאַראָ“ איז געווען איהר
הויפּט־אָרגאַן דורך וועלכען זי האָט פון איין זייט שטאַרק גע־
לויבט איהרע „דעמאָקראַטישע“ אויפטועכצען און פון דער צוויי־
טער זייט געגאָסען שמוץ אויף דער ראַדיקאַלער אָפּאָזיציע און
הויפּטזעכליך אויף די ארבייטער פיהרער.

די רעפּובליקאַנישע פּרעסע איז ניט געווען סיסטעמאַטיש
אָרגאַניזירט. דער נעסטאָר, דער זקן הסופרים, פון די רעפּוב־
ליקאַנישע זשורנאַליסטען איז געווען קרעמיע. אין דער צייט פון
פּלעביסציט איז פאָרגעקומען אַן אסיפה פון די פיהרער פון דער
אָפּאָזיציע ביי קרעמיע׳ן אין הויז און עס איז באשלאָסען געוואָ־
רען, אז דעפּוטאַטען און שריפטשטעלער פון דער אָפּאָזיציע זאָ־
לען ארויסטרעטען מיט וואָרט און שריפט אין פאָלק און אין דער
ארמעע. זיבעצעהן דעפּוטאַטען פון ערנסט פּיקאַר׳ס אָפּאָזיציע
האָבען גלייך געקראָגען קאַלטע פיס און האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון
אַזעלכע „רעוואָלוציאָנערע טריט“.

די הויפּט־קוואַרטיר פון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס אויף
דער גאַס „קאָרדערי“ האָט ארויסגעלאָזען א מאַניפעסט צו די
שטאָדטישע און דאָרפישע ארבייטער צו באָיקאָטירען די אָפּ־
שטימונג. די פאַרפאַסער פונ׳ם מאַניפעסט זיינען דערפאַר אָרעס־

טירט און פאַר׳משפט געוואָרען צו טורמע־טערמינען. די פּאָ־ליציי האָט נאָך דעם מאַניפעסט געמאַכט אַבלאַוועס און אַרעסטען, וואו נאָר זי האָט געהאַט דעם קלענסטען חשד, און א חשד האָט זי געהאַט אויף אַלעמען א חוץ אויף איהרע אייגענע לייט. יעדעס פריי וואָרט איז אונטערדריקט געוואָרען, יעדע פאַרזאַמלונג איז אויפגעלייזט געוואָרען. יעדער איינציגער איז געווען אין געפאַהר איינגעשפּאַרט צו ווערען. די בעסטע זשור־נאַליסטען און רעדנער, וואָס האָבען געהאַט דעם מוט צו זאָגען דעם אמת, האָבען געמוזט אנטלויפען פון פראַנקרייך. צווישען די אנטלאָפענע איז אויך געווען דעלעקליוז, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט אין בעלגיען.

דער פּלעביסציט האָט געגעבען איבער זיבען מיליאָן שטי־מען פ א ר און איבער אָנדערטהאַלבען מיליאָן ג ע ג ע ן. צווישען די געגנערישע שטימען זיינען געווען איבער 50 טויזענט, וואָס זיינען געקומען פון דער אַרמעע. די גרויסע שטעדט זיינען געווען מיט דער אָפּאָזיציע. די קליינע שטעדטלעך און די דער־פער האָבען געשטימט מיט דער רעגירונג.

נאָך דעם פּלעביסציט איז דער טעראָר פון דער רעגי־רונג ערגער געוואָרען. דער פּרעמיער עמיל אָליוויע האָט איינגעפיהרט קריגס געריכטען צו משפט׳ן די רעוואָלוציאָנערען. איבערהויפּט האָבען זיך געשטאַרקט די רעפּרעסיעס קעגען יעדען איינציגען, וועמען מען האָט חושד געווען, אז ער האָט א שטיקעל שייכות מיט׳ן אינטערנאַציאָנאַל. דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט די רעגירונג געהאַלטען פאַר דעם מקור פון דער רעוואָלוציע און זי האָט געוואָלט איהם עוקר מן השורש זיין. ווער איז דער אינטערנאַציאָנאַל? פון וועמען באַשטעהט ער? וואָס זיינען זיינע אויפגאַבען? — דערפון האָבען די רעגירונגס זשאַנדאַרמען געהאַט א גאַנץ קליינע השגה. פאַר דעם פיהרער פון דעם אינ־טערנאַציאָנאַל האָבען זיי, צוליב זייער אומוויסענהייט, געהאַלטען דעם באַוואוסטען רעוואָלוציאָנער ל. א. בלאַנקי.*)

*) לואיס אגוסט בלאַנקי איז געבוירען געוואָרען אין 1805. ער איז געווען דער באַדייטענדסטער רעוואָלוציאָנער פונ׳ם נייגצעהנטען יאָהר הונדערט אין פראַנקרייך. האָט פאַרבראַכט א סך יאָהרען פון זיין לעב…

צווישען די גע׳משפט׳ע מיטגלידער פונ׳ם אינטערנאציאנאל, וואס די רעגירונג האט ארעסטירט נאך דער פאלקס־אפשטימונג, האבען זיך געפונען אזוינע וויכטיגע ארבייטער פיהרער, ווי לעא פראנקעל, אן אויסלענדער, וואס האט געלעבט אין פאריז, אלס א פארטרעטער פון די אויסלענדישע מיטגלידער פונ׳ם אינטערנאציאנאל (ער איז שפעטער געווען אן אקטיווער מיטגליד פון דער קאמונע) און דיוואל — איינער פון די שענסטע און איידעלסטע העלדען פון דער קאמונע. אויפ׳ן משפט האבען זיי געהאלטען רעוואלוציאנערע רעדעס, וואו זיי האבען ענטוויקעלט די אידעען פון סאציאליזם און אינטערנאציאנאלער פארברידערונג.

אזוי האט געזוכט די רעגירונג פון נאפאלעאן דעם דריטען צו דערשטיקען יעדען פרייהייטס געדאנק. ארעסטען, טורמעס,

---

אין טורמעס. אלע רעגירונגען האבען איהם גע׳משפט און פאר׳משפט די יולי מאנארכיע פון לואי פיליפ ,די צווייטע רעפובליק און די אימפעריע פון לואי באנאפארט. איז אויך געווען פאר׳משפט צום טויט. שוין אין 1831, ווען ער איז אלט געווען 26 יאהר, האט ער דערקלערט, אז דער צוועק פון זיין לעבען איז די סאציאלע רעוואלוציע, צו וועלכער ער איז געבליבען טריי ביז זיין לעצטען טאג. ער האט געשריבען עקאנאמישע ווערק, וואו ער איז שטארק ארויסגעטראטען קעגען דעם ענגלישען עקאנאמיסט מאלטוס און זיין לעהרע. ער האט געגלויבט און איז געווען איבערצייגט, אז עס וועט מוזען קומען א קאמוניסטישע ארדנונג און זי וועט קומען א דאנק דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט. ער האט געהאלטען אז די ארבייטער מוזען אפריהער פארכאפען די מאכט, פטור ווערען פון דער בורזשואזיע און דאן ערשט, וועלען זיי זיין אימשטאנד איינצופיהרען א יושר׳דיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג.

בלאנקי איז אין זיין פריוואט לעבען געווען א נזיר, אן אסקעט. 12 יאהר נאכאנאנד האט ער געטראגען איינע און דיזעלביגע קליידער—זיינע טורמע קליידער. ער פלעגט בלויז איבערבייטען זיינע שיך און זיינע העמטשקעס. אכט מאנאט (אויך אין א טורמע) האט ער געלעבט אויף ברויט און רויה קארטאפעל. פון אנדערע שפייז האט ער זיך אפגעזאגט. די איינציגע, וואס פלעגט איהם איבעררייזען צו נעהמען אמאל א שטיקעל פלייש, איז געווען זיין מוטער. בלאנקי איז געווען פון נאטור א גרויסער גייסטיגער אריסטאקראט און האט פיינט געהאט חניפה, רכילות און די ביליגע פאפולאריטעט.

„ער איז געווען א געלעהרטער" — זאגט אויף איהם וויקטאר הוגא.— „צייטענווייז האט זיך געדוכט אז בלאנקי האט אויפגעהערט צו זיין א

מיליטער־געריכטען — אַט דאָס זיינען געווען די מיטלען, מיט וועלכע לואי באָנאַפּאַרט האָט געוואָלט רייניגען דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע. עס האָט זיך איהם אָבער דאָס ניט איינגעגעבען. די רעפּרעסיעס האָבען בלויז פאַרטריבען די רעוואָלוציאָנערען אונטער דער ערד, פון וואַנען זיי האָבען זיך שפּעטער באַוויזען בעסער אָר־גאַניזירט און מיט מעהר קראַפט.

מענש, אַז ער איז געווען אַ פאַרצאָגטע געשטאַלט, אין וועלכער עס האָט זיך פאַרקערפּערט דער גאַנצער עלענד. וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמעלט ביי די מענשען־קינדער פון דורות און דורות.״

בלאַנקי האָט געהאַט אַ גוואַלדיגען איינפלוס אויף די פּאַריזער יוגענד און די אַרבייטער פון די זעכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. פון טורמע אויס, הינטער די אייזערנע גראַטעס, האָט ער באַהערשט די מוחות פון דער פּרייהייטליכער יוגענד. בלאַנקי׳ס טעאָריעס האָבען זיך שטאַרק געפיהלט אין דער קאָמונע. צווישען די קאָמונאַרען האָט בלאַנקי געהאַט אַ סך תלמידים. ער אַליין האָט אָבער פּערזענליך ניט געקענט נע־מען קיין אַקטיווען אַנטייל אין דער קאָמונע. ער איז אין יענער צייט געווען געפאַנגען ביי דער בורזשואַזער רעגירונג פון ווערסאַל, וועלכע האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ משכון.

מיט׳ן אינטערנאַציאָנאַל האָט בלאַנקי קיין שייכות ניט געהאַט. איז געשטאָרבען אין 1881.

די פרייסיש־פראנצויזישע מלחמה און דער סוף פון דער אימפעריע.

אנפאנג יולי 1870 האט מען אין די פאליטישע קרייזען פון פראנקרייך אנגעפאנגען שטארק צו שמועסען וועגען א קריג מיט פרייסען.

געהאנדעלט האט זיך וועגען אט־וואס:

דער טראן פון שפאניען איז דעמאלט געווארען פריי און מען האט באדארפט האבען אימיצען, א פרינץ פארשטעהט זיך, וואס זאל זיך אויף איהם זעצען און אנטאן די קרוין. דער קעניג פון פרייסען, וואס האט געהאט א טבע מזכה צו זיין זיינע פרינצען מיט גאנצע לענדער און פעלקער, האט געוואלט, אז א האהענצאלערן־פרינץ זאל פארנעהמען דעם ליידיגען טראן פון שפאניען.

די מקורבים פון לואי באנאפארט איז דאס שטארק ניט אנגעשטאנען. „סטייטש — האט נאפאלעאנ׳ס מיניסטער פון אויסערן געשריען — סטייטש, ווי דערלויבט זיך דאס אן אויס־לענדישע מאכט צו שיקען איהר׳ן א פרינץ אויפ׳ן טראן פון קארל דעם פינפטען!"

די אפאזיציע האט דערשמעקט דעם ריח פון פולווער און האט געפאדערט, מען זאל פארעפענטליכען די דיפלאמאטישע דאקומענטען. דער קאבינעט האט זיך אפגעזאגט דאס צו טאן.

די קעניגין יעווגעני און די גאנצע מיליטערישע קאמארילי' זיינען געווען גוואלדיג דארשטיג נאך בלוט און האבען געהעצט אויף א קריג מיט אלע מעגליכע מיטלען.

דעם 7טען יולי האט דער לייכטזיניגער לואי באנאפארט גע־לאזט וויסען ביסמארק׳ען, דעם פרייסישען פרעמיער, דורך זיין מיניסטער, דער פרייסישער קעניג זאל ארונטערנעמען די קאנדידא־טור פון דעם האהענצאלערן. די פרייסישע רעגירונג האט זיך

געלאָזט בעטען — זי האָט געוואָלט געווינען אַלץ מעהר צייט פאַר איהרע מלחמה פאַרברייטונגען — ביז וואַנען זי האָט סוף כל סוף מסכים געווען ארונטערצונעמען די קאַנדידאַטור פון איהר פּרינץ.

„שלום!" — האָבען זיך אַלע דערפרעהט, און די מאַסען, וואָס האָבען קיין ברעקעל חשק ניט געהאַט צו ווערען קאַנאָנען־פלייש, האָבען פריי אָפּגעאָטעמט.

די הויף־קליקע האָט אָבער שלום ניט געוואָלט. זי האָט געזעהן, אַז דער טראָן וואַקעלט זיך זעהר שטאַרק אונטער לואי באָנאַפּאַרט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז קעגען דער רעגירונג און האָט געזוכט ארויסצורופען אַ מלחמה, כדי צו באַשאַפען אַ פּאַט־ריאָטישע שטימונג ביים פאָלק, עס זאָל אויפגעבען זיין אָפּאָזיציע קעגען דער אימפּעריע אוים מורא פאַר דעם אויסערליכען שונא.

זי, די קליקע, האָט אנגעפאַנגען צו פּראוואָצירען די מלחמה. זי האָט גע'טענה'ט, אַז דער אָפּזאָג פונ'ם פּרינץ אויפ'ן שפּאַנישען טראָן מוז אונטערגעשריבען ווערען פון דעם קעניג ווילהעלם.

די אַלע קליינליכע דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען זיינען גע־ווען זעהר צו דער האַנד דעם בלוט־ און אייזען־קאַנצלער ביס־מאַרק'ען, וואָס האָט אויך שטאַרק געוואָלט, עס זאָל אויסברעכען אַ מלחמה, ווייל ער איז געווען זיכער אין זיין זיג. ביסמאַרק'ס פּאָליטיק איז אָבער געווען, אַז די וועלט זאָל האָבען דעם איינ־דרוק, אַז ניט פּרייסען האָט ארויסגערופען דעם קריג, נאָר פראַנק־רייך, אַז ער, ביסמאַרק, איז דער קאָזאַק הנגזל, אַז ער איז דאָ גע־ווען געצוואונגען צו פיהרען ניט אַן אַנגריפס קריג, נאָר אַ פאַר־טיידיגונגס קריג. נאַפּאָלעאָנ'ס קורצזיכטיגע דיפּלאָמאַטען האָבען דאָס ניט פאַרשטאַנען, האָבען זיך געהאַלטען שטאַרק אנגע'יחסנ'ט, אַזוי ווי פּרייסענ'ס מזל וואָלט געלעגען ביי זיי אין די הענט. זייער נאַרישע דיפּלאָמאַטיע איז געוואָרען שטאַרק אויסגענוצט פון דעם פּקח ביסמאַרק, וועלכער האָט געזוכט די בעסטע געלעגענ־הייט ווי צו צוקוועטשען פראַנקרייך אין זיינע אייזערנע קולאַקעס.

אין דער צייט פון די דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען האָט דאָס פּרייסישע מיליטער געמאַכט קריגס פאַרברייטונגען. כל זמן ביסמאַרק האָט געמיינט, אַז דאָס מיליטער איז נאָך ניט גרייט ארויסצוטרעטען, האָט ער געמאַכט אויסערליכע הנחות צו

די פּאַדערונגען פון פראַנצויזישען הויף. דער קעניג פון פּרייסען איז מסכים געווען און האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט אליין, בכבודו ובעצמו אונטערשרייבען דעם אָפּזאָג. פראַנקרייך האָט זיך אָבער נאָך אלץ געהאַלטען אין איין דינגען. פּרייסען האָט זיך אויך געדונגען איבער אומבאַדייטענדע זאכען ביז וואַנעט ביסמאַרק איז געוואָרען פאַרטיג מיט זיינע פאַרבאַרייטונגען. דעמאָלט האָט־בען זיך מיט אמאָל איבערגעריסען די דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען, עס זיינען געפעלשט געוואָרען דעפּעשען און דאָקומענטען און עס איז דערקלערט געוואָרען קריג קעגען דעם פּראָטעסט פון דער אָפּאָזיציע אונטער דער פיהרערשאַפט פון גאַמבעטאַ און אפילו קעגען דעם ווילען פון טיער און זשול פאַוור.

אין פּאַריז האָט מען געשריען: „קיין בערלין!" און אין בערלין האָט מען געשריען: „קיין פּאַריז!"

וואָלטען די „לינקע" אין דער געזעצגעבענדער קערפּערשאַפט אין אמת'ען געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט, אזוי ווי זיי האָבען גערעדט, וואָלטען זיי די מלחמה געקאָנט אָפּהאַלטען. מיט אייניגע אויפרופען צום פאָלק, וואָלטען זיי געמאַכט ציטערען די הויף־קאַמאַריליע און די פאַר'שכור'טע מאָרד־פּאַטריאָטען וואָלטען זיך אויסגעניכטערט. די זאך איז אָבער געווען, וואָס די לינקע פון דער בורזשואַזיע און די ליבעראַלע אינטעליגענטען זיינען בלויז געווען פעהיג צו ריידען אָבער ניט צו טאָן און ווען עס איז געקומען צו א גרויסען מאָמענט, ווען דאָס וואָרט האָט באַדאַרפט פאַרוואַנדעלט ווערען אין טאַט, זיינען זיי געוואָרען אבהענדיג און האָבען זיך אין גאַנצען פאַרלאָרען.

בלויז איין טייל פון פראַנצויזישען פאָלק איז געשטאַנען אויף דער הויך פון דעם היסטאָרישען מאָמענט — דאָס זיינען געווען די אַרבייטער. דעם 15טען יולי האָבען זיך א סך אַרבייטער צונויפגעקליבען אין קאַרדערי און זיינען פון דאָרטען אַרוים אויף די בולוואַרען, דעמאָנסטרירט קעגען דער מלחמה אונטער די אויסרופען: „לאַנג לעבען זאָל דער פרידען!" „אלע פעלקער זיינען אונזערע ברידער!" אויפ'ן וואַנדאַמער פּלאַץ האָבען די דעמאָנסטראַנטען אויסגעפייפט דעם פּרעמיער עמיל אָליוויע. אויף מאָרגען איז די דעמאָנסטראַציע, אין נאָך א גרעסערער צאָהל, אי־

בערגע׳חזר׳ט געווארען לעבען דער באסטיליע. פאראויס פון דער דעמאָנסטראַציע איז געגאַנגען דער פאַרפאַר ארבייטער ראַנוויע (אויף וועמעס חלק עס איז שפּעטער אויסגעפאלען די היסטאָרישע שליחות צו פּראָקלאמירען די קאָמונע) מיט א פאָהן אין האנד. די פראנצויזישע ארבייטער האָבען זיך נים באנוגענט מיט דע־מאָנסטראציעס קעגען דער רעגירונג. זיי האָבען געלאָזט הערען זייער שטים פון שלום איבער די גרעניצען פון פראנקרייך. זיי האָבען זיך אויך געווענדעט צו די פּרייסישע ארבייטער מיט די ווערטער: „ברידער, מיר פּראָטעסטירען קעגען דעם קריג; מיר ווילען שלום, ארבייט און פרייהייט. ברידער, הערט זיך נים איין צו די אונטערגעקויפטע שטימען, וועלכע ווילען אייך באשווינד־לען, פארבארגענדיג פון אייך דעם אמת׳ן פראנצויזישען גייסט״

די בערלינער ארבייטער אונטער דער פיהרערשאפט פון וויל־העלם ליבקנעכט און אויגוסט בעבעל האָבען אויף דעם דאָזיגען ברידערליכען אויפרוף געענטפערט:

„מיר ווילען אויך שלום, ארבייט און פרייהייט. מיר ווייסען, אז ביידע זייטען פונ׳ם רהיין לעבען ווי ברידער, מיט וועל־כע מיר זיינען גרייט צו שטארבען פאר דער אלוועלטליכער רעפּובליק.״

אָבער אָט די גרויסע בריליאנטענע היסטאָרישע ווערטער, וואָס זיינען ארויסגעזאָגט געווארען מיט פופציג יאָהר צוריק פון די פראנצויזישע און דייטשע ארבייטער, וועלכע האָבען זיך איינע די אנדערע באטראכט ווי ברידער פון איין וועלט רעפּובליק, זיי־נען פארשריען געווארען פון דעם ערב רב פון אלערליי בראַדיאַנעס, שאַרלאַטאַנעס און סתם אוואנטוריסטען.

די פראנצויזיש־פּרייסישע מלחמה איז דערקלערט געוואָרען.

און די מלחמה איז געווען א צווייענדיגע: קעגען פּרייסען — דעם אויסערליכען פיינד און קעגען די ארבייטער — דעם אינער־ליכען פיינד.

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָט זיך פאר א ווײלע אָפּגעדוכט, אז נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט זיין צוועק דער־גרייכט. די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אגיטאציע האָט

אויפגעהערט און אפילו די קעפּ פון א סך ראדיקאלע פיהרער זיינען פארדרעהט געווארען מיט שאָוויניסטישע, מארד־פּאטריאָטישע געלוסטען. די פארקויפטע, פראָסטיטואירטע רעגירונגס פרעסע האָט ניט אויפגעהערט צו דערצעהלען פון די פראנצויזישע „העל־דישע" גענעראַלען און פון די ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע מפּלות, וואס דאָס פּרייסישע מיליטער האָט געליטען. לויט איהרע ידיעות, וואָס זי האָט באַקומען פון די שלאכט־פּעלדער, האָבען די פּראַנצויזען אין איינינע טעג שוין באַדאַרפט זיין אין בערלין.

עס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט און די פּאַריזער באפעל־קערונג איז געוואהר געווארען פון דעם אמת'ן צושטאַנד אויפ'ן פראָנט. די קלעפּ, וואָס די פּרייסען האָבען געגעבען די פראַנ־צויזען, זיינען געווען אַזוי שטאַרק, דאָס זיי האָבען אָפּגעהילכט אַזש אין פּאַריז, ניט געקוקט אויף די שטרענגע צענזור. די גאַנצע פאַרפוילטקייט און דעמאָראַליזאַציע פון באָנאַפּאַרט'ס רעזשים איז פאַר אַלעמען אויפגעדעקט געווארען. דער נאַקעטער אמת האָט בולט ארויסגעשטאַרצט פון די צייטונגס־באַריכטען. דער עולם האָט פאַרשטאַנען, אַז מען האָט איהם די גאַנצע צייט גענאַרט און פאַרנאַרט אין א מענשען־מערדערישע אוואַנטורע, וואָס וועט קאָסטען פראַנקרייך הונדערטע טויזענטע בליהענדע לעבענס און מיליאַרדען פראַנקען. אנשטאָט דעם זיגער געזאַנג האָט מען אין פּאַריז געהערט קלאָג־לידער. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז עס פעהלט אויפ'ן פראָנט פּראָוויאַנט, האַרמאַטען, פּלינטען, קליי־דער, שיך און אז. וו. די גאַנצע קאַמפּאַניע איז ניט געווען אָר־גאַניזירט. איין גענעראַל האָט ניט געוואוסט פון צווייטען. אין פּראַנצויזישען לאַגער גופא איז פאָרגעקומען א בהלה, א תהו ובהו. גאַנצע רעגימענטען זיינען פאַרפאַלען געוואָרען און די גענעראַלען האָבען ניט געוואוסט וואו זיי זיינען אהינגעקומען. און אָט מיט אַזא „מיליטער" איז די הויף־קליקע ארויס אינ'ם פעלד קעגען אַזוינע פעסט דיסציפּלינירטע, באוואָפענטע פון קאָפּ ביז די פיס, פּריי־סישע אַרמעען! די פּאַטריאָטישע התלהבות איז געווארען אַלץ מעהר און מעהר אָפּגעקיהלט, לויט די נידערלאַגעס אויפ'ן פראָנט, ביז זי איז אין גאַנצען אויסגעלאָשען געווארען. אָנשטאָט דעם איז דער פּאַריזער עולם געווארען פול מיט שנאה און נקמה קעגען

דער אימפעריע, וואס האָט אריינגעשלעפּט פראנקרייך אין אזא שרעקליכער צרה.

נאפּאָלעאָן האָט שוין דעם 28טען יולי דערפיהלט, אז גאנץ פּאריז איז קעגען איהם און האָט שוין מורא געהאט אהין צו קומען. עס האָט איהם אפילו געפעהלט דער מוט דורכצופאָהרען פּאריז. ווען ער איז געקומען קיין מעטץ, האָט ער שוין דער־שפּירט, אז זיין קאריערע איז געענדיגט. דאָס מיליטער האָט פון איהם קיין פאראד ניט געמאכט. די אָפיצערען האָבען זיך מיט איהם ניט גערעכענט. אלע האָבען אויף איהם געקוקט מיט בייזע אויגען, פול מיט ביטערניש. דעם זעקסטען אויגוסט האָט ער טע־לעגראפירט זיין ווייב יעווגעני, וואָס האָט אין פארלויף פון די לעצטע יאָהרען געפלאָכטען און פארשפּרייט די נעץ פון דער מלחמה, די טרויעריגע נאכריכט, אז „אלץ איז פארלאָרען!"

דאָס פראנצויזיש פאָלק איז געוואָרען שטארק נערוועאיש און אומרוהיג. עס האָט אנגעפאנגען צו זעהן אין דער פּראקלאַ־מירונג פון א רעפּובליק די איינציגע רעטונג פון זיין לאגע. דער פּרעמיער עמיל אָליוויע האָט דערקלעהרט פּאריז אין א באלאגע־רונגס צושטאנד און האָט אָנגעהעצט די פּאָליציי אויף די אומ־צופרידענע פּאריזער בירגער און האָט בכיון פארשפּרייט קלאנגען, אז די רעוואָלוציאָנערע פּראפּאגאנדע ווערט געפיהרט און אונ־טערגעשטיצט פון פּרייסישע שפּיאָנען. די לינקע דעפּוטאטען האָ־בען אויפגעפאָדערט די פּאריזער בירגער זיך צו באוואפענען און האָבען געצוואונגען דעם פּרעמיער צונויפצורופען די פאָלקס־פארטרעטער, זיך מישב צו זיין וואָס צו טאָן. אָליוויע האָט דאָס אין אָנפאנג ניט געוואלט. סוף כל סוף האָט ער געמוזט נאָכ־געבען און דעם נייַנטען אויגוסט איז די פארזאמלונג פון די דעפּוטאטען געעפענט געוואָרען.

דעם 13טען אויגוסט, נאָך דעם ווי די הויפּט קאָמאנדע אי־בער די פראנצויזישע ארמעען איז אָפּגענומען געוואָרען פון'ם פריהערדיגען באָנאפּארט'ס קריגס־מיניסטער לעביעף און איבער־געגעבען געוואָרען צו גענעראל באזען, וועלכער האָט געהאט מעהר צוטרוי פון פאָלק, האָבען די דעפּוטאטען איינגעזעהן, אז מען קען זיך ניט פארלאָזען אויף דעם אימפּעראטאָר און זיינע ראט־

געבער, אז ס׳מוז עפּעס געטאָן ווערען צו ראַטעווען פראנקרייך.
עס איז ארויסגעשטעלט געווארען די פאָדערונג צו בילדען א
„פ א ר ט י י ד י ג ו נ ג ס ־ ק אָ מ י ט ע ט“.

די דעפּוטאטען פון לינקען פליגעל האָבען זיך צונויפגעקליבען בײַ קרעמיע׳ן אין הויז. און דאָ האָט זיך גלייך ארויסגעוויזען זייער אומפעהיגקייט צו מאכען א ראדיקאלען שריט. זיי האָט געוואָרפען אין שרעק דער געדאנק צו מאכען אן איבערקעהרעניש און ארויסנעהמען פראנקרייך׳ס מזל פון באָנאפּארט׳ס הענט. זיי האָבען פאר א רעוואָלוציע פון אינוועניג מעהר געציטערט ווי פאר׳ן שונא פון אויסוועניג. די פּרייסישע ארמעען האָבען זיי ניט אזוי באאומרוהיגט, ווי די רעוואָלוציאָנערען פון די פראנצויזישע ארבייטער. „א רעוואָלוציע אין פראנקרייך איז נאָך צו פריה„ — האָט דער אידישער ראדיקאל קרעמיע באשלאָסען. „מען מוז נאָך א פריהער ווארטען אויף מעהר פראנצויזישע נידערלאגעס, א שטייגער, דאָס איינגעהמען פון שטראסבורג.“ און ער איז אויך גערעכט געווען. דער פאריזער מיטעל־קלאס האָט נאָך געהאט גרויס בטחון אין די „לינקע“ און אָהן זיי וואָלט יעדער רעוואָלוציאָנערער פארזוך זיך שלעכט געענדיגט, אזוי ווי עס האָט טאקע באוויזען דער ארויסטריט פון די בלאַנקיסטען.

בלאַנקי׳ס תלמידים, קעגען דעם ווילען פון בלאַנקי׳ן, האָבען געוואָלט אויסנוצען דעם אונטערגעגראָבענעם צוטרוי פון פאָלק צו דער רעגירונג און זיינען דעם 14טען אויגוסט באפאלען אין לא־ווילעט אויף א פאָסט פון פייערלייט־סאפּיאָרען לעבען א סקלאד פון אמוניציע, האָבען פארוואונדעט איינעם, וואָס איז געשטאנען אויף פאטרול און דערשאָסען א פּאָליציסט. זיי זיינען דערנאָך ארוים אויף די שכנה׳שע בולווארען און אויסגעשריען: „לעבען זאָל די רעפּובליק! א טויט אויף די פּרייסען!“

קיינער איז אָבער צו זיי ניט צוגעשטאנען. זייער ארויסטריט איז אפילו פון די מעהרסטע אָפּאָזיציאָנערען באטראכט געוואָרען אלס א פארראט. אפילו דער רעפּובליקאנער גאמבעטא, דער אונצווייפעלהאפטער ענשלאָסענער געגענער פון דער אימפּעריע, האָט געמיינט, אז דאָס איז געווען אן אונטערגעקויפטע דעמאָנסטראציע מצד די פּרייסען און האָט געפאָדערט, מען זאָל די דעמאָנסטראנ־

טען שטרענג משפט'ן. דער מיליטער־געריכט האָט טאַקע צעהן רעוואָלוציאָנערען, דוקא ניט קיין אנטיילנעמער אין דער דע־מאָנסטראציע, פאראורטיילט צום טויט. צום גליק האָבען זשאַרזש זאנד און מישלע פארעפענטליכט א הארציג ריהרענדען אויפרוף צום פאָלק, וואו זיי האָבען פארלאנגט פון די מאכט־האָבער ניט צו פארגיסען איצט קיין פראנצויזיש בלוט. דער אויפרוף האָט געווירקט און דער טויט־אורטייל איז ניט אויסגעפיהרט געווארען.

וואָס ווייטער האָבען זיך די מפּלות פון דער פראנצויזישער ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון באזען און מאקמאהאן פאר־מעהרט. אין קעניגליכען פאלאץ האָט מען שטארק אנגעפאנגען מורא צו האָבען פאר א רעוואָלוציע און די קעניגען יעווגעניע האָט ארויסגעשיקט איהרע גארדעראָבעס, צירונג, איהר גאָלד און די־מאנטען קיין אויסלאנד.

דעם 30טען אויגוסט איז פארגעקומען די גרויסע קאטאסט־ראָפע אין סעדאן, וואו די גאנצע ארמעע פון מאקמאהאָן איז ארומגערינגעלט און געפאנגען געווארען פון די פרייסען. אויפ'ן צווייטען טאָג האָט נאפּאָלעאָן דער דריטער אפּגעגעבען זיין שווערד צו קעניג ווילהעלם דעם ערשטען פון פרייסען.

אין פּאריז האָט מען זיך פון דער גוואלדיגער מפּלה דער־וואוסט ערשט דעם 4טען סעפּטעמבער. א גאנצען טאָג איז פּאריז געווען אין א נערוועאישען, אויפגערעגטען צושטאנד. אין אָווענט האָט זיך א גרויסער עולם צוזאמענגעקליבען לעבען דער געביידע פון דער געזעצגעבענדער קערפּערשאפט און האָט געפאדערט א דין וחשבון. די לינקע דעפּוטאטען, וועלכע האָבען געהאט דעם צוטרוי פון דער פּאריזער באפעלקערונג און זיינען די גאנצע צייט געווען אונענטשלאָסען, פּחד'יג, האָבען סוף כל סוף געמוזט נעהמען אן ענערגישע שטעלונג. שפּעט אין אָווענט האָט זשול פאוור אין נאָמען פון די לינקע דערקלערט, אז נאפּאָלעאָן דער דריטער איז מעהר ניט אימפּעראטאָר פון פראנקרייך און אז ס'ווערט אויס־געקליבען א נייע פארטיידיגונגס קאָמיסיע פון צווישען די דעפּו־טאטען. א רעפּובליק האָבען די לינקע ניט געוואגט צו פּראָק־לאמירען. פון דרויסען, וואו א גרויסער עולם האָט אומגעדולדיג געווארט היבשע עטליכע שעה, הערען זיך אויסגעשרייען: „לע־

בען זאָל די רעפּובליק!" גאַמבעטאַ געהט אַרויס און פּאָדערט אויף דעם עולם, „צו זיין רוהיג, צו זיין איינינג און ניט צו מאַכען קיין רעוואָלוציע".

די פּאַריזער בירגער האָבען זיך אָבער ניט געקענט באַרוהיגען. און וויסענדיג, אַז זיי שטעלען מיט זיך צוזאַמען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, האָבען זיי אָנגעטאָן זייערע מונדירען און זיך באַוואָפּענט. די רעגירונגס זשאַנדאַרמען האָבען פאַר זיי מורא געקראָגען און זיך ניט געשטעלט אין וועג. די בירגער האָבען זיך אַריינגעריסען אין דער געזעצגעבענדער קערפּערשאַפּט און האָבען פאַרנומען די גאַלעריעס און די טריבונע. די לינקע האָבען זיך דערשראָקען. גאַמבעטאַ פאַנגט אָן צו בעטען ביים אויפגערעגטען עולם, ער זאָל ניט זיין איבעראיילינג און אָפּוואַרטען ביז וואַנען די דעפּוטאַטען וועלען ענדיגען זייער באַראַטונג.

די כונה פון די לינקע ליבעראַלען איז געווען צוזאַמענצושטעלען אַ נייע דערוויילינע רעגירונג, זעהן צו שליסען שלום אום יעדען פּרייז און דערנאָך דערקלערען פראַנקרייך פאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע, אונטער אַ געוויסען פּרינץ, וועמען זיי וועלען שפּעטער באַשטימען. פאַר אַ רעפּובליק האָבען זיי מורא געהאַט ווי פאַר פייער. דאָס פּובליקום האָט זיך פון די גאַלעריעס צוזאַמען מיט אַ נייאָנגעקומענער מאַסע אַריינגעריסען אין זאָל פון די זיצונגען און האָט פאַרנומען די פּלעצער פון די דעפּוטאַטען. גאַמבעטאַ שטויסט זיך דורך צו דער טריבונע און אַנאָנסירט, אַז די אימפּעריע הערט אויף צו עקזיסטירען. דער עולם האָט זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגענט. ער האָט ניט נאָר געוואָלט פּטור ווערען פון לואי באָנאַפּאַרט, נאָר זיך באַווארענען, אַז קיין אנדער פּרינץ זאָל ניט מעהר קאָנען הערשעווען איבער איהם. ער האָט געפּאָדערט אַ „ר ע פּ ו ב ל י ק".

זעהענדיג, אַז עס איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ, אַז מען טאָר זיך צופיל ניט שפּילען מיט דעם רעוואָלוציאָנערען פייער, איז גאַמבעטאַ מיט די דעפּוטאַטען פון דעם לינקען פליגעל אַוועק אין ראַט־הויז צו פּראָקלאַמירען פראַנקרייך פאַר אַ רעפּובליק.

דאָס ראַט־הויז איז שוין געווען באַלאַגערט פון אַ גרויסען עולם מענשען. אינווענינ אין זאַל האָבען געפּלאַטערט זייט ביי

זייט די דריי־פאַרביגע און די רויטע פאָנען. עס איז געווען א גרויסער טומעל, אין איין ווינקעל האָט מען אַפּלאָדירט, אין צווייטען — געפייפט. פון דער פּלאַטפאָרמע האָבען פיל רעדנער באַגריסט דאָס פאָלק. פּלוצלונג הערט זיך א גרויסער גערויש, אַן אויסברוך פון הארציגע, אונאויפהערענדע אַפּלאָדיסמענטען. גאמבעטא און זשול פאַוור קומען אריין אין זאַל און נאָך זיי די דעפּוטאטען פון די לינקע. מ י ל י ע ר גיט איבער זיין פּלאַץ זשול פאַוור. עס דויערט ניט לאַנג און עס ווערט דערקלערט א צייטווייליגע רעגירונג פון די דאָזיגע פּערזאָנען: זשול פאַוור, זשול סימאָן, זשול פערריי, גאמבעטא, קרעמיע, עמאַנואל אַפּאַגאָ, גלע־ביזוען, פּעלטאַן, גראניע־פּאזשע און פּיקאַר. דער פּאַרזאמעלטער עולם באַגריסט די נייע רעגירונג, אָבער פאָדערט אין דער אייגענער צייט, אַז צו דער רעגירונג זאָלען צוגעצויגען ווערען די דריי רעוואָלוציאָנערען: דע־לעקליוז, לעדריו־ראָלען און לואי בלאַנקי. גאמבעטא האָט דארויף געענטפערט, אז בלויז דעפּוטאטען פון פּאריז האָבען דאָס רעכט צו זיין אין דער רעגירונג. דער עולם האָט דעמאָלט פאַרלאַנגט, אַז דער פּאריזער ראָשפאָר, וואָס איז אָקאָרשט געקומען פון גלות אין בעלגיען, זאָל לכל הפחות באַשטימט ווערען אלס א מיטגליד פון דער רעגירונג. גאמבעטא איז דארויף מסכים געווען און ראָשפאָר, וואָס איז געווען פּאפּולער צווישען די רעוואָלוציאָנערען, איז צוגעצויגען געווארען אלס דער פּארטרעטער פון די רעוואָלוציאָנערע רעפּובליקאנער.

די זעלבסט־געקרוינטע רעגירער האָבען צו זיך איינגעלאדען גענעראל טראשיו, ער זאָל פיהרען די פּארטיידיגונג פון פּאריז. טראשיו האָט זיך אין אָנפאנג געלאָזט בעטען. צום סוף האָט ער די איינלאָדונג אָנגענומען.

אזוי האָבען זיך עלף מענשען פון דער ליבעראל־בורזשואַזער אָפּאָזיציע דערקלערט דעם 4טען סעפּטעמבער פאר די „געזעצליכע" באַלעבאַטים פון פראנקרייך און האָבען זיך געקרוינט מיט'ן קלינגענדיגען נאָמען: „ד י ר ע ג י ר ו נ ג פ ו ן ד ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר פּ אַ ר ט י י ד י ג ו נ ג".

די פראָוויזאָרישע רעגירונג פון פארטיידיגונג.

די נייע רעגירונג פון דער נאַציאָנאַלער פארטיידיגונג האָט ארויסגערופען אַ גאַנצע בהלה אין הויף פונ'ם ארונטערגעזעצטען אימפּעראַטאָר לואי באָנאַפּאַרט און אין דעם לאַגער פון די פריהער־דיגע רעגירונגס־לייט. יעווגעניע האָט תיכף געמאַכט פליטה. דער פריהערדיגער סענאַט, וואָס איז געווען די הויפּט־שטיצע פון דעם אימפּעראַטאָר'ס טהראָן, און וואָס האָט צוגעשטימט צו זיין אַוואַנטוריסטישען קריג, איז פארשטומט געוואָרען און האָט מורא געהאַט צו געבען אַ פּיפּס. די הויכע טשינאָווניקעס, מיניסטאָרען, קאַמערהערען און אַלע אַנדערע יוצר משרתים ואשר משרתים פון דער אימפּעריע האָבען ארונטערגערוקט די היטעל איבער די אויגען און זיינען אַנטלאָפען פון דער פּאָליטישער סצענע ווי אויסגעפייפטע אַקטיאָרען.

די ליבעראַלע און ראַדיקאַלע עלעמענטען פון פאַריז האָבען זיך גענומען גרופּירען ארום דער נייער רעגירונג. אַ סך ארבייטער־פּארטרעטער האָבען צוגעזאָגט דער רעגירונג זייער שטיצע. עס איז אמת, אַז זיי האָבען דאָס געטאָן ניט דערפאַר, ווייל די נייע רעגירונג האָט געהאַט זייער צוטרוי. די אַרבייטער האָבען דאָרטען זייער פאָרשטעהער ניט געהאַט. צו אַלע מיטגלידער פון דער רעגירונג, אחוץ צו ראָשפאָר'ן, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען אַלס אַן עהרליכער רעוואָלוציאָנער, האָבען די אַרבייטער זיך פארהאַלטען אפילו מיט אַ געוויסען חשד. די ארבייטער האָבען אָבער סימפּאַטיזירט מיט דעם סימבאָל און דעם פּרינציפּ פון דער רעגירונג, וואָס האָט זיך קאָנסטיטואירט דעם 4טען סעפּטעמבער. די שנאה צו נאַפּאָלעאָנ'ען און זיין רעזשים האָט ארויסגערופען די צושטימונג צו דער רעגירונג פון דער נאַציאָנאַלער פארטיידיגונג.

דעם 5טען סעפּטעמבער האָט דער פעדעראַל ראַט פון אינטערנאַציאָנאַל געשיקט נאָך אַן אדרעס צו די דייטשע אַרבייטער, זיי

זאָלען זעהן צו ווירקען דער מענשען־מאָרד זאָל אויפהערען און א ווײלע שפּעטער האָט ער געלאָזט וויסען דער נייער רעגירונג, אַז ער וועט נעהמען אַן אנטייל אין פראַנקרייך׳ס פאַרטיידיגונג, וואָס זי, די איצטיגע רעגירונג, וועט אָרגאַניזירען. אפילו בלאַנקי און זיינע פריינד האָבען אין דעם ערשטען נומער פון זייער צייטונג („דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַהר”) מודיע געווען, אַז זייער פּאַטריאָטישע פליכט איז ענערגיש און מוטיג העלפען דער רעגי־רונג. זיי האָבען דערביי געפאָדערט פון פּאַריז צו מאַכען אַן אַטאַקע אויף׳ן פּרייסישען שונא.

וואָס מעהר עס האָט געדראָהט די געפאַהר אויף׳ן פראָנט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען די לאָיאַליטעט צו דער נייער רעגירונג. מע האָט פאַרגעסען די אַמאָליגע חטאים פון איהרע מיטגלידער. דאָס שטרעבען צו קאָמונאַלער שטאָדטישער פרייהייט איז געווען אַזוי ליידענשאַפטליך אין די הערצער פון די פּאַריזער בירגער, אַז זיי וואָלטען באַגריסט יעדע רעגירונג. פאַר׳ן מעיאָר פון שטאָדט איז אויסגעקליבען געוואָרען דער אַלטער אָפּאָזיציאָנער פון די „אכט און פיערציגער”, עטיען אַראַגאָ, א פעטער פון עמנואל אַראַ־גאָ — פון דעם מיטגליד פון דער נייער רעגירונג. דער נייער מעיאָר איז געווען אַן אָפּאָזיציאָנער געגען נאַפּאָלעאָן׳ס רעזשים, איז אָבער ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער. ער האָט אַ ל י י ן, קיינעם ניט אָנפרעגענדיג, באַשטימט מער׳ן אין די צוואַנציג פּאַ־ריזער דיסטריקטען. די מער׳ן פון זייער זייט ווידער האָבען וועד־ליג זייער אייגענעם געשמאַק אויסגעקליבען זייערע העלפער און סטעפּס. אָבער די פּאַריזער זיינען געווען אַזוי מלא שמחה פון דער מלוכה־איבערקעהרעניש, אַז זיי האָט ניט געקימערט, וואָס פאַר אַן אַדמיניסטראַציע זיי האָבען איצט געקראָגען. זיי האָבען דערגרייכט וואָס זיי האָבען געוואָלט און ווייטער האָבען זיי זיך ניט אינטערעסירט. זיי האָבען זיך אַפילו אויפגעהערט צו שרעקען פאַר דעם פּרייסישען שונא. זיי האָבען געהאַט גרויס בטחון אין גענעראַל טראָשיו, וואָס האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע אי־בער דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, אַז ער וועט ראַטעווען פּאַריז און פראַנקרייך פון דעם שונא׳ס האַנד. לואי בלאַנקי האָט, אמת, שטאַרק געוואָרענט די פּאַריזער איינוואוינער, זיי זאָלען זיך ניט

ליכט מאכען, זיי זאלען ניט מיינען, אז פאריז שטעהט אויסער געפאהר, אָבער אין חדוה־צייט, א דאנק נאפאלעאָן׳ס מפלה, האָט קיינער זיך ניט געוואָלט באאונרוהיגען מיט טרויעריגע געדאנקען.

עס האָט אָבער ניט לאנג געדויערט און בלאנקי׳ס טרויעריגע נביאות האָבען אָנגעפאנגען מקוים צו ווערען. מאָלטקע׳ס אַרמעען האָבען אָנגעפאנגען ארומצורינגלען פאריז, איידער די גרויסע שטאָדט האָט זיך ארומגעקוקט, איידער זי האָט זיך באפעסטיגט. דעם 20טען סעפטעמבער האָט זיך אָנגעהויבען די באלאגערונג פון פאריז, וואָס איז אָפגעשניטען געוואָרען פון דער איבעריגער פראנקרייך.

די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען האָבען באשלאָסען, אז מע דארף קאָנצענטרירען אלע כחות צו פארטיידיגען פאריז פון אויסערליכען שונא און צו באשיצען די רעפובליק פון אינערליכע שונאים. זיי האָבען אויך אָנגעפאנגען איינצוזעהן, אז עס איז קיין תכלית ניט זיך אינגאנצען צו פארלאָזען אויף די באשטימטע מער׳ן, אז מע באדארף זיי קאָנטראָלירען, און האָבען צונויפגערופען גרויסע עפענטליכע פארזאמלונגען, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פארטיידיגונגס קאָמיטעטען. אין יעדען דיסטריקט איז פאָרגעקומען א פארזאמלונג און די דאָזיגע פארזאמלונג האָט זיך אויסגעקליבען איהר קאָמיטעט פאר׳ן דיסטריקט.

די פארטיידיגונגס־קאָמיטעטען האָבען געהאט די אויפגאַבע צו קאָנטלאָרירען די פארהאנדלונגען פון די מער׳ן און אויפצונעהמען פראָטעסטען געגען זיי. יעדער קאָמיטעט פון די אלע צוואנציג פאריזער דיסטריקטען האָט אויסגעקליבען צו פיער דעלעגאטען צו אן אלגעמיינעם שטאָדטישען קאָמיטעט און אָט דער שטאָדטישער קאָמיטעט, וואו עס זיינען געווען אין סך הכל אכציג פארטרעטער פון אלע פאריזער דיסטריקטען, האָט מיט זיך געבילדעט א פעדעראטיווען צענטראל־קאָמיטעט. אין דעם דאָזיגען צענטראל־קאָמיטעט זיינען אויסגעקליבען געוואָרען ארבייטער, וועניג באצאָהלטע אָנגעשטעלטע, שרייבער און אנדערע אינטעליגענטען, וועלכע זיינען געווען באוואוסט אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. די הויפט קוואטיר פונ׳ם קאָמיטעט איז געווען אויף דער

גאַס קאָרדערי, דער צענטר פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל און דער פעד־
דעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דער אינטערנאַציאָ־
נאַל און די פעדעראַציע האָבען געהאַט אָפּגעשטעלט זייער ארבייט
אויף אַ געוויסער צייט צוליב דער מלחמה. אַ סך מיטגלידער
האָבען באַדאַרפט דינען אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און אַנטייל
נעהמען אין די פאַרטיידיגונגס־קאָמיטעטען און אין דעם פעדע־
ראַטיווען צענטראַל קאָמיטעט. מאַנכע האָבען דעריבער געמיינט,
אַז דער צענטראַל קאָמיטעט באַלאַנגט צום אינטערנאַציאָנאַל. דאָס
איז, פאַרשטעהט זיך, ניט געווען ריכטיג. די מיטגלידער פונ'ם
אינטערנאַציאָנאַל אַלס איינצעלנע פּערזאָנען האָבען גענומען אַן
אַקטיווען אַנטייל אינ'ם קאָמיטעט און האָבען דאָרטען געוועהנליך
געהאַט אַן איינפלוס, אָבער דער אינטערנאַציאָנאַל אַלס אַזעלכער
איז ניט געווען פאַרבונדען מיט'ן צענטראַל־קאָמיטעט.

דער צענטראַל־קאָמיטעט, אַלס אַ קערפּער־שאַפט, וואָס האָט
געקראָגען איהר מאַכט דירעקט פון פאָלק, איז פאַרשטעהט זיך
געווען אומצופרידען פון די באַשטימטע אָדער זעלבסט־ערוועהלטע
מער'ן. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געוואָלט, אַז די אַדמיני־
סטראַציע פון פּאַריז זאָל ווערען אויסגעקליבען פון דער שטעד־
טישער באַפעלקערונג. ער האָט דעריבער מיט איניגע טעג שפּע־
טער, ווי ער האָט זיך קאָנסטיטואירט, אַרויסגעלאָזען אַ מאַניפעסט,
וואו ער האָט אויפגעפאָדערט שטאָדטישע וואַהלען. אַחוץ דעם
האָט דער מאַניפעסט פאַרלאַנגט, אַז די פּאָליציי זאָל זיין אונטער
דער אויפזיכט פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט, אַז אַלע שטאָד־
טישע באַאַמטע זאָלען ווערען ערוועהלט, אויך פּרעסע פרייהייט,
פאַרזאַמלונגס־ און פאַראיינס־פרייהייט, אַז אַלע לעבענס־מיטלען
פון דער ערשטער נויטווענדיגקייט זאָלען אָפּגענומען ווערען פון די
רייכע און זאָלען צוטיילט ווערען צווישען אַלע איינוואוינער פון
פּאַריז און אַז אַלע פּאַריזער בירגער זאָלען ווערען באַוואַפענט. אונ־
טער דעם מאַניפעסט האָבען זיך אונטערגעשריבען פּערזאָנען, וועל־
כע זיינען געווען גוט באַוואוסט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען און
אין דער פּרעסע. צווישען זיי האָבען זיך געפונען די נעמען פון
לאָנגע, לעפראַנסע, לעווערדע, זשערמען קאַסס, מיליער, מאַלאָן,
ראַנוויע, וואַיאַן און אַנדערע.

די ליבעראל־בורזשואזע רעגירונג פון 4טען סעפטעמבער האט, משמעות, ווייניגער ווי אלץ געטראכט פון פאריז'ס פארטיידיגונג. זי האט געוואלט וואס גיכער שליסען א שלום מיט פרייסען, כדי זי זאל זיך גלייך קענען נעהמען צו דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, וואס האט איהר געשטאכען ווי א דארן אין די אויגען. זי האט באשלאסען בעסער צו ברענגען א קרבן פראנצויזישע פראווינצען, פראנקרייך'ס כבוד, איידער פאריז און שפעטער אויך פראנקרייך זאל ווערען באהערשט פון די ארבייטער און רעוואלוציאנערען. גלייך ווי די בורזשואזע רעגירונג האט איבערגענומען די מאכט, האט זי געשיקט איהר מיטגליד זשול פאוור צו פארהאנדלען מיט ביסמארק'ן וועגען א פרידען. דעם צוואנציגסטען סעפטעמבער איז דער „פרידענס־שליח" געקומען צוריק און האט דערצעהלט, אז ער האט ביי דער באגעגעניש מיט ביסמארק'ען זיך „באגאסען מיט טרעהרען". מיט פארוויינטע אויגען האט ער, דער „גרויסער פאטריאט", הפנים געוואלט פארראטען פראנקרייך. ווען דער צענטראל קאמיטעט פון די צוואנציג פאריזער דיסטריקטען האט דאס דערהערט, האט ער תיכף געשיקט א דעפוטאציע אין ראטהויז, וואו די רעגירונג האט זיך געפונען, און האט פארלאנגט מען זאל פא'זעצען דעם קריג ביז דעם לעצטען טראפען בלוט און אז ס'זאלען ארגאנשירט ווערען שטאדטישע וואהלען, אזוי ווי עס איז געווארען פארלאנגט אינ'ם מאניפעסט, וואס איז ארויסגעלאזען געווארען מיט אייניגע טעג צוריק.

די אינטערנאציאנאלע „פאטערלאנדסלאזע" האבען זיך דא ארויסגעוויזען פאר א סך גרעסערע פאטריאטען, וועמען דער מזל פון פראנקרייך איז באמת נוגע, ווי די נאציאנאליסטען, וועלכע הערען ניט אויף צו טרומייטען וועגען זייער „ליבע און טרייהייט" צו זייער פאטערלאנד. גאמבעטא האט אין אנפאנג סימפאטיזירט מיט די פאדערונגען פונ'ם פעדעראטיווען צענטראל־קאמיטעט. ער האט פארשפראכען דער דעפוטאציע, אז די רעגירונג וועט זיך ניט אונטערגעבען פאר קיין זאך אין דער וועלט. עס זיינען אויך באשטימט געווארען מוניציפאלע וואהלען אויף ענדע מאנאט.

די רעגירונג האט אבער גלייך חרטה געקראגען אויף איהר

„ראדיקאלען" שריט און אויף איהר „הנחה" צו די רעוואלוציאנע־רען און האט אין א פאר טעג ארום ארויסגעגעבען א דעקרעט, וואו זי האט אפגעלעגט די וואהלען אויף אן אומבאשטימטער צייט. אפיציעל, אין דער עפענטליכקייט, האט די רעגירונג געוויזען א ליבליך פנים צו די פארטרעטער פון פאלק, ביי וועמען עס האט געברענט א פייער פון אמת'ן פאטריאטיזם, אבער אונטער דער אפענער פריינדשאפט איז געווען פארבארגען די תאוה פון פאר־ראט און געמיינהייט. אום צו אונטערדריקען די רעוואלוציע, האט זי ארייגעשטאכען א מעסער אין רוקען פון פראנצויזישען פאלק.

פאריז, די באפעלקערונג פון פאריז, האט דאס אינסטינקטיוו געפיהלט און האט אנגעפאנגען זיך צו פארהאלטען מיט פאראכ־טונג און אונצוטרוי צו דער רעגירונג פון 4טען סעפטעמבער.

פון שלאכטפעלד קומען אן ידיעות איינע שווארצער פון די אנדערע. טול, סטראסבורג (די פראנצויזישע פעסטונגען) זיי־נען געפאלען. די דאזיגע מעלדונגען האבען אויפגערודערט גאנץ פאריז. אייניגע פונ'ם צענטראל־קאמיטעט האבען זיך דעם פינפ־טען אקטאבער ארייגעריסען אין ראטהויז, האבען צונויפגערופען די באטאליאנען, האבען פראקלאמירט אן אויפשטאנד, באשטימט שטאדטישע וואהלען און האבען פארלאנגט, אז די לעבענס־מיטלען זאלען צוטיילט ווערען גלייך פער קאפ פון דער באפעלקערונג. ארום דעם ראטהויז האט זיך צונויפגעקליבען א גרויסער עולם, וועלכער האט פארלאנגט, אז פאריז זאל האבען א דעה אין דער פארטיידיגונג, אז די שטאדט זאל באשטימען איהר אייגענעם פאר־וואלטונגס־ראט, איהר קאמונע. דער אויבער־קאמאנדיר טרא־שיו האט אין נאמען פון דער רעגירונג דערקלערט, אז זי וועט נים נאכגעבען דעם צענטראל־קאמיטעט. דעם צוואנציגסטען אקטא־בער האט זיך ארום ראטהויז צונויפגעקליבען אן ערך טויזענד פער־זאנען און זיי האבען ארייגעשריען אין די פענסטער: „לאנג לע־בען זאל די קאמונע".

די פראנצויזישע ארמעע אויפ'ן פראנט קריגט וואס ווייטער אלץ שטארקערע קלעפ. דעם 31טען אקטאבער האט זיך פאריז דערוואוסט, אז די גרויסע באפעסטיגטע שטאדט מעץ האט קא־פיטולירט און אז גענעראל באזען, אויף וועמען מען האט געלעגט

אַזעלכע גרויסע האָפנונגען, האָט געשלאָסען שלום מיט'ן שונא אים נאָמען פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען. די „פּאַרטיידיגונגס"־רעגי־רונג פונ'ם 4טען סעפּטעמבער קריכט פון הויט און זוכט אַלערליי מיטלען ווי אַרויסצוקריגען פון ביסמאַרק'ן אַ וואַפען־שטילשטאַנד. זי האָט צו דעם צוועק געשיקט טיער'ן, ער זאָל פאַרהאַנדלען מיט'ן שונא.

ווען פּאַריז האָט דערהערט פון טיער'ס שליחות, האָט זיך אויפגעהויבען אַ גוואַלדיגער טומעל. ניט קוקענדיג אויפ'ן רעגען, זיינען מענשען געלאָפען איבער די גאַסען און געשריען: „נידער מיט'ן וואַפענשטילשטאַנד", „נידער מיט טראַשיו", „נידער מיט דער רעגירונג".

די מער'ן האָבען געזעהן, אַז ס'האַלט שלעכט, אַז דאָס פאָלק איז אויפגערעגט, האָבען זיי געזוכט מיטלען איינצושטילען דעם פאָלקס־צאָרן. זיי האָבען באַשלאָסען צו געבען אייניגע הנחות. זיי האָבען מסכים געווען צו מאַכען שטאָדטישע וואַהלען, און האָ־בען אויך נאָכגעגעבען די פאָדערונג פונ'ם צענטראַל־קאָמיטעט צו אָרגאַניזירען באַטאַליאָנען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

דער עולם לעבען ראַטהויז ווערט אַלץ גרעסער און געדיכטער. ער וויל הערען אַ קלאָרען ענטפער פון דער רעגירונג. עס שמאַר־קען זיך די אויסרופען: „לעבען זאָל די קאָמונע". צווישען עולם איז געשטאַנען פעליקס פּיאַ, אַ פּאָפּולערער זשורנאַליסט, וואָס האָט געשריבען רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען. די מאַסע האָט איהם אַריינגעשטופּט אין טראָן־זאַל. פּיאַ רייסט זיך אַרויס און זאָגט, אַז ער וויל קומען אין ראַטהויז אַלס אַן אויסערוועהלטער פון פאָלק, אָבער ניט מיט געוואַלד. דער צונויפגעקליבענער עולם שטעהט אַ גאַנצען טאָג און וואַרט. זיין געדולד האַלט ביים פּלאַ־צען. ער רייסט זיך אַריין אינווייניג, אין די זאַלען, וואו די רע־גירונג און די מער'ן האָבען זיך געהאַלטען אין איין עצה'נען. עס געהט אַרויס ראַשפּאַר און ער פאַרשפּרעכט, אַז ס'וועלען אָפּגעהאַלטען ווערען מוניציפּאַלע וואַהלען. די פאַרזאַמעלטע האָ־בען איהם, וואָס איז געווען פריהער זעהר פּאָפּולער, באַגעגענט זעהר ניט פריינדליך. זיי האָבען אויף איהם געקוקט, ווי אויף אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער רעגירונג, צו ווענען זיי האָבען

פארלארען דעם צוטרוי. איינער פון די דעלעגאטען פונ'ם צענ־טראל־קאמיטעט איז ארויפגעקראכען אויפ'ן טיש און שרייט אויס אונטער דער הסכמה פונ'ם פארזאמעלטען עולם, אז די רעגירונג איז געפאלען און פאדערט אויף, עס זאל אויסגעקליבען ווערען א קאמיסיע, וועלכע זאל איינארדנען וואהלען אין 48 שעה. דער רעוואלוציאנער פלוראנס איז אנגעקומען מיט באוואפענטע נאציא־נאל־גווארדיסטען און איז ארויף אויפ'ן טיש, וואו עס זיינען גע־זעסען די מיטגלידער פון דער רעגירונג, און האט זיי דערקלעהרט אלס געפאנגענע. ער האט אויך פארלאנגט, עס זאל געגריינדעט ווערען א קאמיטעט פון געזעלשאפטליכער זיכערקייט, און האט גלייך אויסגערופען די נעמען פון דעם נייעם קאמיטעט: פלוראנס, בלאנקי, דעלעקליוז, מיליער, ראנוויע, פעליקס פיא און מאטטיו.

עס איז געווארען אין ראטהויז א גאנצע סומאטאכע. א גאנצער דור הפלגה האט זיך אפגעשפיגעלט. יעדער זאל האט זיך געהאט זיין רעגירונג און דער פארזאמעלטער עולם איז געווען אויפ־גערעגט, צוטומעלט און האט ניט געוואוסט ווער, וואס, ווען. א פאר מיטגלידער פון דער אלטער רעגירונג האבען אויסגענוצט דעם טומעל און האבען געמאכט פליטה. דער קאמאנדיר טראשיו און זשול פעררי האבען זיך ארויסגעג'גנב'עט פון ראטהויז פאר פלו־ראנס' אויגען. די לאיאלע רעגירונגס־סאלדאטען האבען ארעס־טירט בלאנקי'ן. די רעוואלוציאנערען האבען איהם אבער גלייך באפרייט. דער מעיאר פון פאריז, עטיען אראגא, האט דערקלערט, אז אויף מארגען, דעם 31טען אקטאבער, ווערען דורך אפישען גערופען אלע פאריזער בירגער צום שטימקאסטען, — א הנחה צו די רעוואלוציאנערען.

ווען פאריז איז אויף מארגען אויפגעשטאנען, האט ער בא־נעגענט רעגירונגס־סאלדאטען אויף זיינע גאסען. טראשיו און פעררי האבען זיי צונויפגערופען און געהעצט געגען די רעוואלו־ציאנערען. זיי זיינען אויך אריין אין ראטהויז און באפרייט זשול פאוור און זיינע קאלעגען, וועלכע זיינען געווען געפאנגען פון נעכ־טען. די נידערלאגע פון די רעוואלוציאנערען האט געפיהרט דער־צו, דאס די וואהלען זיינען ווייטער אפגעלעגט געווארען ביז אויף דעם 5טען נאוועמבער.

דער 31טער אָקטאָבער איז אויף דעם אופן געוואָרען א טאָג, ווען די בורזשואַזע רעגירונג האָט געזיגט איבער דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט פון פּאַריז.

די אורזאַך פון דעם פּראָלעטאַריאַט׳ס דורכפאַל דעם 31טען אָקטאָבער איז געווען, וואָס זיינע פיהרער האָבען ניט געהאַט קיין איין איינהייטליכען פּלאַן, זיינען ניט געווען אייניג צווישען זיך און די רעוואָלוציאָנערען זיינען ניט געווען גוט דיסציפּלינירט און אָרגאַניזירט און האָבען דעריבער ניט געקענט גוט אויסנוצען די רעוואָלוציאָנערע שטימונג, וואָס איז געווען ניט אינ׳ם ערך שטאַרקער פון דער שטימונג אין נוצען פון דער רעגירונג.

לואי בלאַנקי און דעלעקליוז האָבען געלעבט אין זייערע ענגע רעוואָלוציאָנערע קרייזען און זיינען ווייניג געקומען אין באַריהרונג מיט די גרויסע פאָלקס־מאַסען. פעליקס פּיא האָט איבערהויפּט מעהר געציטערט איבער זיין אייגענער הויט ווי איבער דעם מזל פון דער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציאָנערע פיהרער פון 48טען יאָהר, ווי אַשטייגער לעדריו־ראָלען, דער עקאָנאָמיסט לואי בלאַן, שעלשער, וויקטאָר הוגאָ און אַנדערע, וועלכע האָבען געלעבט אין דער צייט פון דער אימפּעריע אַלס עמיגראַנטען אין אַנדערע לענדער, האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון זייערע גלות־ערטער, מיד, צובראָכען, פאַרבורזשואַזעוועט, קרענקיג, אונצופרידען מיט דעם יונגען רעוואָלוציאָנערען דור, וועלכער האָט געפּרעדיגט אָהן זייער הסכמה נייע סאָציאַליסטישע אידעען און האָט געטאָן זאַכען, ניט אָנפרעגענדיג ביי זיי. דער פאַרלאַנג צו לעבען אין „רוה און אָרדנונג” און הערען לויב־געזאַנגען פאַר זייער פאַרגאַנגענהייט האָט געבראַכט דערצו, דאָס די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערען פון 48טען יאָהר האָבען געקוקט קרום אויף דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די צוואַנציג פּאַריזער דיסטריקטען, וואָס איז באַשטאַנען פון נייע, יונגע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען זיך צו זיי, צו די אַלטע, פאַרהאַלטען ווי צו אינוואַלידען און אָפּגעשלאָגענע הושענות. דער צענטראַל־קאָמיטעט גופא איז געווען אונערפאַהרען און האָט געקענט מיט זיין ענטוזיאַזם אויפהויבען, אַרויסרופען דאָס פאָלק, אָבער איז ניט געווען בכח צו פיהרען, צו ווייזען דעם ריכטיגען וועג און די ריכטיגע אופנים, ווי צו דערגרייכען דעם ציל.

מען באדארף אויך ניט פארגעסען, אז פאריז איז געווען באלאגערט פון די פרייסישע ארמעען און אז די באלאגערונג האט באשאפען א גוואלדיג נערוועזע שטימונג אין שטאדט. „פאריז — זאגט א היסטאריקער — איז אין יענער צייט געווען געגליכען צו א צימער פון א קראנקען, וואו מען האט מורא צו ריידען א ווארט". אויסער דעם האט די באלאגערונג ארויסגערופען א גוואלדיגען פארלאנג ארויסצואווייזען א ווידערשטאנד דעם שונא, מעג דער פרייז פון ווידערשטאנד זיין זעהר גרויס. און אז דער הייסער פארלאנג האט פון איין זייט געשאפען א האס געגען דער רעגירונג פאר איהרע פאררעטערישע אונטערהאנדלונגען מיט'ן פיינד, אבער פון דער אנדערער זייט האט דאס ביי מאנכע ארויסגערופען א געגנערשאפט צו די, וועלכע ווילען צושפליטערען די כחות פון דער באפעלקערונג און אפשוואכען דערמיט איהר ווידערשטאנדס־קראפט.

דעם 5טען נאוועמבער איז פארגעקומען א פאלקס־אפשטימונג. די מעהרסטע ערוועהלטע פאר דער שטאדט־אדמיניסטראציע זיינען געווען ליבעראלען — אנהענגער פון דער פריהערדיגער אדמיניסטראציע. עס זיינען אבער צוגעקומען איינציגע מעסיגע מיטגלידער פונ'ם אינטערנאציאנאל, ווי טאלען, מיורא, געליגאן א.א.וו. און איינציגע פון די מעהר לינקע, ווי מאלאן, זשאקלאר, דרעער, לעא, מעליע א. א. וו. דער וויכטיגסטער רעזולטאט פון דער אפשטימונג איז געווען די ערוועהלונג פון דעלעקליוז אין נייצעהנטען דיסטריקט און די ערוועהלונג פון ראנוויע, מיליער און פלוראנס אין צוואנציגסטען דיסטריקט. די רעוואלוציאנערע פארטרעטער פון צוואנציגסטען דיסטריקט האבען אבער ניט געקענט דערפילען זייערע פליכטען, ווייל זיי זיינען געווען אויפ'ן צעטעל, וועמען די בורזשואזע שטאדט־פארוואלטונג האט געהייסען ארעסטירען „פאר דער מאניפעסטאציע פון דעם 31טען אקטאבער". צווישען די אנדערע, וואס זיינען געלעגען אונטער'ן ארעסט, זיינען געווען: ווערמארעל, לעפראנסע, פעליקס פיא, זשאקלאר, טרידאן, בלאנקי. בלאנקי, מיליער און פלוראנס האבען זיך באהאלטען און מען האט זיי ניט געקענט כאפען. די רעגירונגס־טרייע ליבעראלע שטאדט־פארוואלטונג האט פארשפרייט קלאנגען, אז זי האט דאקומענטען, וועלכע ווייזען, אז אט די אלע מאניפעסטאנטען פונ'ם

31טען אָקטאָבער זיינען געווען באצאָהלטע אגענטען פון לואי באָ־נאפארט'ס פּאָליציי. א באוואוסטער מיטעל צו קעמפען געגען רעוואָלוציאָנערען מיט אלערליי געמיינע בלבולים און רכילות, כדי זיי צו פארשווארצען אין די אויגען פון פאָלק.

נאָך די וואהלען, ווען די ליבעראלע בורזשואזיע האָט זיך גע־פיהלט זיכערער אין זאָטעל, איז באשטימט געוואָרען פאר'ן קאָ־מאנדיר פון דער נאציאָנאלער גווארדיע קלעמאַן טאָמא — א „העלד", וואָס איז „באריהמט" געווען מיט זיינע שחיטות אויף די ארבייטער אין יוני 1848.

די מאניפעסטאציע פון 31טען אָקטאָבער איז ניט פאָראיבער אזוי גלאט. ניט געקוקט אויף איהר נידערלאגע, האָט זי דאָך גע־האט איהר ווירקונג. די רעגירונג האָט מורא געקראָגען פאר'ן אויפגערעגטען עולם און האָט זיך, כאָטש לפנים ווענען, געמוזט נעהמען פאר דער פארטיידיגונג פון פאריז. אין הארצען אָבער האָט זי ביי זיך באשלאָסען צו פארטיידיגען פאריז ניט פון דער פרייסישער ארמעע, צו וועלכער זי איז געווען גרייט צו קאפיטו־לירען יעדע מינוט, נאָר פון דער רעוואָלוציע.

פאריז אין דער באלאגערונגס־צייט.

די עקאנאמישע לאגע אין דעם באלאגערטען פאריז איז געוואָרען וואס א טאָג ווייטער אלץ מעהר אונערטרעגליך. דער הונגער האט זיך יעדע ווײלע געשטארקט. אפילו פערדען־פלייש איז געוואָרען אוממעגליך צו קריגען. מען האט געגעסען הינד, קעץ און מייז. קיין קוילען איז נים געווען. די קעלטען זיינען גראד געווען גרויס און שעה׳ן־לאנג פלעגט אויסקומען די אָרימע פרויען צו שטעהן און ווארטען אויפ׳ן גאס פאר זייער מלחמה־פארציע. קינדער פלעגען שטארבען אין זייערע מוטערס אָרעמס. פון דער ערוועהלטער אדמיניסטראציע האט איין דעלעקליוז געשריבען און גערעדט צום פאָלק קלאָרע דבורים. מיט זיינע שארפע אמת־פאטריאָטישע ארטיקלען געגען דער רעגירונג פון 4טען סעפטעמבער איז ער געוואָרען נאָך מעהר פאפולער און באליבט ביי די פאריזער מאסען. ער האט נים אויפגעהערט אויפצודעקען דעם פארראט פון די מיליטערישע און ציווילע הויכע באאמטע.

דעם 4טען יאנואר 1871 האט ער פארגעשלאָגען, אז טראָשיו און קלעמאָן טאָמא זאָלען ווערען אראפגעזעצט, אז די נאציאָנאלע גוואַרדיע זאל זיך מאָביליזירען, עם זאָל געגרינדעט ווערען א ספעציעלער פארטיידיגונגס־ראט. זיינע פארשלאגען ווערען נידערגעשטימט פון דעם ראטהויז. דער פעדעראטיוועער צענטראל קאָמיטעט האט אָבער אונטערשטיצט דעלעקליוז׳ן.

דעם זעקסטען יאנואר האט דער צענטראל־קאָמיטעט ארויסגעלאָזען א רויטע פראקלאמאציע, וואס איז געווען געשריבען פון טרידאָן און זשול וואללע, וואו ער האט ארונטערגעריסען די מאסקע פון דער רעגירונג: „האט די רעגירונג דערפילט איהרע אויפגאַבען? — פרעגט דער קאָמיטעט — ניין! אונזערע רעגירער האָבען געבראכט אויף אונז אַן אומגליק. . . . מען שטארבט פון הונגער און פון קעלט . . . פון די שלאכטפעלדער הערט מען בלויז

וועגען מפלות מיט בערג דער'הרג'עטע . . . די רעגירונג טויטעט אונז אוועק . . . איהר פאליטיק מוז פיהרען צו א קאפיטולאציע . . . די איצטיגע רעגירונג האט געקראגען איהר יניקה פון דער אימפעריע . . . מאכט פלאץ פאר'ן פאלק . . . טרעט אפ פאר דער קאמונע . . ."

אייניגע פון די, וועלכע האבען אונטערגעשריבען די פראקלאמאציע, זיינען געווארען ארעסטירט. טראשיו האט אנאנסירט, אלס ענטפער אויף דער פראקלאמאציע, אז פאריז וועט זיך קיין מאל ניט אונטערגעבען.

דעלעקליוז און זיינע נאכפאלגער האבען רעזיגנירט. זיי האבען קלאר געזעהן דעם סוף, צו וואס דער איצטיגער צושטאנד וועט פיהרען, און האבען ניט געוואלט טראגען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט. די בורזשואזיע האט אין דער שטיל געמאכט הכנות צו דער קאפיטולאציע. זי האט גערופען געהיימע באראטונגען און אין דער פינסטער געוועבט די פעדים פון פאררעט. זי האט אבער מורא געהאט פאר דעם צארן פון פאלק און האט געזוכט א מיטעל ווי אזוי ארונטערצונעהמען פון זיך די שולד. אין מיטען יאנואר האבען די מיטגלידער פון דער „פארטיידיגונגס־רעגירונג" אנגעפאנגען צו ריידען פון א פארזאמלונג, וואוהין דאס פאלק זאל שיקען זיינע דערוועהלטע, אום זיך צו בעראטען וועגען דער קאפיטולאציע.

דעם צוואנציגסטען יאנואר, נאך א פייערדיגער באמבארדירונג פון די פרייסען, וואו דער פאריזער גארניזאן האט פארלארען, לויט טראשיום אפיציעלער מעלדונג, „ניט מעהר ווי דריי טויזענד דערהה'רג'עטע און פארוואונדעטע", זיינען די רעגירונגס־מיטגלידער ארוים מיט לשון און האבען אפען מודיע געווען, אז ווייטער זיך פארטיידיגען איז אונמעגליך, אז פאריז מוז קאפיטולירען, כדי צו ראטעווען פראנקרייך.

די דאזיגע מעלדונג איז פאר פאריז, וואס איז די גאנצע צייט פארפיהרט געווארען מיט פארשפרעכונגען אויף א גיכען זיג, געווען א צו שווערער קלאפ אריבערצוטראגען. די פאריזער באפעלקערונג האט געקענט אריבערטראגען הונגער, קעלט, עפידעמיעס, אטאקעס פון שונא, זי האט אבער ניט געקענט אריבערטרא־

גען די באליידיגונג פון אונטערגעבען זיך. אין דעם וואָרט „קאפיטולאציע” האָט פאריז דערפיהלט די שרעקליכע שמערצען פון די וואונדען, וואָס ער האָט געקראָגען אין דער גאנצער באלאגערונגסצייט. די אייטערביילען זיינען פול געוואָרען מיט נקמה צום שונא און צו דער רעגירונג, וואָס האָט די גאנצע צייט פארבאָרגען דעם אמת.

דריי אזייגער פארטאָג, ווען די רעגירונג איז געזעסען און זיך מישב געווען איבער דער קאפיטולאציע, האָט זיך געהערט א גרויסער טומעל אויפ'ן גאַס. די נאציאָנאלע גווארדיע איז באפאלען א טורמע, האָט אויפגעבראָכען די טירען און באפרייט פלוראנס'ן און אנדערע „פאָליטישע פארברעכער”. די מאכט־האָבער האָבען זיך שטארק דערשראָקען, און די ערשטע זאך, וואָס זיי האָבען געטאָן, איז געווען, איבערצובייטען די קאָמאנדע. זיי האָבען ארונטערגעזעצט גענעראל טראָשיו און באשטימט פאר'ן הויפּט־קאָמאנדיר גענעראל ווינוא — א באָנאפארטיסט פון קאָפּ ביז די פיס.

דאָס איז געווען זעהר כאראקטעריסטיש פאר די פארטרעטער פון דער ליבעראלער בורזשואזיע. אָנשטאָט איבערצוגעבען די מאכט צו די פאָרשטעהער פון די ארבייטער, האָבען זיי בעסער זי איבערגעגעבען צו די פארטרעטער פון דער געפאלענער מאָנארכיע, צו די שולדיגע אין דער איבערקעהרעניש פונ'ם 51טען יאָהר.

ווינוא האָט די מאכט, פארשטעהט זיך, ניט אויסגענוצט געגען דעם שונא, נאָר געגען די פּראָטעסטירענדע פאָלקס־מאסען. מיט דער הילף פון קלעמאַן טאָמא, האָט ער זיך אויף דאָס ניי גענומען צו דעם אלטען בלבול, אז „די בונטאָווּשטשיקעס זיינען אריין אין אן אָפּמאך מיט'ן שונא” און אז מען באדארף זיי דערריבער פארניכטען. האלבען טאָג האָט זיך געהערט דאָס קלאפּען פון א באראבאן און א באוואפענטער עולם האָט זיך צונויפגעקליבען אויפ'ן פלאץ פאר'ן ראטהויז. איינער פון פּובליקום האלט א פייערדיגע רעדע, וואו ער שילדערט דעם פארראט פון דער רעגירונג און די אויפרעגונג, וואָס הערשט אין פאריז געגען איהר. ער ענדיגט זיין רעדע אונטער א דונער פון אפּלאָדיסמענטען מיט דעם אויסרוף: „לאנג לעבען זאָל די קאָמונע”. דער שטעל־פארטרעטענדער מעיאָר ענטפערט, אז די אידעע פון קאָמונע איז א פאלשע

און אז ער וועט קעמפען קענען איהר מיט אלע מעגליכקייטען. דעם באאמטען'ס ווערטער האבען דעם עולם ניט בארוהיגט, נאר זיינען געוועז ווי אויל אויפ'ן פייער. די צונויפגעקליבענע מאסע איז געווארען אנגעצונדען פון כעס. עס איז אנגעקומען דער 101 באטאליאן און שרייט אוים: „טויט צו די פאררעטער". עס זיינען צוגעשטאנען נאך איינינע באטאליאנען. מיט אמאל הערט זיך א שיסעריי. די פענסטער פון ראטהויז ווערען פארדעקט מיט רויך. זשאנדארמען, אונטער דער קאמאנדע פונ'ם נייעם „העלד" ווינוא, זיינען אנגעקומען און האבען זיך ווי ווילדע חיות ארויפגעווארפען אויף די פארזאמעלטע. ווידער א שיסעריי. די ארגאניזירטע רעגירונגס-טרופען האבען זיך ארויסגעוויזען שטארקער פון די צופעליגע, ניט ארגאניזירטע רעוואלוציאנערען, וועלכע האבען געמוזט אפטרעטען. צוועלף מאן פון די מאניפעסטאנטען זיינען אריינגעפאלען אין ווינוא'ס הענט, וועלכער האט זיי גע־וואלט אויפ'ן שטעל דערשיסען. דער סך הכל פון דעם צוזאמענשטוים איז געווען: 30 טויטע און פארוואונדעטע פון די מאניפעסטאנטען און בלויז איין טויטער פון די „לאיאלע". דאס איז אבער געווען גענוג.

עס האבען זיך אנגעפאנגען מאסען ארעסטען, רעפרעסיעס. צווישען די ארעסטירטע איז אויך געווען דער אלטער 65-יעהריגער רעוואלוציאנער דעלעקליוז, וועלכער האט בעת מעשה געליטען פון א לאנגער קראנקהייט. די אפאזיציאנס-צייטונגען זיינען פארמאכט געווארען.

דער צוטרוי צו דער רעגירונג איז אבער וואס ווייטער אלץ מעהר געווארען אונטערגעגראבען. די באפעלקערונג פון פאריז האט געפיהלט, אז די רעגירונג קלייבט זיך צו טאן עפעס שרעקליכעס, עפעס אומגעוועהנליכעס און האט געקוקט אויף איהר מיט א גוואלדיגען חשד. דעם 27טען יאנואר, ווען זשול פאוור האט געשלאסען מיט ביסמארק'ען א וואפען-שטילשטאנד אויף באלייריגענדע באדינגונגען, האט פאריז דערזעהן, אז זיין מורא איז ניט געווען קיין אומזיסטע. מיאוס פארראטען פון דער אייגענער רעגירונג, באליידיגט פון שונא, האט פאריז קיין אנדער זאך ניט געטראכט ווי זיך נוקם צו זיין אן ביירע, אן די אייגענע פאררעטער

און אַן דעם שונא, וועלכער האָט איהם געקוועטשט מיט אַ רינג פון קאַנאָנען, הארמאטען און אַלערליי קאַלטע און הייסע געוועהר. פארצווייפעלט, נידערגעשלאָגען, האָט אָבער פאריז געברענט מיט אַן אונבאשרייבליכען נקמה־פייער, וועלכער האָט פון איין זייט געשפריצט פונקען אויף דעם אַלטען סיסטעם, וואָס האָט איהם געבראכט צו דעם אומגליק, און פון דער צווייטער זייט האָט ער געוואָרעמט, געוואָרפען אַ העלען שיין און באַלויכטען דעם וועג צו דער צוקונפט...

די רעגירונג האָט אָבער געהאַט גליק. זי האָט געטענה'ט, אַז זי אַליין קען ניט שליסען קיין שלום מיט פרייסען, אַז זי מוז אַנפרעגען ביים פראַנצויזישען פאָלק. זי האָט באשטימט דעם 8טען פעברואר פאר'ן וואהלטאָג אויף אַ נייע „נאַציאָנאַלע פאר־זאַמלונג", וואס זאל סאנקציאָנירען אָדער צוריקווייזען די פרי־דענס־באַדינגונגען.

די פאָרברייטונגען צו די וואהלען האָבען פאר אַ ווײלע פאר־טויבט די בלוטיגע פראָטעסטען פון פאָלק און האָבען אויף אַ צייט פארהאַלטען דעם צאָרן־אויסגוס.

צווישען די ארויסגעשטעלטע קאנדידאטען פון פאריז האָבען געוואונען די, וועלכע זיינען געווען געגען די פרידענס־באַדינגונגען. גאמבעטא, באַוואוסט אַלס געגנער פון שלום, האָט געצויגען זעהר פיל שטימען. זשול סימאָן, זשול פעררי און טראָשיו זיינען דורכ־געפאַלען. אייניגע מיטגלידער פונ'ם אינטערנאציאָנאַל זיינען דער־וועהלט געוואָרען. איין ארבייטער־אָרגאַניזאציע, וועלענדיג דע מאָנסטרירען איהר אינטערנאציאָנאַלע ארבייטער־סאָלידאריטעט האָט ארויסגעשטעלט דעם דייטשען סאָציאַליסט ווילהעלם ליב־קנעכט אַלס איהר קאנדידאַט. די אָרגאַניזאציעס פונ'ם אינטער־נאציאָנאַל און די פעדעראציע פון די ארבייטער־פאַראיינען, וועלכע האָבען איינגעשטעלט זייער טעטיגקייט די לעצטע חדשים, האָבען צוריק ערוואכט. זיי האָבען פארלאַנגט, אַז צווישען די נייע מאַכט־האָבער זאָלען אויך זיין פארטרעטער פון ארבייט. דער פעדערא־טיווער צענטראל־קאָמיטעט פון די צוואַנציג פאריזער דיסטריקטען האָט זיי אונטערגעשטיצט און אַלע צוזאַמען האָבען ארויסגעלאָזען איין מאַניפעסט צום פאָלק: „אַט איז דער צעטעל קאַנדידאַטען —

זאָגט דער מאַניפעסט — וואָס מיר שטעלען ארויס אין נאָמען פון דער נייער געזעלשאַפט דורך דער פּאַרטיי, וואָס האָט ניט קיינע רעכטען . . . פראַנקרייך טרעט ארויף אויפ'ן וועג פון באַנייאונג. . . די מענער פון ארבייט האָבען דאָס רעכט צו האָבען אַ פּלאַץ אין דער נייער אָרדנונג, וואָס ווערט געשאַפען . . . מיר, וועלכע שטעלען ארויס סאָציאַליסטישע, רעוואָלוציאָנערע קאַנדידאַטען, פאַרלאַנגען, אַז איהר זאָלט ניט שטימען פאַר אַלע די יעניגע, וועלכע קווינקלען זיך נאָך צי מע זאָל איינפיהרען אין פראַנקרייך אַ רעפּובליק, וועלכע זיינען קעגען דעם, אַז די ארבייטער זאָלען זיין די פּאָליטישע הערשער . . .״

ניט קלאָר און ניט גענוי פאָרמולירט זיינען נאָך געווען אין יענער צייט די פאָדערונגען פון די רעוואָלוציאָנערען. אָבער אינסטינקטיוו האָבען זיי שוין דעמאָלט געפיהלט, אַז די ארבייטער מוזען האָבען די פּאָליטישע מאַכט אין זייערע הענד. (דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט! — א. ז.).

צווישען די ארויסגעשטעלטע קאַנדידאַטען זיינען געווען בלאַנקי, גאַריבאַלדי, פעליקס פּיאַ, ראַנוויע, פרידמאַן, מאַלאָן, לעדראַנסע, טאָלען און אַ סך אַנדערע סאָציאַליסטען־ארבייטער, וועלכע זיינען ניט געווען באַוואוסט ביים ברייטען עולם.

די ארבייטער האָבען אָבער ניט געהאַט זייערע אייגענע צייטונגען. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען זיינען געווען פאַרמאַכט. זיי האָבען ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צוצוקומען צום פאָלק. זיי האָבען ניט געהאַט קיין מיטלען, ווי צו קאָנקורירען מיט דער בורזשואַזיע, וואָס האָט געהאַט אין איהר רשות אי אַ פּרעסע, אי געלד, אי די גאַנצע רעגירונגס־מאַשין. בלויז פינף ארבייטער־קאַנדידאַטען האָבען געקענט דערגרייכען די עפענטליכקייט דורך די בורזשואַזע אָרגאַנען, דהיינו: גאַריבאַלדי, גאַמבאָן, פעליקס פּיאַ, טאָלען און מאַלאָן. די איבעריגע זיינען באָיקאָטירט געוואָרען.

פון די פאַרשידענע אַלערליי קאַנדידאַטען האָט די גרעסטע צאָהל שטימען (216,000) געקראָגען לואי בלאַן, וועלכער איז ארויסגעשטעלט געוואָרען פון אַלע קאָמיטעטען אחוץ פון די ארבייטער אויף קאָרדערי. נאָך איהם איז געגאַנגען וויקטאָר הוגאָ, גאַמבעטאַ, גאַריבאַלדי. דעלעקליוז האָט געצויגען 154,000 שטי־

מען. אַ גוואַלדיגע אונגערעכטיגקייט איז געטאָן געוואָרען צו דעם פּאַטער, היטער און באַשיצער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, בלאַנקי, פאַר וועמען עס זיינען איינגאַנצען אָפּגעגעבען געוואָרען 52,000 שטימען.

די אורזאַך פון בלאַנקיס דורכפאַל איז געלעגען אין דעם, וואָס אין יענער צייט, ווען די וואַהלען זיינען פּאָרגעקומען, האָבען די פּאַריזער בירגער ווייניג וואָס געוואוסט און נאָך ווייניגער געגלויבט אין אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער עיקר איז ביי זיי געווען דער פאַרלאַנג אָפּצוהיטען די נאַנצקייט פון פראַנקרייך פון דעם פּריי־סישען שונא און די רעפּובליק פון די מאָנאַרכיסטען. די פּאַט־ריאָטישע התלהבות איז ביי זיי געווען שטאַרקער ווי אַ סאָציאַל־ראַדיקאַלע איבערקעהרעניש. ביי זיי איז רעכט געווען, עס זאָלען בלייבען די אַלטע גענעראַלען, אַבי פראַנקרייך זאָל געראַטעוועט און באַשיצט ווערען. זיי האָבען דעריבער ניט געוואָלט, אַז בלאַנקי און זיינע נאָכפאָלגער, וועלכע זיינען געווען פּאָפּולער אַלס היציגע אַגיטאַטאָרען אָבער שלעכטע ספּעציאַליסטען אין מלחמה־קונסט, זאָלען ווערען איצט די באַלעבאַטים פון פראַנקרייך. די נאַציאָ־נאַלע גוואַרדיע האָט אין יענער צייט איבערהויפּט ניט געוואָלט, די רעגירונג זאָל איינגאַנצען איבערגעביטען ווערען. בלאַנקי האָט פאַר איהר געהייסען אַ ראַדיקאַלע איבערקעהרעניש. צו דעם איז פּאַ־ריז אין יענער צייט נאָך ניט געווען פאַרטיג.

פּאַריז האָט ניט געוואָלט בלאַנקי זאָל קריגען די מאַכט. ער האָט אָבער נאָך ווייניגער געוואָלט די מאַכט זאָל בלייבען ביי דער אַלטער רעגירונג. פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, אַחוץ גאַמ־בעטאַ, אין וועמעס פּאַטריאָטיזם קיינער האָט ניט געצווייפעלט, איז דורך בלויז איין זשול פאַוור.

די רעזולטאַטען פון די פּאַריזער וואַהלען האָבען געגעבען ניט קיין אמת׳ע אַרבייטער־פּאַרטרעטער, אָבער זיי האָבען גע־געבען אַ רעפּובליקאַנישע מעהרהייט. די פּראָווינץ איז גע־ווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען און האָט זיך געפונען אונטער׳ן איינ־פלוס פון די גלחים און אַנדערע כלי קודש, וואָס האָבען זיך גע־שאַרט אַרום די אָרלעאַניסטען און די באָנאַפּאַרטיסטען. זי האָט געשיקט אַ גרויסע מאַיאָריטעט פון פינסטערע, שוואַרצע רעאַקציאָ־

נערען קיין באָרדאָ — די שטאָדט, וואו עס איז פאָרגעקומען די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג.

געאָגראַפיש האָט זיך פראַנקרייך צוטיילט אין צוויי פיינד־ליכע לאַגערען: פון איין זייט פאַריז מיט זיין רעוואָלוציאָנערען אַרבייטער־קלאַס, מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, מיט זיין פאָרגעשריטענער אינטעליגענץ, מיט זיינע פראָפּאַגאַנדיסטען און אַגיטאַטאָרען, און פון דער צווייטער זייט די פראָווינץ מיט איהרע אַלטמאָדישע קליינע בעלי בתים, מיט איהרע שווארץ מאה'דיגע קלעריקאַלען, מאָנאַרכיסטען און אַלע זאָרטען קאָנטר־רעוואָלוציאָ־נערען, וועלכע האָבען זיך דאָרטען באַפעסטיגט געגען דער „צו־לאָזענער הויפּטשטאָדט".

פאַריז איז אויך געווען דער צענטער פון אמת'ער פּאַטריאָ־טישער התלהבות, וועלכער האָט זיך געוואָלט אנטקעגען שטעלען קעגען ביסמארק'ס און מאָלטקע'ס ארמעען. די פראָווינץ איז גע־ווען צוקראָכען, פחד'דיג, אָהן כח צו לעבען און אָהן מוט צו שטאַרבען. ביי דער ערשטער געלעגענהייט איז זי געווען קאַפּאַבעל אָפּצוגעבען אַלעס, מענשען און שטעדט, יאָ, איהר עהרע, אבי מען זאָל איהר לאָזען צופרידען.

מאַנכע פּערזאָנען זיינען געווען מיט פאַריז פאַר זיין פּאַטריאָ־טיזם, פאַר זיינע רעפּובליקאַנישע פּאַרלאַנען אָבער קעגען זיינע סאָציאַליסטישע, רעוואָלוציאָנערע, עקאָנאָמישע פאָדערונגען. דער בעסטער פאַרטרעטער פון דעם טיפּ איז געווען גאַמבעטאַ. ער האָט מיט אַן אונערמידליכער ענערגיע געקעמפט קעגען אַלע די, וועלכע האָבען געוואָלט שליסען פרידען מיט פּרייסען און קעגען די פאַרשיידענע מאָנאַרכיסטישע גרופּען, איז אָבער אין דער איי־גענער צייט געווען קעגען די אַרבייטער־פאַרטרעטער, וועלכע האָבען געשטרעבט צו אַ ס אָ צ י אַ ל ע ר רעוואָלוציע. ער האָט גע־האַסט זיינע קאָלעגען פון דער „פאַרטיידיגונגס־רעגירונג", איז אָבער געגאַנגען מיט איהר, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט צו אונטער־דריקען די רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער.

אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג זיינען אויסגעקליבען גע־וואָרען 450 מאָנאַרכיסטען און דריי הונדערט רעפּובליקאַנער פון

פֿאַרשיידענע שאַטירונגען. דער פֿיהרער פֿון דער מאַיאָריטעט איז געוואָרען אונזער אַלטער באַקאַנטער טיער, קעגען וועמען גאַמבעטאַ האָט געפֿיהרט אַ גרויסען קאַמף ניט נאָר פֿאַר זיינע מאָנאַרכיס־טישע נייגונגען, נאָר נאָך מעהר פֿאַר דעם, ווייל ער האָט אַגיטירט פֿאַר אַ פֿרידען, וואָס האָט אַזוי דערנידריגט און באַליידיגט פֿראַנק־רייך.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אין באָרדאָ.

די אויפגאַבע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג איז געווען זיך מישב צו זיין איבער די „פרידענס באַדינגונגען" מיט פּרייסען. טיער און זיינע חברים האָבען געוואָלט וואָס גיכער האָבען א שלום מיט פּרייסען, כדי זיך גלייך צו נעהמען ענערגיש קעגען די פּאַריזער אַרבּייטער. ביי זיי איז געווען רעכט אָפּצוגעבען פראַנצויזישע פּראָווינצען, אָפּען צו מאַכען די טויערען פון פּאַריז פאַר'ן שונא, אַבי ניט צו דערלאָזען, די אַרבּייטער זאָלען האָבען אַן איינפלוס אין די ענינים פון לאַנד. זייער שטיצע איז געווען די פּראָווינץ מיט איהרע רעאַקציאָנערע טענדענצען און נייגונגען, וואָס האָט געקוקט אויף פּאַריז ווי אויף א צעווילדעוועטען צו־יושעטען בונטאָווששיק, וועלכער האָט ניט מורא פאַר גאָט און פאַר לייטען, וועלכער האָט פון זיך אַראָפּגעריסען דעם יאָך פון תורה און דרך ארץ. אַזאַ שטאָדט, וואָס איז אַרונטער פון דרך הישר און אַרויס לתרבות רעה דאַרף מען קנס'ן—האָבען אָפּגעמאַכט ביי זיך די דערוועהלטע אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פון לאַנד. די מאַיאָריטעט פון די דעפּוטאַטען אין באָרדאָ האָט געזוכט אַלערליי מיטלען אָפּצומעקען דעם „שעדליכען" פּאַריזער איינפלוס און האָט זיך פאַרהאַלטען צו פּאַריז, צו דער שטאָדט פון פראַנקרייך, ווי צו אַן עיר הנדחת.

ווען פּאַריז איז באַלאַגערט געוואָרען, האָבען די באַמיטעלטע קלאַסען איהם פאַרלאָזען. די בורזשואַזיע האָט זיך אַריבערגעקליבען אין מעהר זיכערע ערטער, וואו מען באַדאַרף ניט מורא האָבען פאַר די קוילען פון שונא און וואו עס איז דאָ מעהר צו עסען און צו טרינקען. אין פּאַריז זיינען געבליבען די אַרבּייטער און אַזוי אָרימע לייט, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין מעגליכקייט און אויך ניט קיין חשק צו אַנטלויפען. אויף אַרבּייטער איז אָבער אסור לרחם. ניט געקוקט אויף די שרעקליכע געפאַהרען, אויף

דעם הונגער און קעלט, וואָס די ארבייטער פון פאריז האָבען אריי־בערגעטראָגען אין דער באלאגערונגס־צייט, כדי אָפּצוהיטען דעם כבוד פון פראנקרייך, האָט די פראָווינץ ניט נאָר מיט זיי ניט מיטגעפיהלט, נאָר פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט זיי געבען שטור־כעם און בוכצעם. די ארבייטער זיינען, פארשטעהט זיך, געוואָ־רען נאָך מעהר פארביטערט, נאָך מעהר צערייצט און די דאָזיגע פארביטערטקייט האָט ניט וועניג בייגעטראָגען צו דעם האס, וואס זיי האָבען שפּעטער, ווען די ארבייטער האָבען געקראָגען די מאכט, ארויסגעוויזען קעגען די אָנהענגער פון „גערעץ און אָרד־נונג". צווישען די פארטרעטער פון פאריז און די פארטרעטער פון די קליינבירגער און די פויערים איז געלעגען א תהום, איבער וועלכען עס איז אונמעגליך געווען צו לייגען א בריק. זיי האָבען געלעבט אין פארשידענע פיינדליכע וועלטען און גערעדט אויף פארשידענע שפּראכען. די טעמפּע קליינבירגער פון פראָווינץ האָבען ניט געוואלט פארשטעהן די טיפע גייסטיגע איבערלעבונ־גען פון פאריזער פראלעטאריאט און פאריז האָט ווידער ניט גע־קענט באגרייפען, ווי אזוי מען קען צוליב קליינליכע, אייגעננוציגע, קרעמערישע חשבונות אונטערשטיצען די פארעטערישע פּאָלי־טיק פון טיער, זשול פאוור, זשול פיקאר און קאָמפּ.

ווען די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט זיך געעפענט, דעם 6טען פעברואר, האָט זיך גלייך געפיהלט די פארביסענקייט און די שנאה פון דער מאיאָריטעט צו אלץ, וואס איז ניי, געזונט, פרייהייטס־ליבענד אין פראנקרייך.

איינער פון די פאריזער דעפּוטאטען איז געווען וויקטאָר הוגאָ, וואָס האָט זיך דאָ איצט ניט לאנג צוריקגעקערט פון זיין גלות, וואו ער האָט געלעבט אין דער צייט, ווען נאפּאָלעאָן דער דריטער האָט רעגירט איבער פראנקרייך. ביי זיין ווידערקעהר האָט דאָס פראנצויזישע פאָלק איהם באגעגענט מיט גרויסע אָוואַ־ציעס. אויף זיין וועג קיין באָרדאָ מיט די איבעריגע דעפּוטאטען, וואָס זיינען דערוועהלט געווארען אין פאריז, איז ער איבעראל באגריסט געווארען מיט שטורמדיגע אפּלאָדיסמענטען. אויף אלע סטאנציעס, וואו ער איז פארביי געפאהרען, האָבען זיך צונויפגע־קליבען גרויסע קופּעס מענשען, וועלכע פלעגען שרייען: „לאנג

לעבען זאל וויקטאר הוגא!״ אויך ווען ער האט זיך באוויזען דאס ערשטע מאל אין דעם טעאטער פון באָרדאָ, וואו די נאציאָנאלע פארזאמלונג האט אפגעהאלטען איהרע זיצונגען, איז ער באגריסט געווארען מיט גרויס ענטוזיאזם. וויקטאר הוגא איז נים געווען קיין סאציאליסט, ער האט ניט געוואלט קיין סאציאלע רעוואלוציע, ער איז ניט געגאנגען ווייטער פון זיין פריינד און חבר לואי בלאן — דעם רעפארמער. זיין גאנצער אידעאל איז געווען א רעפובליקאנישע פארם פון רעגירונג. און אט דער אל־טער גרויסער שריפטשטעלער, דער מעסיגער רעפארמער מיט וועמען די יונגע פראנקרייך האט אזוי שטאלצירט, איז געווען ווי א דארן אין די אויגען צו די לאנד דעפוטאטען אין דער נאציאנאלער פארזאמלונג.

„די אוואציע, מיט וועלכער דאס פאלק האט מיר מכבד געווען — דערצעהלט הוגא אין זיינע „זכרונות״ — איז בא־טראכט געווארען פון דער מאיאריטעט אין דער נאציאנאלער פאר־זאמלונג ווי א באליידיגונג פאר איהר. די מאכט־האבער האבען דעריבער אוועקגעשטעלט א סך מיליטער דרויסען פאר דער נא־ציאנאלער פארזאמלונג. איידער איך בין געקומען, האבען די לייט פון רעכטס געפאדערט, אז די „פאלקס פארזאמלונג״ זאל באשיצט ווערען (קעגען וועמען? קעגען מיר?). די לינקע האבען אויף דארויף געענטפערט: „לאנג לעבען זאל די רעפוב־ליק!״*)

די דאזיגע קורצע שטריכען גיבען א קלארען בילד פון דעם שימעל, פון דעם אפגעלעבטען גייסט, וועלכער האט געשוועבט איבער דער נאציאנאלער פארזאמלונג, וואו עס האט באדארפט באשלאסען ווערען דער גורל פון פראנקרייך!

דעם קאליר פון די מעהרסטע דעפוטאטען האט מען אויך געקענט זעהן פון נאך אן אינצידענט, וואס איז פארגעקומען אויף דער ערשטער זיצונג. טיף אין זאל איז געזעסען איינער אליין, פארזונקען אין זיינע געדאנקען, אן אלטער מאן. אונטער זיין מאנטעל האט ער געטראגען א רויטע העמד. דאס איז געווען דער

*) „דהי מעמאריעס און וויקטאר הוגא״, 1899 (ענגליש).

באוואוסטער גאריבאלדי. ווען מען האט אויסגערופען זיין נאַ־
מען, האט ער געבעטען א ווארט. ער הויבט זיך אויף און איז
מודיע, אין קורצע ווערטער, אז ער זאגט זיך אפ פון זיין מאנ־
דאט אלס פאלקס־פארשטעהער, מיט וועלכען א טייל פון פראנק־
רייך האט איהם באעהרט. די רעפּוטאטען פון רעכט, דערזעהענ־
דיג דעם אלטען רעוואָלוציאָנער, האבען אנגעפאנגען צו ברומען, צו
קווישען, צו טומלען, כדי צו פארשרייען גאריבאלדי'ס ווערטער.
גאריבאלדי שטעהט און ריהרט זיך ניט פון אָרט. ער הויבט אויף
זיין דארע טרוקענע האנד, מיט וועלכער ער וויל זיך ווענדען צום
עולם. אָבער די גרעסטע צאָהל דעפּוטאטען ווארפט זיך אויף
איהם מיט זידלערייען און באליידיגונגען. אין מיטען דעם טומעל
האט זיך געהערט א שטארקע, יונגע קלינגענדע שטים: „אזא
מאיאָריטעט איז א חרפה פאר פראנקרייך!" דאס האט אויסגע־
שריען דער איד גאסטאָן קרעמיע*) פון מארסעל. די דעפּוטאטען
האבען זיך געוואָלט ארויפווארפען אויף איהם, אָבער זיי האבען
געזעהן, אז דער זייטיגער עולם אויף די גאלעריעס האט קרעמ־
יע'ן שטארק אפּלאָדירט, און האבען מורא געהאט זיך אנצופאנ־
גען מיט איהם. ווען גאריבאלדי איז ארויס פון דער זיצונג האט
די גרויסע קופּע מענשען איהם באגריסט מיט באגייסטערונג אונ־
טער רעפּובליקאנישע אויסרופען. די נאציאָנאלע גווארדיע האט
איהם אלס עהרען־צייכען אונטערגעטראָגען א פלינט. טיער —
דער פיהרער פון דער מאיאָריטעט — איז געווארען שטארק אין

---

*) גאסטאָן קרעמיע, געבוירען דעם 22טען יוני 1836 אין נים, געשטאָרבען (הינגעריכטעט געוואָרען) אין מארסעל דעם 1טען דעצעמ־בער, 1871.

גאסטאָן קרמיע איז געווען אַ ענטוזיאסטישער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר און האָט אַלס אַדוואָקאַט שטענדיג פאַרטיידיגט די אונטער־דריקטע און פאַרפאָלגטע.

ער איז געווען זעהר באַליבט ביי די אַרבייטער־מאַסען און האָט געקראָגען דעם נאָמען: „דער פאַרטיידיגער פון די אָרימע".

ג. קרעמיע איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פונ'ם אינטערנאציאָ־נאַל, צו וועמעס אידעען ער איז געבליבען געטריי ביז זיין לעצטען אָטעם־צוג.

כעם פאר אזוינע מאניפעסטאציעס און האט שפעטער ארומגע־ריגנעלט דעם ארט פון די זיצונגען מיט מיליטער.

די קאנסערוואטיווע פרעסע האט אנגעהויבען א קאמפאניע פון ליגען, שמוץ און רכילות קעגען פאריז. זי האט געמאכט פאריז פאר א כל בו'ניק, פאר דער שטאדט פון נאטסלאזינקייט און צעלאזענקייט. בעת פאריז האט געהאט אויסצושטעהן אזעל־כע גרויסע פיזישע און גייסטיגע יסורים פון דער באלאגערונגס־ארמעע, האט די פרעסע נים נאר נים דערצעהלט פראנקרייך, וואס פאריז ליידט, נאר, פארקעהרט, זי פלעגט יעדען טאג אויף איהרע שפאלטען ברייננען נים געשטויגענע און נים געפלויגענע מעשיות וועגען דער זינדיגער שטאדט. זי האט פארפלייצט גאנץ פראנק־רייך מיט'ן זומפ פון רכילות און לשון הרע.

אפגעשניטען פון דער אויסערליכער וועלט, פארהאסט און פאראכטעט פון דעם אייגענעם לאנד, האט זיך פאריז אונטער דעם האגעל פונ'ם שונא'ס פייער גענומען ארגאניזירען. אלע פארשידענע רעוואלוציאנערע גרופעס, וועלכע פלעגען שטענדיג פאלעמיזירען צווישען זיך, האבען זיך פאראייניגט מיט דעם צוועק זיך צו פארטיידיגען. די פארטיידיגונג איז געווען א צווייער־ליידיגע: קעגען דעם פרייסישען שונא און קעגען די אייגענע מאנארכיסטען און פאררעטער, וועלכע האבען געוועלטיגט אין דער נאציאנאלער פארזאמלונג.

נאך דעם ווי די נאציאנאלע פארזאמלונג האט זיך קאנסטי־טואירט, האט זי תיכף איבערגעגעבען די פולע מאכט צו טיער'ן, וועלכער איז באשטימט געווארען פאר'ן פרעמיער פון דער נייער רעגירונג, פאר'ן הויפט פון דער עקזעקוטיווע. גלייך ווי טיער האט ארייננעקראגען די הויפט מאכט אין זיינע הענט איז ער אוועק מיט זיינע חברים — די נייע מיניסטארען קיין ווערסאל, וואו די פרייסען זיינען שוין געווען און האט אנגעפאנגען צו „רע־גירען" איבער פראנקרייך, וועמען ער האט אזוי מיאוס פאררא־טען דורך די „פרידענס באדינגונגען", וואס ער האט אויסגעאר־בייט צוזאמען מיט ביסמארק'ען.

די לאזונגען פון פאריז, וועלכער האט זיך נים געוואלט אונטערווארפען דער אפגעשטאנענער נאציאנאלער פארזאמלונג,

זיינען נעווען: פאר פראנקרייך קעגען ביסמארק'ען און פאר פאריז קעגען טיער און ווערסאל

די פאריזער רעפובליקאנער פון אלערליי שאטירונגען האָבען זיך פאראייניגט און האָבען קודם כל באשלאָסען צו ארגאניזירען די נאַציאָנאלע גווארדיע, זי זאָל זיין פעהיג אָפּצושלאָגען די אטא־קעס, וואָס וועלען געמאכט ווערען אויף פאריז פון ביסמארק'ס ארמעען אָדער פון טיער'ס ארמעען. קודם כל האָט מען די נאַ־ציאָנאלע גווארדיע, וואס איז באשטאנען פון דער גאנצער פאַ־ריזער מענערשער באפעלקערונג, איינגעטיילט אין באטאליאָנען. די באטאליאָנען האָבען בארדאפט זיין אונטערגעווארפען א צענט־ראלען קאָמיטעט.

אין מיטען פעברואר איז אין לאָקאל „וואקזאל" אויפ'ן גאס דואן, אָפּגעהאלטען געווארען א פארזאמלונג, וואו עס איז אויס־געקליבען געווארען א קאָמיסיע, וועלכע האָט בארארפט אויסאר־בייטען די תקנות און די כללים (לאָאס ענד רעגולייִשאָנס). יעדער דיסטריקט, וואס איז געווען פארטראָטען אויף דער פארזאמלונג, האָט דאָ גלייך אויפ'ן אָרט אויסגעקליבען א קאָמיסאר, די אלע דיסטריקטען האָבען זיך פאראייניגט אין א פעדעראציע.

דער פריהערדיגער קאָמאנדיר פון דער נאציאָנאלער גווארדיע גענעראל קלעמאן טאָמא האָט גלייך פארשטאנען, אז צו זיינע באַפעהלען וועט מען זיך מעהר ניט צוהערען און האָט רעזיגנירט. ער איז צייטווייליג פארביטען געווארען אויף גענעראל ווינוא — אָט דער „העלד", וואס האָט אונטערגעשריבען די קאפיטולאציע פון פאריז. דעם 24טען פעברואר האָט די קאָמיסיע דורכגעלעזען די נייע געזעצען פון דער נאציאָנאלער גווארדיע פאר אן עולם פון צוויי טויזענד דעלעגאטען פון פארשידענע פאראיינען און פון גווארדיע אפטיילונגען. די קאָמיסיע האָט אויך אויפגעפאָדערט די דעלעגאטען, זיי זאָלען תיכף צוטרעטען צו דער וואהל פונ'ם צענטראלען קאָמיטעט.*) די פארזאמעלטע זיינען דעם טאָג גראד

*) מען דארף ניט צוזאמענמישען דעם צענטראל קאָמיטעט מיט דעם פעדעראטיווען צענטראל קאָמיטעט פון די צוואנציג דיסטריקטען — א. ש. ז.

געווען שטארק צערודערט, אויפגערעגט פון די טרויעריגע ידיעות, וועלכע זיינען אנגעקומען פון באַרדאָ, וואו די נאַציאָנאַלע פאר־זאמלונג האָט אָפּגעהאַלטען איהרע זיצונגען. די ידיעות האָבען באַוויזען, אז די רעאקציע האָט זיך געזעצט פעסט אין זאַטעל און אז די לייצעס האַלט דער פאַרביטערטער שונא פונ'ם ארבייטער קלאַס — טיער. עס זיינען אין דער לעצטער וואָך אויך פאר־מאַכט געוואָרען די וואַרשטאַטען און די שכירות האָט מען ארויס־געגעבען די ארבייטער אלס נדבות.

דער וואָפען־שטילשטאַנד, וואָס זשול פאַוור האָט געשלאָסען מיט ביסמארק'ן און מאָלטקע'ן, האָט זיך באדארפט ענדיגען דעם 26טען פעברואר און עס האָבען זיך געטראָגען קלאַנגען, אז דעם 27טען וועלען די פרייסען אריין אין פאריז.

אָט די אלע טרויעריגע מעלדונגען האָבען ווי פינסטערע, בלייענע וואָלקענס געהאנגען איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמעלטע. עס איז געווען פאַר זיי אונמעגליך זיך אָפּצוגעבען מיט די וואַה־לען פונ'ם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָבען געפאָדערט צייט, רוה און ישוב הדעת.

עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ס'זיינען אין צענטראַל־קאָמיטעט אריינגעפאַלען מאנכע דעלעגאַטען, ניט פּאַסיגע פּערזאָנען, וועלכע זיינען ניט געווען פעהיג אָנצופיהרען א סיס־טעמאַטיש רעוואָלוציאָנערע ארבייט ביי זייער בעסטען ווילען; אויך אזוינע, וועלכע האָבען געוואָלט מאַכען א געזעלשאַפטליכע קאַריערע אויפ'ן חשבון פון פאַריז'ס אומגליק. מאַנכע פון זיי זיינען געווען סתם ליבהאָבער פון שטאַרקע איבערלעבינגען און זיינען געווען ווייט פון אן אמת'ער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק.

די וואַהלען זיינען פאָרגעקומען כלאחר יד, פון יוצא וועגען און מען האָט זיך גענומען צו דער רעאָרגאַניזירונג פון דער נאַציאָ־נאַלער גוואַרדיע, וואָס האָט באדארפט זיין אין הסכם מיט די נויטען און מיט דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג פון פאריז.

איינער פון די דעלעגאַטען הויבט זיך אויף און מאַכט א פאָר־שלאַג, אז די קאָמאַנדירען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע זאָלען ווערען דערוועהלט פון דער גוואַרדיע גופא און ניט באַשטימט פון אויבען. דער פאָרשלאַג ווערט איינשטימיג אנגענומען. א צוויי־

טער פארשלאג איז נעמאכט געווארען ניט צו דערלאָזען די ענט־
וואפענונג פון דער נאַציאָנאלער גווארדיע, וואָס די רעגירונג קען
אונטערנעהמען. ווידער אנגענומען איינשטימיג. עס ווערט אויך
דיסקוטירט די פראגע, צי מען זאָל דערלאָזען, אז די פרייסען
זאָלען אריין אין פאריז און שפּאַצירען פראנק און פריי אויף די
בולווארען; צי לוינט אפשר ארויסצואווייזען א באוואפענטען
ווידערשטאנד? די פארזאמלונג איז געווען זעהר קריגעריש גע־
שטימט און וואָלט געווים צוריקגעוויזען די עצה פון מאנכע
מיושב'דיגע, מעהר אויסגערעכענטע פּאָליטיקער, אז ס'איז א
גרויס געפאהר זיך צו שטעלען קעגען דעם זיגרייכען שונא. עס
איז סוף כל סוף באשלאָסען געווארען, די דעלעגאטען זאָלען אנ־
פרעגען מכח דעם זייערע וועהלער און קומען מיט אן ענטפער
דעם דריטען מערץ. דערווייל איז די גאנצע פארזאמלונג מיט א
סך סאָלדאטען און גווארדיסטען אוועק צו דער באסטיליע...

לעבען דער באסטיליע האָט זיך צונויפגעקליבען א גרויסער
עולם, צו וועלכען מען האָט זיך געווענדעט מיט רעוואָלוציאָנערע
רעדעס. עס איז אויך צום ערשטען מאָל זינט 1848 ארויסגעשטעלט
געווארען די רויטע פאָהן, די פאָהן פון פרייהייט, גלייכהייט און
ברידערליכקייט. זי איז באגריסט געווארען מיט גרויס ענטוזיאזם
און מיט הילכיגע רופען: „לעבען זאָל די רעפּובליק!"

די בורזשואזע רעגירונג האָט געקלאפּט טרעוואָגע און האָט
ארויסגערופען די באטאליאָנען פון די קאזארמעס צו מאכען אן
אטאקע אויפ'ן פאָלק און אויף דער נאַציאָנאלער גווארדיע. אבער
אומזיסט. די באטאליאָנען האָבען זיך ניט גערוהרט פון אָרט.

אויף מאָרגען איז פארגעקומען א מארש פון דער נאַציאָנאלער
גווארדיע און די רעזערוויסטען. אויף די פלאַגען זיינען געווען
רעוואָלוציאָנערע אויפשריפטען. דער מארש איז באגעגענט גע־
וואָרען פון דער באפעלקערונג מיט פרייד און ליבע. דעם 26טען
פעברואר האָט זיך די מאניפעסטאציע ווידערהאָלט. א פּאָליציי
אגענט, וועלכער האָט געוואלט פארשרייבען די נומערען פון די
מאניפעסטירענדע פּולקען, איז געכאפּט און אריינגעוואָרפען גע־
וואָרען אין טייך. די רעגירונג האָט ארויסגעלאָזען ידעות, אז די
פרייסען וועלען אויפ'ן צווייטען טאָג אריין אין שטאָדט. דער

„פאטריאָטישער העלד“ ווינוא האט איבערגעגעבן פאריז צום שונא מיט א הוספה פון צוועלף טויזענד ביקסען.

די נאציאָנאלע גוואַרדיע האט אָבער געהאט איהרע אייגענע האַרמאַטען, וועלכע זיינען אויסגעגאָסען געוואָרען פון דעם בלוט, מארך און טרעהרען פון דער אמת פאטריאָטישער ארבייטער מאַסע. און מיט די האַרמאַטען האט זי באשלאָסען צו פארצאַמען דעם וועג פון די פרייסישע ארמעען.

די מאַניפעסטאַציעס האָבען ניט אויפגעהערט. גענעראל ווינוא האט געשיקט מיליטער קעגען די מאַניפעסטאַנטען, אָבער דאָס מיליטער איז צוגעשטאַנען צום פאָלק. די טורמע סען־פעלאַזשי איז געשטורעמט און גענומען געוואָרען פון די מאַניפעסטאַנטען. דער דאָרט איינגעשפּאַרטער באַוואוסטער רעוואָלוציאָנער ברייונעל איז באפרייט געוואָרען. נאָך האַלבע נאַכט זיינען אַן ערך פערציג טויזענד פאריזער אַוועק צו די יעליסעאישע פעלדער ניט דערלאָזען די פרייסען אריינצוקומען אין שטאָדט. די ארבייטער מאַסע איז געווען קאַפּאַבעל ארויסצושטעלען איהר ברוסט קעגען די קוילען פון שונא אין נאָמען פון פאריז׳ס פארטיידיגונג. וואָס האט אָבער געטאָן די רעגירונג — אָט די רעגירונג פון טיער, וואָס האט אויף יעדען טריט און שריט ארויסגעלאָזען קלאַנגען, אז די פאריזער רעוואָלוציאָנערען זיינען אונטערגעקויפטע פון די פרייסען, אז זיי האָבען שותפות געמאַכט מיט ביסמאַרק׳ן? דעם זעלבען אָוועגט, ווען די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערען זיינען געגאַנגען אין די פאָדערשטע רייהען דער׳הרג׳ט צו ווערען פון די פרייסישע האַרמאַטען, האט טיער אונטערגעשריבען מיט קראָקאָדילען טרעהרען אין די אויגען די דערוויילוגע פרידענס באַדינגונגען און האט געגעבן ביסמאַרק׳ן א פרייען אריינגאַנג אין פאריז.

דער צענטראַל קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען אויף דער פאַרזאַמלונג אין וואָקזאַל, איז באַשטאַנען ווי שוין געזאָגט, פון אומבאַוואוסטע, ניט ערפאַהרענע מענשען, וועלכע זיינען מיטגעשלעפּט געוואָרען מיט׳ן רעוואָלוציאָנערען שטראָם און האָבען אליין געהאט א קנאַפּע ידיעה פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. א סך פון זיי זיינען טאַקי געווען גוטע פאַטריאָ־

טען אָבער שלעכטע פיהרער. עס איז געקומען צו א קאָנפליקט צווישען דעם נייעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גווארדיע פון איין זייט און די פארטרעטער פון קארדערי (דער אינטערנאַציאָנאל און די פעדעראציע פון די פראפעסיאָנעלע פאר־איינען) און פון דעב צענטראלען פעדעראטיווען קאָמיטעט פון די צוואנציג דיסטריקטען, געגרינדעט אין סעפטעמבער, 1870 — פון דער צווייטער זייט.

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער נאציאָנאַלער גווארדיע האָט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון פארשידענע שטי־מונגען. ווען ער האָט דערהערט, אז די פרייסען האַלטען ביים אריינקומען אין פאריז, האָט ער גלייך באשלאָסען זיי ארויסצו־ווייזען א שטארקען ווידערשטאנד, ניט רעכענענדיג זיך, צי דאָס איז מעגליך אָדער ניט און צי דער ווידערשטאנד וועט אין אמת'ן באשיצען פאריז. די מעהר מיושב'דיגע, מעהר ערפאהרענע פאר־טרעטער פונ'ם אינטערנאציאָנאל און פון די געווערקשאפטען זיי־נען ניט מיטגעריסען געווארען מיט'ן מאָמענט, זיי האָבען געקוקט אויף דער גאנצער לאגע מיט מעהר דורכדרינגענדע אויגען. זיי האָבען דעריבער געפּרעדיגט ישוב הדעת, איבערלייגונג, ניט צו מאכען איבערגעאיילטע שריט, זיך שטענדיג צו רעכענען מיט די כחות און אויסצורעכענען וואס עס איז מעגליך און וואס ניט. זיי האָבען דעם 28טען פעברואר ארויסגעלאָזען א פּראקלאמאציע, אין וועלכער זיי האָבען אויפגעפאָדערט די נאציאָנאלע גווארדיע, ניט צו מאכען אן אטאקע אויפ'ן שונא, ווי דער צענטראל קאָמיטעט האָט געוואָלט: „בירגער, — אזוי איז געשטאנען אין דער פּראָק־לאמאציע — יעדער אָנגריף וועט מיט זיך פיהרען דעם חורבן פון דער רעפובליק." די פּראקלאמאציע האָט פארלאנגט ניט צו אטא־קירען דעם שונא, נאָר זיך צו פארטיידיגען דורך באריקאדען, וועל־כע זאָלען איזאָלירען די קווארטאלען, וועלכע וועלען פארנומען ווערען פון איהם. אין דער גאנצער צייט פון דער קאָמונע זיינען פארגעקומען מיינונגס־פארשידענהייטען און רייבונגען צווישען דעם יונגען צענטראל־קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען אין פעברואר און די אלטע רעוואָלוציאָנערע און ארבייטער ארגא־ניזאציעס, וועלכע האָבען שוין עקזיסטירט פון פריהער אָן.

דער אויפרוף האט געווירקט. די אטאקע האט מען ניט דורכ־געפיהרט און א סך בלוט פון דער פאריזער באפעלקערונג איז דורך דעם איינגעשפארט געווארען.

דעם ערשטען מערץ זיינען די פרייסען אריין אין פאריז — אין אט דער שעהנער, גרויסער, לעבעדיגער שטאדט, וואס איז געווען איינגעהילט אין א שווארצען שלייער, אין טרויער־קליי־דער...

און ניט ווייניגער פון דעם פרייסישען שונא, וואס האט אזוי געבאלעבאטעוועט איבער זיינע גאסען, האט פאריז געהאט אויס־צושטעהן בלוטיגע באליידיגונגען פון דער נאציאנאלער פארזאמ־לונג אין בארדא, וואו עס זיינען כלומרשט געזעסען פארשטעהער פון פראנצויזישען פאלק. טיער האט מבטל געמאכט פאריז אלס די הויפטשטאדט פון פראנקרייך און האט געטאן אלץ, וואס ער האט געקענט צו ברענגען די פאריזער באפעלקערונג צו יאוש און פארצווייפלונג.

דער „שלום" מיט ביסמארק'ען און די שטימונג אין פאריז.

קעגען דעם ווילען פון פאריז און קעגען דעם ווילען פון מאנכע פון די מיטגלידער פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג גופא — אשטייגער וויקטאר הוגא, לואי בלאן, גאמבעטא, ראשפאר — האבען טיער, זשול פאוור, פיקאר און זייערע מיטלויפער דורכגעפיהרט אין באררא דעם „שלום אפמאך" מיט פרייסען, לויט וועלכען צוויי פראווינצען, עלזאס און לאטארינגען, זיינען אריבער צום שונא מיט א צוגאב פון פינף מיליארד פראנקען אלס קאנטריבוציע.

טיער האט אויך באשטימט זיינעם אן אייגענעם מענשען, דאריעל־דע־פאלאדין, פאר דעם הויפט פון דער נאציאנאלער גווארדיע. די דאזיגע באשטימונג האט ארויסגערופען נאך א גרעסערע פארביטערונג אין פאריז נאך דעם, ווי די פארזאמלונג אין ווערסאל האט באשלאסען, אז די נאציאנאלע גווארדיע דארף אליין אויסקלייבען איהרע קאמאנדירען.

די אטמאספערע פון פאריז איז געווען פול מיט רעוואלוציאנערע פולווער. די צעוועהטיגטע, צובלוטיגטע, צושאסענע שטאדט איז געווען געגליכען צו א פייער־שפייענדיגען בארג, וואס האט יעדע מינוט זיך געהאלטען ביים עפענען.

דעם דריטען מערץ האבען צוויי הונדערט באטאליאנען פון דער נאציאנאלער גווארדיע גשיקט פארטרעטער אויף א פארזאמלונג אין וואקזאל, פאר וועמען דער צייטווייליגער צענטראל־קאמיטעט האט פארגעלעזען דעם פראיעקט פון א נייעם גרונד־געזעץ פאר'ן פראנצויזישען שטאאט. „די רעפובליק ווערט אנערקענט — זאגט דער פראיעקט — אלס די איינציגע רעגירונגספארם פון שטאאט. זי איז אין הסכם מיט דעם רעכט און יושר. אלגעמיינע וואהל־רעכט איז די הויפט־באדינגונג פון דער רעפובליק". דער צענטראל־קאמיטעט דארף אין זיך ארייננעהמען

צו דריי רעלעגאטען פון יעדען דיסטריקט, וועלכע מוזען דערוועהלט ווערען פון די ראטעס און לעגיאנען (א סאלדאטען־ראט! — א. ש. ז.). ביז וואנען עס וועט אויסגעקליבען ווערען דער צענטראל־קאמיטעט, האט די פארזאמלונג אויסגעקליבען אן עקזעקוטיוו־קאמיטעט, וואס זאל אויספאסען און דורכפיהרען די וואהלען. אין דעם דאזיגען עקזעקוטיוו־קאמיטעט זיינען אויך אריין די באוואוסטע רעוואלוציאנערען ווארלען, פענדי און זשאק דיוראן, וועלכע זיינען געווען דעלעגירט צו דער פארזאמלונג פון זייערע באטאליאנען.

אויף דער זעלביגער פארזאמלונג איז אויך אנגענומען געווארען איינשטימיג די דאזיגע רעזאלוציע: „אויב די נאציאנאלע פארזאמלונג אין באררא נעמט אפ פון פאריז זיין ראליע אלס די הויפטשטאדט פון פראנקרייך, ווערט דער דעפארטמענט סענא (וואו עס געהט אריין פאריז) דערקלערט אלס אן אונאבהענגיגע רעפובליק."

עס פארשטעהט זיך, אז אזא סעפאראטיסטישע רעזאלוציע איז געווען זעהר לעכערליך. א רעפובליק פון איין שטאדט קאן ניט עקזיסטירען. פאריז האט ניט געקאנט זיין אפגעשניטען פון פראנקרייך. פאריז איז בלויז געווען איין ארגאן פון א גאנצען ארגאניזם, אמת, א וויכטיגער ארגאן — א צענטראלער ארגאן — די קאפ, אבער ניט מעהר ווי איין ארגאן. סעפארירען פאריז פון פראנקרייך איז געווען פונקט אזוי ווי אפשניידען די קאפ פונ'ם גאנצען קערפער. אבער די פארזאמעלטע זיינען געווען אזוי פאר־צווייפעלט, אזוי אויפגערעגט, דאס זיי האבען ניט געקאנט באהאנדלען פראגען מיט א קאלטען ישוב הדעת. זיי זיינען געווען אזוי אין כעס אויף די דעפוטאטען אין באררא, אויף זייערע אכזירות'דיגע ארויסטרעטונגען קעגען פאריז, אויף זייער פאר־רעטערישער קאפיטולאציע פון פאריז, אויף זייער לצנות־טרייבען איבער די ליידען פון דער פאריזער העלדישער ארבייטער באפעל־קערונג, אז זיי האבען ניט געוואלט האבען מיט זיי קיין מגע ומשא. פאריז האט זיך אפגעטיילט פון דער איבעריגער פראנקרייך, ניט אויסרעכענענדיג, אז דאס איז אן אוממעגליכקייט. קאמונאלע פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט — איז געווען א טראדיציא־

נעלע פאָדערונג אין אַלע פראַנצויזישע רעוואָלוציעס. די קאָמו־נאַלע אומאָפּהענגיקייט פון פּאריז אין דער גרויסער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע איז געווען אַ שעהן בלעטעל אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך. פּאריז האָט באַדאַרפט זיין דער טאָן־געבער, דער אוואַנגאַרד פון אַלע פרייהייטס באַוועגונגען. און אויב די אַנדערע טיילען פון לאַנד האָבען ניט געקאָנט נאָכהאַלטען דעם שנעלען גאַנג פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג, האָט פּאריז זיך אָפּגע־טיילט און געגאַנגען איהר רעוואָלוציאָנס־וועג אַליין.

נאָכ'ן דריטען מערץ האָט אויסגעבראָכען אַן אָפענע מלחמה אויף לעבען און טויט צווישען פּאריז און באָרדאָ, אָדער, בעסער, צווישען די פאַרטרעטער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען די אַרבייטער און די אַנדערע אָרעמע מאַ־סען, און צווישען דער ווערסאַלער רעגירונג, אָנגעפיהרט פון טיער און קאָמפּ, — די פאַרטרעטער פון דער גרויס־בורזשואזיע, קלע־ריקאַלען, לאַנד־אייגענטימער און אַלערליי מאָנאַרכיסטישע עלע־מענטען.

פּיקאַר — דער מיניסטער פון די אינערליכע ענינים אין טיער'ס קאַבינעט — האָט פאַר'מסר'ט דעם צענטראַלען קאָ־מיטעט, און האָט זיך געווענדעט צו „אַלע גוטע בירגער, זיך ניט צו לאָזען פאַרפיהרען פון עפּעס אַן אַנאָנימען צענטראַל קאָמיטעט,” און זיך אָפּצוהיטען פון „פאַרברעכערישע מאַניפעסטאַציעס”. די אויפפאָדערונג האָט קיינעם ניט געריהרט. זיינע ווערטער האָ־בען באַנגענגט טויבע אויערען.

דער צענטראַל קאָמיטעט האָט פּיקאַר'ן געענטפערט, אַז ער איז ניט קיין געהיימער, אַנאָנימער קאָמיטעט, אַז ער באַשטעהט פון דעלעגאַטען, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען פון פרייע מענ־שען, וואָס ווילען אחדות און סאָלידאַריטעט צווישען אַלע מיט־גלידער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. ער שליידערט צוריק מיט פאַראַכטונג די נעמיינע רכילות, אַז ער פאָדערט אויף צו רויב און צו בירגערקריג.

אין דעם זעלביגען טאָג, ווען דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געענטפערט פּיקאַר'ן, איז געקומען קיין פּאריז ד'אָרעל פּאַלאַדין,

וועלכער איז פון טיער'ן באשטימט געוואָרען אלס דער קאָמאנדיר פון דער נאציאָנאלער גווארדיע. ער האָט צוזאמענגערופען די קאָמאנדירען פון די באטאליאָנען. אָבער פון 260 באטאליאָנען האָבען בלויז געענטפערט 30. דער נייער שליח פון טיער האָט דערקלערט, אז ער איז געקומען מיט דעם צוועק צו רעאָרגאניזירען די נאציאָנאלע גווארדיע, אָפצוריייניגען איהר פון די שלעכטע, שעדליכע עלעמענטען. אנשטאָט אן ענטפער האָט דער צענטראַל קאָמיטעט איינגעלאדען אלע בירגער צו אָרגאניזירען באטאליאָנען, *א ראט פון לעגיאָנען*, און שיקען דעלעגאטען אין פערמאנענטען קאָמיטעט.

די רעגירונג האָט פארשטאנען, אז די לאגע אין פאריז איז ניט קיין גינסטיגע פאר איהר. און זי האָט געזוכט מיטלען ווי אזוי צו געבען באצייטענס א טויט־קלאַפּ דער פאריזער רעוואָלוציע. קודם כל האָט זי פארשפרייט משונה ווילדע ליגענס, אז די נאציאָנאלע גווארדיע איז פחד'ויג, אז זי האָט געשטערט דעם זיג איבער די פרייסען, אז זי מאכט בונטען, שריפות, ראבירט, מאָרדעט — מיט איין וואָרט, זי טוט אָפּ מעשים תעתועים. דערנאָך האָט זי אָפּגעטאָן אלערליי פּסיקות די פאריזער דעפּוטאטען אין באָרדאָ'ר פארזאמלונג, וועלכע זיינען געוועזען קעגען טיער'ס „פּריי־דענס־אָפּמאך". טרידאָן, ראָשפאָר, מאלאָן און ראנק, האָבען צוזאמען מיט גאמבעטא'ן רעזיגנירט פון דער פארזאמלונג. זיי האָבען פארלאָזען דעם זיצונגס זאַל אונטער די צורופען פון די רעאקציאָנערען: „גליקליכע רייזע!" וויקטאָר הוגאָ איז באליידיגט געוואָרען דערפאר, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פאר גאריבאלדי'ן. פון דעלעקליוז'ן האָט מען חוזק געמאכט, ווייל ער האָט געפאָדערט, אז די צייטווייליגע פארטיידיגונגס רעגירונג זאָל גע'משפּט ווערען פאר איהרע פארברעכערישע האנדלונגען.

א חוץ דעם האָט די ווערסאלער רעגירונג מבטל געווען דעם מאָראטאָריום*), וואָס איז געווען באשטימט פאר פאריז אין דער צייט פון דער באלאגערונג. די דאָזיגע פאראָרדענונג האָט ארויסגעבראכט פון געדולד די אלע קליינע לייט פון פאריז, וועלכע האָ־

*) ניט צו זיין פארפליכטעט צו צאָהלען חובות אויף א געוויסער צייט.

בען די לעצטע זיבען מאָנאַטען ניט פאַרדינט אַ פּרוטה. דעם מאָראַטאָריום האָט די רעגירונג צוריקגערופען דעם צעהנטען מערץ און דעם דרייצעהנטען האָבען 300 טויזענד ארבייטער, קליינע קרע־מער, בעל מלאכות און סוחרים׳לאך, שוין געמוזט צאָלען די חובות פון דרייצעהנטען אויגוסט. דאָס איז געווען אַן אמת׳ע רואינע פאַר פּאַריז. קיין געלד איז ניט געווען וואו צו קריגען. די באַנקען זיי־נען געווען געשלאָסען. פון 13טען ביז׳ן 17טען מערץ זיינען פּראָ־טעסטירט געוואָרען הונדערט פופציג טויזענד פּאַריזער וועקסלען. אַלע בקשות ניט צו דערלאָזען אַזאַ אינדוסטריעלען חורבן אויף פּאַ־ריז האָבען ניט געהאָלפען. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אָפּ־געלייגט איהרע זיצונגען ביז אויף דעם 20טען מערץ, איבערגעבענ־דיג דערוויל די גאַנצע מאַכט צו טיער׳ן, ער זאָל פאַרענדיגען דעם פרידען מיט ביסמארק׳ען, און ער זאָל קיין מורא ניט האָבען פאַר די „פּאַריזער בונטאָווּשטשיקעס”. פּיקאַר האָט געדראָהט, אַז די מיטגלידער פונ׳ם צ. ק. ריזיקירען מיט זייער לעבען.

דעם 11טען מערץ איז אָפיציעל דערקלערט געוואָרען, אַז פּאַ־ריז הערט אויף צו זיין די הויפּטשטאָדט פון פראַנקרייך. אין דעמזעלבינען טאָג זיינען פאַרמאַכט געוואָרען אַלע רעפּובּליקאַנישע צייטונגען, וואָס האָבען געהאַט אַ געוואַלדיג גרויסע צירקולאַציע. איז דאָס נאָך געווען ווייניג, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דאָס מיליטער געריכט האָט פאַר׳משפט צום טויט די „שולדיגע” פונ׳ם 31טען אָקטאָבער, מאַנכע אונטער די אויגען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען די באוואוסטע פיהרער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג, בלאַנקי און פלוראַנס.

דאָס האָט פול געמאַכט דעם בעכער פון גערולד. אַ תהום, אַ טיפער און אַ ברייטער תהום האָט זיך געעפענט צווישען פּאַריז און ווערסאַל. די באָרדאָ׳ר פאַרזאַמלונג איז געווען אַזוי פרעמד צו דער פּאַריזער באַפעלקערונג, אַז זי האָט איהר אויסגעקוקט, ווי אַ פרעמדע רעגירונג, וואָס וויל איינשלינגען און פאַרניכטען פּאַ־ריז. עס האָבען זיך אויך געפונען „שלום מאכער”, אַ שטייגער קלעמאַנסאָ, דעמאָלט אַ דעפּוטאַט אין באָרדאָ און אמער פון פּאַ־ריזער 18טען דיסטריקט, וועלכער האָט געוואָלט, אַז די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע זאָל אָפּגעבען איהרע האַרמאַטען צו דער רעגירונג. עס

האט אָבער ניט געהאָלפען. די נאציאָנאלע גווארדיע האט ניט אָפּגעגעבען איהר געוועהר. פארקעהרט, זי האט זיך באוואפענט וואס מעהר. זי האט געפיהלט, אז אָט־אָט וועט קומען צו א בלוטיגען צוזאמענשטויס מיט דער ווערסאלער רעגירונג פון „רוה און אָרדנונג”.

און דער צוזאמענשטויס איז געקומען! . . .

אָהן צייטונגען האט די רעוואָלוציע פון זיך געלאָזט הערען דורך צירקולארען און פראקלאמאציעס. בלאנקי און פלוראנס, וועלכע זיינען אונטער די אויגען פאר'משפּט געוואָרען צום טויט, האבען זייערע אויפרופען אָנגעקלעפּט אויף די ווענד. די ברייטע ארבייטער מאסען האבען די אויפרופען געשלונגען, ווי הונגעריגע ברויט. און ניט נאָר די ארבייטער, אלע קליינע קרעמער און בעלי מלאכות זיינען געווען אין כעס אויף דער רעגירונג, וועלכע האט רואינירט אזוי פיל עקזיסטענצען מיט דעם, וואס זי האט מבטל געווען דעם מאָראטאָריום.

אלע געזעלשאפטליכע טוער, אלע קאָמיטעטען זיינען געוואָרען געגנער פון טיער און זיינע חברים. יעדער באפעהל פון גענעראל ד'ארעל האט אלץ מעהר אויפגעטרייסעלט די פאריזער בירגער. גענעראל ווינוא, וועלכער האט אונטערגעשריבען די קאפיטולאציע פון פאריז, האט ארויסגעגעבען א באפעהל צו ארעסטירען דעם צענטראל־קאָמיטעט. פיקאר, דער מיניסטער פון אינערען, האט אויף דאָרויף געענטפערט, אז ער האט ניט קיין פּאָליציי, און ער האט געלאָזט זאָגען דעם בריה'שען גענעראל, אז אויב ער וויל זאל ער, במחילה, אליין ארעסטירען דעם צענטראל־קאָמיטעט.

דער צענטראל־קאָמיטעט האט זיך ווייניג וואס געשראָקען פאר די באפעהלען איהם צו ארעסטירען. ער האט זיך געפיהלט, אז ער האט דעם צוטרוי פון פאריז מעהר, ווי טיער'ס שלוחים און משרתים. דעם 15טען מערץ האט ער צוזאמענגערופען די דריטע פארזאמלונג אין „וואָקזאל”. אהין זיינען געקומען פארטרעטער פון 215 באטאליאָנען. גאריבאלדי ווערט באשטימט אלס דער הויפּט־קאָמאנדיר פון דער נאציאָנאלער גווארדיע. אויף דער דאָזיגער פארזאמלונג האט זיך, צום באדויערען, אויסגעצייכענט ליוליע, א געוועזענער פלאָטען־אָפיציר, מיט א הייסער רעוואָלוציאָ־

נערער רעדע, וואָס ער האָט געמאַכט. ער איז דאָרטען גלייך באַשטימט געוואָרען אַלס דער קאָמאַנדיר פון דער אַרטילעריע פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. עס איז אויך אויסגעקליבען געוואָרען אַ פּערמאַנענטער צענטראַל קאָמיטעט פון 30 מיטגלידער. דער ניי־דערוועהלטער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַדאַרפט פאַרנעמען דאָס ראַטהויז און רעגירען מיט די שטאָדטישע ענינים, ביז וואַנעט אַ נייע שטאָדט־פאַרוואַלטונג זאָל אויסגעקליבען ווערען. די הויפּט אויפגאַבע פונ'ם צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען צו זעהן דורכפיהרען און אויפפּאַסען אויף די וואַהלען, וואו יעדער פּאַריזער איינוואָהנער זאָל אַנטייל נעמען.

אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט זיינען אריין א סך ניט באַוואוסטע פּערזאָנען. די אָפיציעלע פאַרטרעטער פון די ארבייטער אָרגאַניזאַציעס אויף קאָרדערי און די באַוואוסטע רעוואָלוציאָנערע פיהרער, די בלאַנקיסטען, זיינען ניט אריין אין קאָמיטעט. זיי האָבען אויך ניט געוואלט, אז דער צענטראַל קאָמיטעט זאָל ווערען א גרויסע מאכט. די מיטגלידער פונ'ם צ. ק. זיינען געווען פאַרשוינען, וואָס זיינען אין די לעצטע טעג ארויפגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך פונ'ם רעוואָלוציאָנערען שטראָם. צווישען זיי זיינען געווען ניט ווייניג קליינבירגער. קיין אויסגעארבייטע פּראָגראַמען איז ביי זיי ניט געווען. קיין קלאָרע אידעאַלען האָבען זיי ניט געהאַט. זיי זיינען געקומען פון פאַרשידענע גרופּען און קלאַסען מיט פאַרשידענע אינטערעסען. דאָס איינציגע, וואָס זיי האָט פאַראייניגט, איז געווען דער האס קעגען דער באָרדאָ'ר נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, קעגען די מאָנאַרכיסטען, קעגען די פּעאָדאַלען, קעגען טיער'ס רעגירונג און די פּאַטריאָטישע זעלבסט פאַרטיידיגונג פון פּאַריז. קיין איינהייטליכקייט אין ט א ט האָט דאריבער ביי די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט ניט געקאָנט זיין און די איינגעפונדעוועטע, שוין ערפאַהרענע ארבייטער און רעוואָלוציאָנערע פיהרער האָבען דאריבער געקוקט פון אויבען אראָפּ אויף דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

דאָס איז דאָ געווען וויכטיג צו דערמאָנען, אום צו פאַרשטעהן דעם ווייטערדיגען גאַנג פון די פּאַסירונגען.

א פּאָר טעג פאַר דעם 18טען מערץ האָט נאָך קיינער ניט

געוואוסט, וואס עס וועט פארקומען. די פארשידענע רעוואלו־ציאנערע עלעמענטן זיינען ניט געווען ארגאניזירט צווישן זיך. זיי האבן ניט געהאט קיין באשטימטען אויסגעארבייטען פלאן פאר דער צוקונפט. די געשעהענישען זיינען געלאפען גיך איינע נאך דער אנדערער מיט א גוואלדיגען אימפעט, און האבן איבער־געיאגט די פיהרער, וועלכע האבן פארבארייט די רעוואלוציע. נייע אויפגאבען זיינען געקומען, נייע פראבלעמען, צו וועלכע די רעוואלוציאנערען זיינען נאך ניט געווען גרייט.

די גרופע פונ׳ם אינטערנאציאנאל האט ארויסגערופען איהרע סאציאליסטישע מיטגלידער, אום זיך מישב צו זיין איבער דער לאגע. דאסזעלבע האבן געטאן אלע אנדערע ארבייטער ארגאני־זאציעס.

אין דער צייט, ווען אין דער אטמאספערע, וואס איז געווען אנגעזאפט מיט פולווער פון א רעוואלוציע, זיינען אפגעהאלטען געווארען מיטינגען, פארזאמלונגען, בעראטונגען פון די ארבייטער־ארגאניזאציעס, האט זיך געהערט א שאס... א קאנאנען קראך... פאריז איז אנגעגריפען געווארען און דער אנגרייפער איז געווען דאס מאל ניט ביסמארק, ניט מאלטקע, נאר דער אמאליגער מי־ניסטער ביי לואי פיליפען, דער שפעטערדיגער „לינקער" טיער — די קאפ פון דער ווערסאלער רעגירונג, דער דיקטאטאר פון פראנק־רייך, וועלכער האט פארראטען לאנד און פאלק, וואס איז ארומ־גענומען געווארען מיט זיין אייזערנעם פויסט און בלוטיגען ווילען.

טיער האט געוואלט דורך א מיליטערישען שפיצעל פארכאפען די ארטילערי פון דער נאציאנאל־גווארדיע, ענטוואפנען אט די צעלאזענע שטאדט, און לערנען דארטען דרך ארץ אין דער גע־גענווארט פון די פרייסען, און טיילווייז מיט זייער הילף... און פאריז האט געענטפערט מיט דער היסטארישער ק א מ ו נ ע!

דער אנפאנג פון אט דער גרויסער היסטארישער פאסירונג איז געווען דער 18טער מערץ. אין דעם טאג איז די געמיינע אטאקע פון דער רעגירונג אויפ׳ן פאריזער פאלק צוריקגעשלאגען געווארען. פאריז איז ארונטער אונטער דער קאנטראל פון די רע־וואלוציאנערען און אויפ׳ן פאריזער ראטהויז האט אנגעהויבען צו פלאטערען די רויטע פאהן...

די רעוואָלוציאָנערע כחות פון דער פּאַריזער קאָמונע.

מיר וועלען זיך איצט א ווײַלע אָפּשטעלען און באַטראַכטען דעם עצם, דעם מהות פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אַזאַ זיג אין פּאַריז דעם 18טען מערץ, 1871.

מיר וועלען זיך באַקענען מיט די פאַרשידענע קלאַסען, גרופּען און שאַטירונגען, וועלכע האָבען גענומען אַן אַנטייל אין דעם פּאַריזער אויפשטאַנד.

היסטאָרישע פּאַסירונגען קאָנען נאָר דעמאָלט גוט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט ווערען, ווען מען זעהט דעם מקור, פון וואַנעט זיי קומען, ווען מען באַגרייפט זייער תוך, ווען מען זעהט, וואָס ס'טוט זיך ביי זיי אינעווייניג. די פיגורען און האַנדלונגען, וואָס קומען פאָר אויף דער היסטאָרישער סצענע, ווערען דירי‍זשירט פון געוויסע קרעפטען, פון געוויסע גרופּען, פון געוויסע אינטערעסען, וואָס ווירקען און אַרבייטען הינטער די קוליסען. מיר וועלען דאַריבער אויפהויבען אביסעל דעם פאָרהאַנג און אַריינקוקען אין דעם מעכאַניזם, אין דער טרייבקראַפט פון דער פּאַריזער קאָמונע.

דאָס וואָרט „קאָמונע" דאַרף ניט צוזאַמענגעמישט ווערען מיט דעם באַגריף פון'ם עקאָנאָמישען קאָמוניזם, וואָס מיינט א גלייכע פאַנאַנדערטיילונג און באַנוצונג פון די מתנות פון דער נאַטור און פון די פּראָדוקטען פון דער מענשליכער אַרבייט. דאָס וואָרט קאָמונע באַדייט די געמיינדע, קהל, די מיטגלידער פון א געוויסער שטאָדט, אָדער פון א געוויסען דאָרף שטעלען מיט זיך צוזאַמען די קאָמונע פון שטאָדט אָדער פון דאָרף.

אין די אַלטע צייטען, בעפאַר דער גרויסער רעוואָלוציע, זיינען די פראַנצויזישע שטעדט און דערפער באַשטאַנען פון קאָמורנעם און מוניציפּאַליטעטען. אַלע באַוואָפענטע מיטגלידער (די שטאָדט מיליץ), אין שטאָדט אָדער אין דאָרף, פון'ם דריטען

שטאנד, האבען מיט זיך צוזאמענגעשטעלט די קאמונע. די אד־מיניסטראציע פון שטאדט און פון דארף האט געהייסען מוניצי־פאליטעט. אין דער אדמיניסטראציע האבען בלויז געקאנט זיין אזוינע, וועלכע האבען געהערט צו דער בורזשואזיע. עס פאר־שטעהט זיך, אז צווישען דער קאמונע, וואס איז באשטאנען פונ'ם גאנצען המון און צווישען דער מוניציפאליטעט, וואס איז באשטא־נען אויסשליסליך פון די „פני" (בורזשואזיע), זיינען פארגעקומען אפטע מחלוקות, רייבונגען. די מוניציפאליטעט האט פארטרא־טען בלויז די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע און ניט פון דער גאנצער געמיינדע, זי איז געווען א קלאסען־רעגירונג (פון דארף אדער פון שטאדט), אבער ניט א פאלקס־רעגירונג. די פאדערונג פון א קאמונע אין אן ארט האט געמיינט, די פאדערונג פון א דע־מאקראטישער פארוואלטונג, וואו די מאכט זאל ניט ליגען אין די הענד פון דער בורזשואזיע, נאר אין די הענד פון כל הקהל.

אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע האט די פאריזער באפעלקערונג (די קאמונע) אויסגעדריקט די רע־וואלוציאנערע שטימונג פון פראנקרייך קעגען דעם קעניג און זיין הויף קליקע. די ווערטער: „פאריזער קאמונע" האבען גע־מיינט — די הערשאפט פון פאלק. די רעוואלוציאנערען האבען געפאדערט, דער קעניג זאל געבראכט ווערען קיין פאריז אונטער דער קאנטראל פון דער קאמונע. אין פאריז — איז מען געווען זיכער — וועט דער קעניג און זיין פאמיליע ליגען אונטער דער השגחה פון פאלק.

אין 1790 האט דאס ווארט קאמונע געקראגען מעהר אדער וויינינער א סאציאליסטישע באדייטונג. עס איז ארויסגעשטעלט געווארען די פאדערונג, אז דער שטאט זאל העלפען די שטעדט, אז ער זאל עפענען ווארשטאטען, כדי די ארבייטסלאזע זאלען קריגען א באשעפטיגונג. די דאזיגע קאמונאלע אונטערנעמונגען האבען זיך געמעהרט און זיינען געווארען אן עקאנאמישע מאכט. זייער איינפלוס איז געווען אזוי שטארק, דאס זיי האבען דורכגע־פיהרט, מען זאל מבטל זיין אינדירעקטע טעקסעס און אז די הוצאות פון שטאט זאלען געדעקט ווערען דירעקט פון די רייכע.

די קאָמונע פון פאַריז, וואָס איז געווען ראַדיקאַל, האָט פּאַקטיש דעמאָלט דיקטירט די פינאַנציעלע ריכטונג פון שטאַט.

די פאָדערונג, אַז לודוויג דער 15טער, דער לעצטער קעניג פון די בורבאָנען, זאָל אָרונטערגעזעצט ווערען פון טראָן, איז גע־מאַכט געוואָרען פון דער רעוואָלוציאָנערער קאָמונע אין פאַריז. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג איז נאָכגעקומען דעם פאַרלאַנג פון דער קאָמונע, האָט אַרונטערגעזעצט דעם קעניג און האָט אין דריי טעג שפּעטער צונויפגערופען די נאַציאָנאַלע קאָנווענציע צו מאַכען אַ נייע קאָנסטיטוציע. דער קעניג איז אַראָפּגעוואָרפען געוואָרען פון די זשיראָנדיסטען אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, פון די פאַרטרע־טער פון מיטעל־קלאַס. די זשיראָנדיסטען זיינען געווען קעגען דער מאָנאַרכיע, אָבער אויך ניט מיט דעם אַרבייטער קלאַס.

דער פאַריזער שטאָדט־ראַט אָדער, בעסער, די קאָמונע פון פאַריז, האָט פּאַקטיש רעגירט אין פראַנקרייך פון דער צייט, ווען די בורבאָניסטישע מאָנאַרכיע איז בטל געוואָרען ביז עס איז דערקלערט געוואָרען די רעפּובליק. עס איז אמת, אַז גלייך ווי לודוויג איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון טראָן, איז צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרען אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג, אָבער די אמת'ע הער־שערין איז געווען די קאָמונע פון פאַריז. די מיטגלידער פון דער דעמאָלדיגער קאָמונע זיינען מעהרסטענס געווען יאַקאָבינער, וועל־כע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פון 28 פאַריזער דיסטריקטען און האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט די אָרעמסטע מאַסען און די עקסטרעם רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען פון דער באַפעלקערונג. צווישען די פיהרער פון דער קאָמונע זיינען געווען די באַ־וואוסטע רעוואָלוציאָנערען דאַנטאָן, מאַראַט, היבערט און ד. גל. אַ פּונקט פון איהר פּראָגראַם איז ביי דער קאָמונע געווען, אַז די מי־ליטערישע קרעפטען פון פאַריז זאָלען רעאָרגאַניזירט ווערען אין הסכם מיט די אינטערעסען פון די אַרבייטער און ניט לויט די אינ־טערעסען פון די אייגענטימער. קעגען דער דעמאָלדיגער פאַריזער קאָמונע זיינען געווען, פאַרשטעהט זיך, אַלע מאָנאַרכיסטישע און קלעריקאַלע עלעמענטען, וועלכע האָבען געהאַט אַלס זייער הויפּט פּעסטונג די פּראָווינץ וואַנדעע, וואו די פּויערים האָבען געהאַלטען אין שרייען: „לאַנג לעבען זאָל דער קעניג! טויט צו די פאַריז־

זער!" א פרייסישע ארמעע האט דעמאלט געהאלטעןביים ארייני־
דרינגען אין פראנקרייך צו ראטעווען דעם קעניג און זיין דינאס־
טיע פון'ם פאלקס־געריכט. די פאריזער קאמונע איז דאריבער
אנטקעגען געשטעלט געווארען קעגען יעדער פאליטישער און מי־
ליטערישער רעאקציע. די קאמונע און די רעאקציע זיינען געווען
צוויי אנטקעגענגעזעצטע פאליוסען, וועלכע האבען איינע די אנ־
דערע זיך געמוזט באקעמפפען ביז'ן טויט. די קאמונע האט בא־
דייט די פארקערפערונג פון פארטשריט, פון ראדיקאליזם, זי האט
אויך באדייט — באשיצען פאריז פון'ם אויסערליכען שונא.

זינט דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע פון ענדע 18־
טען יאהרהונדערט זיינען די ווערטער „פאריזער קאמונע" געווארען
היסטאריש, מיט א גרויסער טראדיציע. זיי זיינען געווען הייליג
ביי אלע ראדיקאלע עלעמענטען. אין זיי איז פאר'ן פראנצויזי־
שען רעוואלוציאנער געלעגען באהאלטען א מין צויבער. דאס איז
געווען דער שם המפורש, וואס האט געווארעמט, נעלויכטען און
געוויזען דעם וועג, אויף וועלכען מען באדארף געהן און דעם ציעל,
צו וועלכען מען באדארף שטרעבען. דער זיג פון דער פאריזער
קאמונע האט געהייסען דער זיג פון דאנטאן, פון מאראט, פון רא־
בעספיער און פון אלע אנדערע גרויסע העלדען פון דער פראנצוי־
זישער רעוואלוציע. אויב עס איז נמאס געווארען א געוויסע רעגי־
רונג אין פראנקרייך, זיינען אויפ'ן אויבערפלאך שטענדיג ארויפגע־
שוואומען די שלאג־ווערטער: „פאריזער קאמונע." ניט אלע, פאר־
שטעהט זיך, האבען געגעבען די ווערטער דעמזעלביגען פשט, דעמ־
זעלביגען אינהאלט. יעדע גרופע, יעדע פארטיי האט אונטער דער
„פאריזער קאמונע" פארשטאנען עפעס אנדערש, אבער אין איין
זאך זיינען די פארשידענע אומצופרידענע גרופען געווען איניג און
דאס איז, אז די „פאריזער קאמונע" הייסט פארטשריט, הייסט א
ניי לעבען, הייסט א נייער קוואל, וואס רייניגט, וואשט אפ דעם
שימעל פון דער אלטער, אפגעלעבטער ארדנונג.

די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין דער צייט פון דעם פריי־
סיש־פראנצויזישען קריג פון פאריגען יאהרהונדערט איז געווען
א סטיכישע מאסען־באוועגונג, וואס איז ארויסגערופען געווארען
דורך דער רעאקציע, פריהער פון דער אימפעריע פון לואי באנא־

פּאַרט און שפּעטער פון דער צייטווייליגער פּאַרטיידיגונגס־רעגי־
רונג פון 4טען סעפּטעמבער. דאָס איז געווען אן אויסברוך פון
פאָלקס־צאָרן. אַלע רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך פאַראייניגט
ארום דעם לאָזונג: „פּאַריזער קאָמונע.״ בעסער, די „פּאַריזער
קאָמונע״ האָט אַלעמען ארומגענומען, קאָנצענטרירט אין איין לאַ־
גער. עס איז אָבער פון די פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע שטרע־
מונגען ניט באַשאַפען געוואָרען איין גרויסער שטראָם, וואָס וואָלט
ווירקליך, אויב דאָס וואָלט פּאַסירט, אַראָפּגעוואַשען אַלע פאַרשי־
מעלטע אָפּגעלעבטע עלעמענטען.

אין דער באַוועגונג פאַר דער פּאַריזער קאָמונע האָבען גע־
ווירקט פאַרשידענע ריכטונגען, פאַרשידענע קלאַסען. אין די ערש־
טע טעג פון באַגייסטערונג, אין די „האָניג טעג״ פון דער רעוואָלו־
ציע, זיינען די ספּעציפישע סמנים פון די פאַרשידענע ריכטונגען
ניט געווען אזוי בולט, אזוי קענטיג. שפּעטער אָבער האָבען זיי
אָנגעפאַנגען זיך ארויסצואווייזען און דער רעוואָלוציאָנערער פראָנט
איז צושפּאָלטען געוואָרען. . .

וועלכע עלעמענטען, ריכטונגען און כחות האָבען געווירקט
און באַשאַפען די פּאַריזער קאָמונע?

צוערשט, געוועהנליך, די פּאַטריאָטען, די אמת׳ע, ניט הוראַ־
פּאַטריאָטען, וועמען עס איז געווען טייער דער שטאָלץ פון פראַנק־
רייך און דער כבוד פון פּאַריז, וועמען עס האָבען אויף אָן אמת וועה
געטאָן די ליידען, וואס די באַפעלקערונג פון דער באַלאַגערטער
הויפּטשטאָדט האָט געהאַט אויסצושטעהן אין די פינף חדשים.
אָט די פּאַטריאָטען, פון וועלכע די באַטאַליאָנען פון דער
נאַציאָנאַלער גוואַרדיע זיינען מעהרסטענס געווען צוזאַמענגע־
שטעלט, האָבען געהאַסט די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון 4טען סעפּ־
טעמבער און איהר געזעצליך קינד, די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג
פון באָרדאָ, וועלכע האָבען צושניקערט פראַנקרייך, אוועקגעגעבען
ביסמאַרקען צוויי פּראָווינצען, עלזאַס און לאָטהרינגיען, מיט אַ
צוגאָב פון פינף מיליאַרד קאָנטריבוציע. זיי האָבען געפיהלט, אַז
עס איז דאָ באַגאַנגען געוואָרען אַ מיאוס׳ער פאַרראַט קעגען פראַנק־
רייך בכלל און קעגען פּאַריז, וואָס האָט געהאַט אויסצושטעהן אזוי
פיעל צרות אין דער באַלאַגערונגס־צייט בפרט און האָבען געזוכט

א מיטעל, ווי צו ראַטעווען פּאַריז, אָפּשלאָגען דעם אויסערליכען שונא און טאַקע אויך נקמה נעמען פון די פאַררעטער. דעם מיטעל האָבען זיי געפונען אין א „פּאַריזער קאָמונע.”

ווייטער זיינען געווען אויפריכטיגע רעפּובליקאַנער, ביי וועמען די שנאה צו דער אימפּעריע איז געווען זעהר שטאַרק. זיי האָבען שטאַרק מורא געהאַט פאַר די מאָנאַרכיסטישע נייגונג און טענדענצען פון דער באָרדאָ׳ר פאַרזאַמלונג, וואו די מאַיאָריטעט איז באַשטאַנען פון די פּעאָדאַלען, פון דעם דאָרף־אַדעל, פון די אומוויסענדע פּויערים, פון די פינסטערע קלעריקאַלען און אַלערליי אָפּגעשטאַנענע קעניגליכע עלעמענטען. זיי איז געגאַנגען אין לעבען די עקזיסטענץ פון א פראַנצויזישער רעפּובליק. זיי האָבען געוואוסט, אַז די איינציגע מאַכט, וועלכע קאָן פּראָקלאַמירען און באַפעסטיגען א רעפּובליק אין פראַנקרייך איז די „פּאַריזער קאָמונע.”

פּאַריז האָט געהאַט ניט וועניג קליינבירגער, בעלי מלאָכות, קליינע קרעמער, משרתים, קליינע באַאַמטע א. אַז. וו. די דאָזיגע קליינבירגער זיינען רואינירט געוואָרען אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג. אַן אמת׳ער חורבן איז געקומען אויף זיי, ווען טיער׳ס רעגירונג האָט אוועקגענומען פון פּאַריז דעם טיטול הויפּטשטאָדט און מבטל געווען דעם מאָראַטאָריום. זיי האָבען געמוזט באַנקראָטירען און אָנווערען זייער מיט צרות אָפּגעשפּאָרטען קליינעם קאַפּיטאַל. זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען א פאַרצווייפעלטע. דער יקרות איז געווען גרויס; און קיינע הכנסות זיינען ניט געווען. זיי האָבען געוואוסט, אַז פּאַריזער בירגער וואָלטען ניט געטאָן אזא רשעות, ווי טיער האָט זיך דערלויבט. א חוץ דעם, דער אידעאַל פון די קליינבירגער איז תמיד דעצענטראַליזאַציע, קאָמונאַלע אומאָפּהענגיגקייט, די שטעדט זאָלען זיך אַליין פאַרוואַלטען און ניט ווערען דיקטירט פון דער צענטראַלער רעגירונג. די אויטאָנאָמיע פון פּאַריז איז פאַר זיי געווען באַזונדערס וויכטיג אין יענער צייט און זיי האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם לאָזונג, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — „פּאַריזער קאָמונע”.

איצט קומט די פּאַריזער אינטעליגענץ. איבערהויפּט די סטו־

דענטען פונ׳ם לאַטיינישען קוואַרטאַל, וועלכע זיינען געווען אונ־טער לואי באָנאַפּאַרט׳ס רעזשים רעוואָלוציאָנער, אַשטייגער ווי די סטודענטען פון רוסלאַנד אונטער׳ן צאַרישען רעזשים. זיי האָבען ניט געהאַט קיינע אַלגעמיינע באַשטימטע, אויסגעאַרבייטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אידעאַלען. זיי האָבען מיט זיך פאַרגע־שטעלט אַ מיש־מאַש פון ריכטונגען און מיינונגען. זיי האָבען שטאַרק שטאָלצירט מיט דער ערשטער גרויסער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע, זיי האָבען פאַרגעטערט מאַראַט׳ן, דאַנטאָן׳, ראָבעס־פּיער׳ן און אַלע אַנדערע גרויסע פיגורען פון יענער גרויסער און שעהנער צייט. זיי האָט זיך געוואָלט, פראַנקרייך זאָל צוריק אי־בערלעבען יענע טעג פון קאַמף און האָפנונג. זיי האָט זיך גע־גלוסט צו נעהמען אַן אַנטייל אין אַ פּאָליטישער איבערקעהרעניש, אין אַ נייער רעוואָלוציע, וואו עס זאָלען זיך אָפּשפּיגלען די אַל־טע העלדען און זיי האָבען ארויסגעשטעלט דעם קאַמפּס־רוף: „פּאַ־ריזער קאָמונע“.

די אַלע אויסגערעכענטע עלעמענטען האָבען אין דער פּאַ־ריזער קאָמונע ניט געהאַט בדעה אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע.

דער הויפּט־העלד פון דער רעוואָלוציע אין 1871 איז אָבער געווען דער אַרבייטער־קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט געהאַט בדעה טאַקע צו שאַפען אַ נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרד־נונג, אַרויסרופען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע.

פּאַריז איז געווען אַן אינדוסטריעלער צענטער, מיט אַ גרוי־סער אַרבייטער־באַפעלקערונג. דער אַרבייטער־קלאַס איז שטענ־דיג דער טרעגער פון אַלע קאַמפּס־ און פרייהייטס־באַוועגונגען, ער איז דער לעבעדיגסטער נערוו אין פאָלקס־אָרגאַניזם. אין יע־נער צייט זיינען אינ׳ם אַרבייטער־לאַגער גופא געווען פאַרשיי־דענע שטרעמונגען און ריכטונגען.

אַ טייל פונ׳ם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געפונען אונטער׳ן איינפלוס פון פּרודאָן׳ס אידעען. פּרודאָן *), וועלכער האָט אַרויסגעזאָגט די קלאַסיש־געוואָרענע ווערטער: „פּריוואַט־

*) געבאָרען 1809, געשטאָרבען 1865.

אייגענטום איז גנבה", האָט זיך געהאַט זיין וועג, ווי אַזוי מבטל צו זיין פּריוואַט־אייגענטום.

די פּרודאָניסטען האָבען ניט געהאַלטען פון אַ פּאָליטישען קאַמף. זיי האָבען געמיינט, אַז דורך אַ פּאָליטישען קאַמף קען דער אַרבייטער ווייניג וואָס געווינען. והא ראיה די אַלע פּאָליטישע רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פראַנקרייך, האָבען דעם אַרבייטער כמעט גאָר נישט געגעבען. די פּאָליטיק, האָבען די פּרודאָניסטען גע'טענה'ט, איז נאָר אַ מיטעל פאַר דער בורזשואַזיע צו פאַרגרעסערען איהר הערשאַפט און די אַרבייטער זיינען דאַריבער גאָרניט מחויב צו פאַרגיסען זייער בלוט פאַר איהר. די אויפגאַבע פון די אַרבייטער איז ניט צו שאַפען אַ נייע פּאָליטישע אָרדנונג, נאָר אַ נייע עקאָנאָמישע אָרדנונג. צו דעם לאָזונג: „אַ פראַנצויזישע רעפּובליק" האָבען זיך די פּרודאָניסטען פאַרהאַלטען מיט ניט גרויסע התלהבות. פאַר זיי זיינען דער עיקר געווען עקאָנאָמישע ענדערונגען אין דעם געזעלשאַפטליכען בנין. זיי האָבען געקוקט אויף אַ רעפּובליקאַנישער רעגירונג נאָר פון איין שטאַנדפּונקט, אויף ווי ווייט דאָס קען דערנעהנטערען צו דער עקאָנאָמישער גלייכקייט.

אַלס אַנאַרכיסטען האָבען פּרודאָנ'ס תלמידים געהאַלטען, אַז דער שטאַאַט דאַרף מיט זיך פאָרשטעלען אַ פעדעראַציע פון זעלבסטשטענדיגע קאָמונעס. זיי זיינען דעריבער אויך צוגעשטאַנען צו דער פאָדערונג פון אַ פּאַריזער קאָמונע, אַריינגעבענדיג אין די ווערטער אַן אַנדער אינהאַלט, ווי די אַנדערע ריכטונגען.

דער גרעסטער טייל פון דעם אַרבייטער קלאַס האָט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון לואי בלאַנקי, וועלכער האָט דוקא געהאַט אַ פאַרקערטע מיינונג פון פּרודאָן.

בלאַנקי האָט מעהר געהאַלטען פון פּאָליטישען קאַמף, ווי פון עקאָנאָמישע אַרויסטרעטונגען. זיין לעבענס־אויפגאַבע איז געווען צו פאַרכאַפּען קודם כל די פּאָליטישע מאַכט. און פאַרכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט — האָט בלאַנקי געהאַלטען — קען מען דורך אַ באַגייסטערטער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, וועלכע זאָל

שטעהן אויפ'ן וואך פון די סאָציאַלע און פּאָליטישע געשעהעענישען און אויסנוצען דעם מאָמענט פון א רעוואָלוציאָנערער שטימונג אין לאַנד. אין געגענזאַץ צו די פּרודאָניסטען, האָבען די בלאַנקיסטען געהאַלטען, אז קיינע עקאָנאָמישע ענדערונגען וועלען קיין ממשות ניט האָבען כל זמן דער אַרבייטער קלאַס וועט ניט זיין דער באַלעבאָס פון שטאַאַט. דער סאָציאַליזם איז ביי זיי געווען דער ציל. דער מיטעל צום ציל איז פאר די בלאַנקיסטען געווען דאָס פארכאַפּען די מאכט. די בלאַנקיסטען האָבען זיך ווייניג וואָס געקימערט מיט עקאָנאָמישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס.

אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען פון פּאַריז האָט בלאַנקי געהאַט א גרויסע צאָהל אָנהענגער. די בלאַנקיסטען זיינען געווען די אַקטיווסטע און טעטיגסטע אַגיטאַטאָרען אין דער צייט, ווען די אימפּעריע איז חרוב געוואָרען און שפּעטער, אונטער דער העררשאַפט פון דער פּראָוויזאָרישער פארטיידיגונגס רעגירונג נאָכ'ן 4טען סעפּטעמבער, 1870, און נאָך שפּעטער, ווען די נאַציאָנאַלע פארזאַמלונג אין באָרדאָ האָט באַשטימט טיער'ן פאר'ן דיקטאַטאָר פון פראַנקרייך.

איבערצייגט, אז אין דער פארוואַלטונג פון פּאַריז, אויב זי זאָל אויסגעקליבען ווערען דירעקט פון פאָלק, אָהן דעם דרוק פון די אויבערשטע קלאַסען, וועלען אריינגעהן פאָרשטעהער פון זייער ריכטונג, און אז ווען זיי זאָלען קריגען די מאכט, וועלען זיי שפּעטער איינפיהרען אן אָרדנונג, וואָס זאָל בלויז דינען די אינטערעסען פון'ם אַרבייטער קלאַס, זיינען די בלאַנקיסטען, פארשטעהט זיך, געווען די וויכטיגסטע פּראָפּאַגאַנדיסטען, די פייערדיגסטע אַגיטאַטאָרען אין דעם באַלאַגערונגס־פּעריאָד פאר א „פּאַריזער קאָמונע".

עס זיינען אויך געווען מיטגלידער פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע זיינען ניט געווען אזוי איינזייטיג, ניט ווי די פּרודאָניסטען און ניט ווי די בלאַנקיסטען, אזוינע וועלכע האָבען פארשטאַנען אז דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער קאַמף טאָר ניט אָפּגעטיילט ווערען איינער פון דעם אנדערען, אז זיי זיינען ניט צוויי באַזונדערע זאכען, נור צוויי טיילען פון איין גאַנצע, צוויי אָרעמס פון איין קערפּער, אזוינע, וועלכע זיינען שוין געווען באַ־

קאנט מיט דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם פון קארל מארקס און פרידריך ענגעלס. זייער צאהל איז אבער, צום באדויערען, ניט געווען גרויס אין יענער צייט. אויף וויפיל זיי האבען געהאט א ווירקונג, האבען זיי געזעהן, דער פאריזער ארבייטער זאל ארייגקריגען אי די פאליטישע אי די עקאנאמישע מאכט. זיי האבען זיך געשטעלט אין די פאדערשטע רייהען פון אלע קעמפענדע גרופען און געקעמפט פאר דער „פאריזער קאמונע״ .

* * *

מיר האבען דא בכיון געמאכט דעם אנאליז פון די פארשידענארטיגע עלעמענטען, פון וועלכע עס איז געווען צוזאמענגעשטעלט די רעוואלוציאנערע ארמעע פון פאריז און פון די פארשידענע כחות, וועלכע האבען געווירקט בעפאר דעם 18טען מערץ. כדי מיר זאלען קענען בעסער פארשטעהן די פאסירונגען נאכ׳ן 18טען מערץ, צו וועלכער מיר געהען איצט איבער.

דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גווארדיע נעמט איבער די רעגירונג פון פאַריז.

ווען די שטאָט פאַריז איז אויפגעשטאַנען דעם 19טען מערץ 1871, האָט זי געפונען א נייע רעגירונג און האָט געזעהן, אז איבער דעם ראטהויז פלאַטערט די רויטע פאָהן...

ווי די שווארצע נאכט־שאָטענס פאר דער אויפגעהענדער זון זיינען די פריהערדיגע מיניסטאָרען און זייערע האנדלאנגער אנט־לאָפען. דער צענטראל־קאָמיטעט האָט צייטווייליג איבערגענומען די רעגירונגס־מאכט. פון א פינסטערען הינטער־געסעל האָט זיך דער צענטראל־קאָמיטעט אריבערגעקליבען אין עכטען צענטער, אין הארץ פון פאריז — אין דעם ראטהויז.

דער צענטראל־קאָמיטעט, ווי שוין אויבען געזאָגט, איז ניט באשטאַנען פון אלטע רעוואָלוציאָנערען מיט קלאָרע פרינציפּען און אויסגעארבייטע פּראָגראַמען. אין איהם זיינען אריין נייע, יונגע טוער פון פארשידענע ריכטונגען מיט פארשידענע פאָדערונגען. איין זאך האָט זיי אלעמען פאראייניגט און דאָס איז דער געדאנק, אז פראנקרייך מוז זיין א רעפובליק און אז דער בעסטער מיטעל (וואָס איז געווען ביי פילע אן אידעאל אַן־און־־פיר־זיך) דערצו איז, פאריז זאָל האָבען די מאכט און זאָל זיך אליין פארוואלטען.

א פאַריזער קאָמונע! — אָט צו וואָס דער צענטראל קאָ־מיטעט האָט געשטרעבט.

דער צענטראל־קאָמיטעט האָט אָבער זיך באַטראכט בלויז אלס א פּראָוויזארישע קערפּערשאַפט, וואָס האָט געהאט איהר אויפגאבע צו רעגירען איבער פאריז, ביז וואנעט עס וועט ניט אויסגעקליבען ווערען א שטענדיגע, פערמאנענטע רעגירונג, א רעגירונג פונ׳ם פאָלק, דורך׳ן פאָלק און פאר׳ן פאָלק. איינע פון די ערשטע ארבייטען זיינע איז געווען דורכצופיהרען וואָס גיכער

וואהלען פאר א פאריזער שטאָט־רעגירונג, פאר א פאריזער קאָמונע.

דעם 19טען מערץ, האלב נאָך אכט אין דער פריה, האָט זיך אין פאריזער ראטהויז געעפענט די זיצונג פונ׳ם צענטראל־קאָמיטעט.

דעם פאָרזיץ האָט געפיהרט עדוארד מאָראָ, ביי באשעפטיגונג א האנדעלס קאָמיסיאָנער, א יונגער אומבאוואוסטער מאן, א טאלאנטפולער רעדנער, וואָס איז שפעטער געווארען זעהר א גרויסער טוער אין דער קאָמונע. ביי די פארהאנדלונגען האָט זיך בולט ארויסגעוויזען, ווי ווייט מטושטש, אומקלאָר און פארשידען די פארשידענע מיטגלידער פונ׳ם צענטראל־קאָמיטעט האָבען זיך פארגעשטעלט זייערע אויפגאבען און זייערע צילען. „איך בין לכתחילה געווען — זאָגט מאָראָ קעגען דעם, מען זאָל פארנעהמען דאָס ראטהויז, אָבער אזוי ווי מען האָט שוין דאָס יאָ געטאָן, טו מוזען מיר וואס גיכער רעגולירען און פעסטשטעלען אונזער לאגע. מיר מוזען לאָזען וויסען גאנץ פאריז, וואס מיר ווילען. מיר מוזען וואָס גיכער איינרופען וואהלען, פארנעהמען די עפענטליכע אמטען און אויסהיטען די שטאָט פון א פלוצלינגען איבערפאל.“

שטימען:

— „מע באדארף געהן אויף ווערסאל, פאנאנדערטרייבען די נאציאָנאלע פארזאמלונג און איינלאדען גאנץ פראנקרייך, זי זאָל ארויסזאָגען איהר מיינונג.“

— „ניין! — ענטפערט איינער, אָט טאָקע דער זעלביקער, וועמענ׳ס רעזאָלוציע עס איז אָנגענומען געווארען אויף דער פארזאמלונג אין „וואקזאל“, ווען דער צענטראל־קאָמיטעט איז אויסגעוועהלט געווארען — ניין, אונזערע שליחות איז בלויז צו דערקלעהרען אונזערע רעכטען אין פאריז, אָבער ניט ווייטער. אויב די פראָווינץ דענקט אזוי ווי מיר, טאָ זאָל זי אליין געהן אויף אונזער וועג“.

דאָ זעהט מען גלייך די ניט קלאָרע באגריפען, וואָס האָבען געהערשט אפילו ביי מאנכע אָנגעזעהענע מיטגלידער פונ׳ם צענטראל־קאָמיטעט. דער רעדנער האָט געמיינט, אז פאריז קען עק־

זיסטירען אָהן פראנקרייך און אז פּאריז קען אליין באשטימען זיינע פּאָליטישע אינסטיטוציעס, ניט פאַרבינדענדיג זיך מיט דער איבעריגער פראנקרייך.

אייניגע שלאָגען פאָר, פריהער צו באפעסטיגען די רעוואָלוציע און נאָכדעם ערשט מאכען וואהלען. זייער פארשלאג ווערט ניט אָנגענומען. דער קאָמיטעט האָט באשלאָסען גלייך צוצוטרעטען צו די וואהלען און האָט איבערגעגעבען מאראַ׳ן, ער זאָל צונויפשטעלען אן אויפרוף צו דער באפעלקערונג.

איידער די זיצונג האָט זיך געענדיגט, קומט אריין אין זאַל מארקס׳ א פריינד, דער אייזענגיסער דוואַל און ווענדעט זיך צו די צוויי הונדערט פארזאמעלטע:

— „בירגער! אונז האָט מען נאָר וואָס געזאָגט, אז די מעהרסטע מיטגלידער פון דער פאָריגער רעגירונג זיינען נאָך אין פּאריז; אין ערשטען און צווייטען דיסטריקט אָרגאניזירט זיך א קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער ווידערשטאנד; סאָלדאטען ווערען אריבערגעפיהרט קיין ווערסאַל. מען באדארף תיכף אננעהמען געוויסע מיטלען קעגען דעם. מען באדארף גלייך ארעסטירען די מיניסטאָרען, פאנאנדערלאָזען די פיינדליכע באטאַליאָנען און זעהן, אז דער פיינד זאָל ניט מאכען פּליטה פון פּאריז...״

דער צענטראל־קאָמיטעט האָט אָבער ניט פאראויסגעזעהן דעם גרויסען קאמף, דעם קאמף אויף לעבען און טויט, וואָס וועט פארקומען צווישען פּאריז און ווערסאַל, צווישען דער קאָמונע און טיער׳ס רעגירונג און האָט ניט געשאָנקען קיין גרויס אויפמערקזאמקייט צו דוואַל׳ס התראות. ער איז געווען צו נאאיוו און האָט ניט פארגענומען קיין פארזיכטיגקייטס מיטלען. ער איז געווען צופיל פארנומען מיט דער דורכפיהרונג פון די וואהלען און האָט פיל זאכען ניט געזעהן אין א קלאָרען ליכט.

אויף דער זיצונג האָט זיך דער צענטראל־קאָמיטעט גענומען צו פּראקטישער ארבייט. ער האָט באשטימט קאָמיסארען איבער צונעהמען די מיניסטעריומס און אנדערע צווייגען פון דער פארוואלטונג. די מעהרסטע פון די קאָמיסארען זיינען געווען באוואוסטע טוער אין דער באוועגונג, וועלכע זיינען צוגעצויגען געווארען. אין צענטראל־קאָמיטעט גופא זיינען זיי ניט געווען.

דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום האָבן איבערגענומען די באוואוסטע רעוואָלוציאָנערען ווארלען און זשורד. עד איז געווארען דער הויפט פון קריגס מיניסטעריום. דיוואַל און ריגאָ האָבן איבערגענומען דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט; בערזשערע איז געווארען באשטימט אויף דער בירזע. עדוואַרד מאראָ'ס אויפגאבע איז געווען צו זאָרגען וועגן דער „אָפיציעלער ציימונג" און דער רעגירונגס־טיפּאָגראפיע. די פאַרוואַלטונג פון דעם ראטהויז איז איבערגעגעבן געווארען צו א ס ס י.

אימיצער פון קאָמיטעט האָט זיך אויסגערעדט, אז מען באדארף די באאמטע העכערען זייערע שכירות. דאָס האָט ארויסגערופען א שטורעם מיט פּראָטעסטען. „סטייטש — האָט אויסגעשריען מאראָ — מיר אליין וועלען זיך העכערען אונזערע שכירות! עס איז ניט קיין סכנה, אויב מיר וועלען ווייטער לעבען אזוי ווי מיר האָבן געלעבט ביז איצט".

די ווערסאַלער רעגירונג האָט גלייך גענומען אונטערדריקען די רעוואָלוציע. קודם כל האָט זי געזוכט אונטערצוגראבען דעם צוטרויען פון דער באפעלקערונג צו דעם צענטראַלען קאָמיטעט און האָט פארשפּרייט אן אויפרוף, וואו זי רופט אָן זיינע מיטגלידער „מערדער", וועלכע האָבן קאַלטבלוטיג דערהרג'עט די גענעראַלען לעקאָנט און קלעמאַן טאָמאַ, און אגב דערציילט זי, אז דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשטעהט פון מאָנארכיסטען, וועלכע ארבייטען צוזאמען מיט די פּרייסען.

די באַפעלקערונג איז געבליבען קאַלט אויף טיער'ס אויפרוף, אָבער די רעוואָלוציאָנערען פון דער בורזשואזיע, די אינטעליגענץ, האָבן זיך שוין אָנגעפאַנגען צו שרעקען און אָפּטרעטען פון'ם רעוואָלוציאָנערען פּראָנט. די סטודענטען פון לאַטייניש קווארטאַל, וועלכע האָבן די גאנצע צייט געשאָסען מיט הויכע פראזען, האָבן זיך פארזאַמעלט און ארויסגעטראָגען א רעזאָלוציע קעגען דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

א גרויסער עולם האָט זיך ארום צוויי אזייגער בייטאָג צונויפגעקליבען און האָט געלעזען מיט גרויס באגייסטערונג די ערשטע פּראָקלאַמאַציע פונ'ם צ. ק., וואָס איז געדרוקט געווארען אין דער נאַציאָנאַלער טיפּאָגראפיע, וואו די פּאריזער איינוואוינער ווערען

איינגעלאדען אויסצוקלייבען זייערע פארטרעטער. א צווייטע פראַ־קלאמאציע איז געווען געווענדעט צו דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, דער צענטראַל־קאָמיטעט לאָזט וויסען, אז גלייך ווי עס וועט דערוועהלט ווערען א נייע רעגירונג, וועט ער איבערגעבען די מאכט, וועלכע ער האַלט פראָוויזאָריש, צייטווייליג, צו באַשיצען די שטאָט פון אלערליי שונאים.

ניט געקוקט, וואָס די מיטגלידער פונ'ם צ. ק. זיינען ניט געווען באַוואוסט, האָט מען זיך גוט איינגעהערט צו זיינע אויפ־רופען און געגוי געפאָלגט זיינע עצות. זעהר פיל באַטאַליאָנען האָבען זיך צונויפגעקליבען מיט זייער אַרטילעריע, פלינטען און ביקסען ארום דעם ראַטהויז, וואו עס איז פאָרגעקומען א לעבעדיגע ארבייט, מיט א גוטע דיסציפּלין און אָרדנונג.

נאָך א פויזע האָט זיך דער צ. ק. ווידער צונויפגעקליבען אויף א זיצונג. ווען די זיצונג האָט זיך געעפענט, האָבען איניגע גע־פאָדערט, דער צ. ק. זאָל דערקלערען, אז ער האָט ניט קיין שייכות מיט דעם מאָרד פון לעקאָנט און קלעמאָן טאמא. דער צ. ק. מוז זיך ריינוואשען פון אזא באַשולדיגונג. אַנדערע שרייען אַנטקעגען, אז דאָס באַדאַרף מען ניט טאָן, מען באַדאַרף זיך ניט אָפּשאָקלען פון דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט געטאָן. „מיר טאָרען ניט זיין קעגען פאָלק, אַניט וועט דאָס פאָלק זיין קעגען אונז”. מאַנכע פאָדערען, דאָס פאָלק זאָל געהן צוזאַמען מיט דער בורזשואזיע. אַנדערע ענט־פערען, אז אזא קאָאַליציע, אזא חברותא מיט דער בורזשואזיע, וועט פירען צו דעם, אז דאָס פאָלק וועט אָפּטרעטען און דער מזל פון דער רעוואָלוציע וועט איבערבלייבען ביי דער בורזשואזיע.

האָבען זיך איצט אין דער רוסישער רעוואָלוציע ניט איבער־גע'חזר'ט די זעלביגע טענות און די זעלביגע ויכוחים?

דאָס איז אגב אורחא.

אין דער איינענער צייט, ווען דער צ. ק. האָט אָפּגעהאַלטען זיינע זיצונגען אין פאַריזער ראַטהויז, איז פאָרגעקומען א גרויסע פאַרזאַמלונג אין דער מערי פון דריטען דיסטריקט, וואו עס האָבען אַנטייל גענומען די קאָמונאַרען פון די באַטאַליאָנען, אַלע מער'ס און דעפּוטאַטען פון פאַריז.

ווען מען האָט וועגען דער דאָזיגער פאַרזאַמלונג געמעלדעט

דעם צ. ק., האָט דער פּאָרזיצענדער מאָראָ פאָרגעשלאָגען, מען זאָל זיך מיט דער פאַרזאַמלונג דורכריידען און קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג. אַנדערע מיטגלידער פון צ. ק. האָבען, פאַרקערט, געטענה'ט, אַז דאָרטען קומט פאָר אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע באַראַטונג און האָבען געפאָדערט, מען זאָל אַרעסטירען איהרע מיטגלידער. ווידער אַנדערע האָבען פאַרלאַנגט, מען זאָל בעסער געהן מיט גוטען און ניט אַרויפוואַרפען אַ פּחד אויף פראַנקרייך מיט דעם אַרעסט פון די פּאַריזער מערס און זיינע דעפּוטאַטען. נאָך היציגע ויכוחים און דעבאַטען איז באַשלאָסען געוואָרען צו שיקען אַ דעפּוטאַציע פון פיר מיטגלידער צו די מערס און דעפּוטאַטען פון פאַריז, אויסצואַרבייטען אַ מעגליכקייט צו אַרבייטען צוזאַמען, ביז וואַנעט דאָס פאָלק וועט דערוועהלען זיינע פאָרשטעהער.

טיער האָט דערווייל געמאַכט אַ מאַנעוור און האָט אָפּגעגעבען פאַריז אין די הענט פון די מערס, זיי זאָלען פאַרוואַלטען די שטאָדט. זיין כונה איז, פאַרשטעהט זיך, געווען ניט צו דערלאָזען, אַז די מערס מיט דעם צ. ק. זאָלען זיך פאַראייניגען קעגען זיין רעגירונג.

די מערס און די אָראָפּגעזעצטע און אַוועקגעוואָרפענע קאָמאַנדירען פון די באַטאַליאָנען זיינען געווען מלא רציחה קעגען דעם „חוצפּה'דיגען" צ. ק., אָבער זיי האָבען געזעהן, אַז די מאַכט ליגט אין זיינע הענט און אַז דאָס פאָלק איז מיט איהם, האָבען זיי, פון זייער זייט, אויך געשיקט אַ דעפּוטאַציע פון מער'ס, זיך דורכצוריידען.

ביז וואַנעט די דעלעגאַציע פון די מערס איז געקומען, האָט דער צ. ק. שוין באַשטימט די וואַהלען אויפ'ן 23טען מערץ, האָט אָראָפּגענומען דעם באַלאַגערונגס צושטאַנד, האָט מבטל געווען די קריגס־געריכטען און האָט דערקלערט אַמניסטיע פאַר אַלע פּאָליטישע געפאַנגענע.

אין דער דעלעגאַציע צו דעם צענטראַל קאָמיטעט זיינען אויך געווען איינינע סאָציאַליסטען, אַ שטייגער, מיללער, די אַלטע אַרבייטער־פירער טאָלען און מאַלאָן, אָבער דער פירער און דער הויפּט־רעדנער פון דער דעלעגאַציע איז געווען דער יונגער קלעמאַנסאָ, וואָס איז דעמאָלט געווען דער מער פון מאָנמאַרט.

קלעמאַנסאָ האָט אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע געזוכט צו

איבערצייגען דעם צ. ק., אַז די רעוואָלוציע איז ניט קיין געזעצליכע, אַז טיער האָט געהאַט דאָס רעכט צו שיקען מיליטער אָפּצונעמען די אַרטילעריע פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, אַז דער טויט פון די גענעראַלען לעקאָנט און קלעמאַן טאָמאַ איז געווען אַ פּשוט'ע רציחה, אַז פּאַריז איז ניט מיט'ן צ. ק., נאָר מיט די מערס און די דעפּוטאַטען, און ער האָט געענדיגט מיט אַ התראה, אַז די באַטאַ־ליאָנען גרופּירען זיך אַרום די מערס און אַז מיט'ן צ. ק. וועט זיך שלעכט ענדיגען, אויב ער וועט ניט צוריק אָפּגעבען מיט גוטען די ניט־געזעצליך פאַרכאַפּטע מאַכט און אָפּגעבען זי צו די מערס און די דעפּוטאַטען, וועלכע זיינען די געזעצליכע באַלעבאַטים פון פּאַריז. אי, די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג און איהר רעגירונג האָבען באַליי־דיגט פּאַריז דערמיט, וואָס זיי האָבען צוגענומען פון איהם דעם טיטול פון פראַנקרייך'ס הויפּט־שטאָדט, טאָ נעמט ער, קלעמאַנסאָ, זיך אונטער צו פּועל'ן ביי דער רעגירונג, זי זאָל אָפּגעבען פּאַריז צוריק זיין טיטול.

קלעמאַנסאָ איז גאַנץ אויפמערקזאַם אויסגעהערט געוואָרען פונ'ם צ. ק. אָבער קיין איינדרוק האָבען זיינע ווערטער ניט געמאַכט. די מיטגלידער פונ'ם צ. ק. האָבען באַוויזען, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען נויטיג צו פאַרטיידיגען פּאַריז, וועלכער דאַרף זיין זעלבסט־שטענדיג, אויטאָנאָם, אַז די רעגירונג פון ווערסאַל האָט איהם פּראָ־וואָצירט, אַז דער צ. ק. איז די געזעצליכע מאַכט, ביז וואַנען עס וועלען פאָרקומען די וואַהלען, ביי וועלכע די באַפעלקרונג וועט באַשטימען איהרע פאַרוואַלטער.

נאָך קלעמאַנסאָ האָט פון דער דעלעגאַציע גערעדט דער סאָצי־אַליסט מיליער: „היט זיך — ווענדעט זיך מיליער צו דעם צ. ק.— עס קאָנען זיך נאָך אומקערען די יוני טעג. עס איז נאָך ניט גע־קומען די צייט פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. איהר דאַרפט אָדער אָפּטרעטען, אָדער אומקומען, מיטשלעפּענדיג מיט זיך דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָגרעס באַוועגט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט. לאָזט זיך אַראָפּ פון דער הויך, וואוהין איהר האָט אַרויפגעקלעטערט. אויב אפילו דער אויפשטאַנד וועט זיין היינט אַן ערפאָלג, וועט ער מאָרגען זיין אַ דורכפאַל. די צייט איז נאָך ניט געקומען. נעמט פון דער איצטיגער לאַגע דאָס בעסטע וואָס איהר קאָנט. ווילט

אָבער ניט אַלץ. געהט איין אוף אַ פּשרה. גיט אַ הנחה. דער צווייטער צד וועט אויך געבען אַ הנחה און מיר וועלען מושוה ווערען. איך באַשווער אייך, איהר זאָלט אנפּאַרטרויען פּאַריז די דעפּוטאַטען און די מערס. איך פאַרזיכער אייך, אַז איהר וועט קיין חרטה ניט האָבען".

אזוי האָט גע'טענה'ט אַ סאָציאַליסט, וואָס איז תמיד פאַרפאָלגט געוואָרען פון דער אימפּעריע און אויך פון דער פאַרטיידיגונגס־רעגירונג!

הערען מיר ניט איצט פון די מענשעוויקעס אין רוסלאַנד דעם אָפּקלאַנג פון מיליער'ס רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אויף דער דריטער זיצונג פונ'ם צענטראַל קאָמיטעט אין דעם פּאַריזער ראטהויז מיט פופציג יאָהר צוריק?

בורסיע, אַ מיטגליד פונ'ם צ. ק. האָט גענומען דאָס וואָרט נאָך מיליער'ן און האָט געזאָגט: „אַזוי ווי מען האָט דאָ צום ערשטען מאָל דערמאָנט די סאָציאַלע רעוואָלוציע, דערקלער איך, אַז אונזער שליחות דערגרייכט ניט אַזוי ווייט". בורסיע'ס דערקלערונג האָט ארויסגערופען אַ טומעל ביי די מיטגלידער פונ'ם צ. ק. אַנדערע געבען זייער הסכמה און אַנדערע דריקען אויס זייער אומצופרידענקייט מיט בורסיע'ס מיינונג. בורסיע רעדט ווייטער: „אונזער שליחות באַשטעהט בלויז אין דעם, וואָס מיר מוזען דורכפירען די וואַהלען. מיט דעם ענדיגט זיך אונזער אויפגאַבע. וואָס עס איז שייך אָפּצוגעבען די מאַכט צו די מערס און די דעפּוטאַטען, קאָנען מיר דאָס איצט ניט טאָן. ווילט איהר געהן מיט אונז — האָט זיך בורסיע געווענדעט צו דער דעלעגאַציע — זיינט איהר גוטע חברים, אויב ניט — וועלען מיר דורכפירען די וואַהלען אָהן אייך".

וואַרלען, פון דעם צ. ק., רעדט וועגען געוויסע רעפאָרמען, וואָס דער צ. ק. האָט בדעה דורכצופירען. איינע פון די רעפאָרמען איז לויט וואַרלען, צו צאָלען אין דער קריזיס־צייט ווייניגער דירה־געלט און ארויסגעגעבען אַ געזעץ, אָפּצושיבען די וועקסעל־צאָהלונגען — אָט דאָס געזעץ, וועלכען טיער האָט מבטל געמאַכט.

דאָ פילט זיך אַ קליינבירגערליכע שטרעמונג אין דעם צ. ק. מאַלאָן, אַ סאָציאַליסט אין קלעמאַנסאָ'ס דעלעגאַציע, האָט אַזוי ווי מיליער געראַטען דעם צ. ק. אָפּצוטרעטען און איבערגעבען

די שטאָדט צו איהרע „געזעצליכע" פאַרוואַלטער. ער האָט געגעבען די עצה, ניט צו מאַכען קיין רעוואָלוציע, נאָר צו „בויערען פון אינ־וויינינג".

די דעלעגאַציע פונ'ם צ. ק. צו די מערס און צו די דעפּוטאַטען איז באַשטאַנען פון וואַרלען, מאָראַ, זשורד און אַרנאָלד.

ווען די דעלעגאַטען פונ'ם צ. ק. זיינען געקומען, האָבען זיי געטראָפען די גאַנצע סמעטענע פון די ליבעראַלען און דאַריקאַלען, אַלשטיינער, לואי בלאַן, קאַרנאָ, שעלשער און אַנדערע באַוואוסטע כלל־טוער. די דעלעגאַטען האָבען גאַנץ געלאַסען דערקלעהרט דעם צוועק פון זייער קומען, אַז דער צ. ק. וואָלט זיך צוזאַמענריידען מיט'ן מוניציפּאַליטעט, כדי מען זאָל מיט אַלגעמיינע כחות דורכ־פירען די וואַהלען.

די אַנגע'יחסנ'טע ליבעראַלען האָבען אָבער געקוקט פון אויבען אַראָפּ אויף אָט די „בונטאָווששיקעס" און האָבען אַלע מיט איין קול אויסגעשריען, אַז די מערס און די דעפּוטאַטען, וועלכע זיינען באַפולמעכטיגט געוואָרען פון דער רעגירונג, בילדען די געזעצליכע מאַכט און אַז די געזעצליכע מאַכט וועט ניט האָבען קיין שום מגע ומשא מיט די בונטאָווששיקעס, וועלכע רופען זיך מיטגלידער פון עפּעס אַ צענטראַל־קאָמיטעט.

די פאַרטרעטער פונ'ם צ. ק. ריידען וייטער מיט גוטען, אָהן סטירדעס. זיי דערקלערען, אַז די מאַכט פון פּאַריז ליגט אין די הענט פון צ. ק. דאָס איז אַ פאַקט. דער צ. ק. איז דערוועהלט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. דער צ. ק. איז פונדעסטוועגען מסכים צו אַרבייטען אין איינעם מיט די מערס, כדי די וואַהלען זאָלען בעסער דורכגעפירט ווערען.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען לאַנגע ויכוחים איבער דעם, ווער עס איז שולדיג אין דער איצטיגער לאַגע, ווער עס וועט זיין פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר דעם בירגער־קריג, וואָס וועט שפּעטער פאַר־קומען. די ויכוחים האָבען זיך מיט גאַרנישט געענדיגט. אָט־אָט — האָט זיך געדוכט — ווערט מען צווישען זיך מושוה און מען וועט אַרבייטען צוזאַמען האַרמאָניש. קומט מען אָבער צו דער פאָרמו־לירונג פון דער הסכמה, ווערט ווייטער אַ טומעל, אַ קריגעריי, און

דער סוף איז געווען, אז די דעלעגאטען זיינען נאך א פינף שעה'־דיגער דיסקוסיע געווארען מיד און זיינען אוועק.

אינטערעסאנט איז דא צו באמערקען, אז דער הויפט העלד, וועלכער האט איבערגעריסען די פארהאנדלונגען מיט די דעלעגאטען פונ'ם צ. ק., איז געווען דער 48־גער לואי בלאן, וועלכער איז אויפגעשטאנען און מיט כעס אויסגעשריען, אז די מיטגלידער פונ'ם צ. ק. זיינען פשוט'ע אינסורגענטען, וואס זיינען ארויסגעטראטען קעגען דער געזעצליכער מאכט און מען טאר דאריבער מיט זיי ניט פארהאנדלען.

דער צענטראל קאמיטעט האט די גאנצע צייט געהאנדעלט מיט טאקט, האט גערעדט געלאסען און האט קלאר, אהן דיפלאמאטישע אויבער המצאות, דערקלערט, אז זיין צוועק איז בלויז דורכצופיהרען די וואהלען, וואס דאס איז א נויטווענדיגקייט אין די אינטערעסען פון פאריז און גאנץ פראנקרייך. ער האט געהאלטען אין איין איבערחזר'ן, דאס גלייך נאך די וואהלען וועט ער זיך אויפלייזען און די מיטגלידער וועלען צוריק אריין זוי איינפאכע, פשוט'ע מענשען אינ'ם וואכעדיג לעבען פון פאלק. פון א סאציאלער רעוואלוציע האט ער אפילו ניט געטראכט, איהם איז בלויז געגאנגען אין לעבען אפצוהאלטען וואהלען פאר דער פאריזער פארוואלטונג, כדי צו פארזיכערען און באפעסטיגען די רעפובליק.

ניט אזוי האט אבער געטראכט די רעגירונג אין ווערסאל, וואו עס האט זיך אפגעטאן חושך.

אלע רעגירונגס־באאמטע זיינען געווען צעטומעלט. ביי זיי איז פארגעקומען א געוואלדיגע בהלה. זיי האבען ניט געוואוסט וואס אנצופאנגען. אלץ איז ביי זיי געגאנגען כאדראם. וועגען דעם צענטראל־קאמיטעט האבען זיך געטראגען אלערליי מעשות. די רעגירונג האט איהם געהאלטען פאר א מין פיפערנאטער, וועלכער האלט אין איינשלינגען גאנץ פאריז. אויף די סאלדאטען, אפילו אויף די לאיאלע, האט זיך די רעגירונג ניט געקענט פארלאזען. זי האט געוואוסט, אז די ארמעע איז אויפ'ן זייט פונ'ם צ. ק., אז זי וועט ניט ארויסטרעטען קעגען איהרע ברידער פון פאריז.

די רעגירונג האט צוזאמענגערופען די נאציאנאלע פארזאמ־לונג. אויף דער זיצונג האט מען פון קיין אנדער זאך ניט גע־רעדט, ווי פון די פאריזער בונטאוושציקעס. עס זיינען געפאלען פארשלאגען, פלענער, אבער קיינער האט ניט גערעדט איבער די אורזאכען, וועלכע האבען געפיהרט צו דעם פאריזער אויפשטאנד. דער סאציאליסט מיליער איז געווען דער איינציגער, וואס האט גערעדט וועגען דער עקאנאמישער לאגע אין פאריז און האט פארגעשלאגען, מען זאל צוריק דערקלערען א מאראטאריום אויף זעקס חדשים.

די קאנסערוואטיווען האבען זיך דערוויילע באנוצט מיט דעם טומעל און האבען זיך ארגאניזירט צו קעמפען „פאר א מאנארכיע און קעגען סאציאליזם”.

טיער׳ס איינציגע האפענונג איז אין אנפאנג געווען, אז די ניט־קולטורעלע, ניט־געבילדעטע „הפקר יונגען” פונ׳ם צ. ק. וועלען אליין פאלען, ווייל זיי האבען ניט קיין שכל און קיין בילדונג צו פיהרען די אדמיניסטראציע.

ער האט אבער באלד זיך איבערצייגט, אז ער לעבט אין טעות. די רעוואלוציאנערען האבען מיט א מאדנער געשיקטקייט קאנטראלירט די גאנצע רעגירונגס־מאשין, וועלכע איז א דאנק דער דעמאראליזאציע, וואס האט געהערשט פריהער, געווען פאר־נאנדערגעשרויפט, פארנאנדערגענומען. די פריהערדיגע באאמטע און די מער׳ן האבען סאבאטירט און באיקאטירט דעם צ. ק., הא־בען געלייגט אלערליי שטיינער אין וועג, אבער עס האט קיין זאך ניט געהאלפען. ניט קוקענדיג אויף אלערליי שוועריגקייטען הא־בען די נייע ארגאנען פון דער נייער צייטווייליגער רעוואלוציא־נערער רעגירונג פונקציאנירט נארמאל.

מען באדארף ניט פארגעסען, אז דאס עקאנאמיש לעבען איז געווען צוליב דער באלאגערונג אין גאנצען אפגעשטעלט. 300 טויזענט מענשען זיינען אין פאריז ארומגעגאנגען אהן ארבייט און האבען געלעבט פון דער סובסידיע, וואס די רעגירונג האט אויסגעטיילט. גלייך ווי זיי האבען איבערגענומען דאס פינאנץ־מיניסטעריום האבען ווארלען און זשורד געמוזט זארגען וועגען געלט פאר די ארבייטסלאזע. זיי האבען געוואוסט, אז אין דער

קאסע געפינט זיך איבער פיר און־א־האלב מיליאן פראנק, און א חוץ דעם האבען די שטאדטישע געלדער באטראפען איבער א מיליאן. די שליסלען פון דער קאסע זיינען געלעגען אין ווערסאל. זיי האבען ניט געוואלט אויפרייסען די קאסע, ווי דאס וואלט געטאן יעדע רעגירונג, און זיינען בעסער אוועק אין ראטשילד׳ס באנק און געבעטען מען זאל זיי דערווייל אויסלייהען געלט. ראט־שילד׳ס באאמטע האבען זיך געדונגען און געדונגען, סוף כל סוף זיינען זיי מסכים געווען אויסצולייהען דער שטאט פאריז — אזוי איז געשטאנען אין דער קוויטירונג — א מיליאן פראנק. מיט דעם געלט האבען די קאמיסארען איבער די פינאנצען אויס־געצאהלט די באאמטע פון די פארשידענע קאמיטעטען און ס׳איז זיי נאך געבליבען אונטערצושטיצען די אלע, וועלכע האבען זיך גענויטינט.

דער באוואפענטער צוזאמענשטוים אין פאריז און די וואהלען.

מיר האבען געזאגט, און דאס אויך באוויזען, אז דאס פראג־ראם פון צענטראל־קאמיטעט איז געווען מטושטש, ניט קלאר פאר זיינע אייגענע מיטגלידער, וועלכע האבען באלאנגט צו פארשי־דענע גרופען און קלאסען. די עקאנאמישע פאדערונגען זיינע זיינען געווען פון א קליינבירגערליכען כאראקטער. די פאליטישע פאדערונג — א זעלבסטשטענדיגע, עכט דעמאקראטישע שטאט־פארוואלטונג אין פאריז — איז ניט געווען קיין ספעציפישע אר־בייטער פאדערונג. אזא פאדערונג האבען אויך ארויסגעשטעלט מענשען פון מיטעל־קלאס, פאטריאטען, אינטעליגענטען א. אז. וו. ווען דער צענטראל־קאמיטעט האט ארייגעקראגען די מאכט, האט ער לחלוטין ניט געהאט בדעה דורכצופיהרען א סאציאלע רע־וואלוציע. געגען אזוינע „פארוואורפען" האט זיך דער צענטראל־קאמיטעט פארטיידיגט. ער האט אפגעלייקענט יעדען בלבול, אז ער וויל מאכען אן עקאנאמישע איבערקעהרעניש.

שפעטער אבער האט זיך דער ארבייטער־כאראקטער פון דער פאריזער רעוואלוציע אנגעפאנגען ארויסצואווייזען בולט'ר און בולט'ר. די הויפט־קראפט פון דער רעוואלוציע איז געווען דער ארבייטער קלאס און די מיטגלידער, וואס זיינען ארויפגעשוואומען אויף דעם אויבערפלאך א דאנק די ארבייטער, האבען געמוזט, אפשר אליין דאס ניט פארשטעהענדיג, צוגעבען דער רעוואלוציע א פראלעטארישע פארב.

אין דעם אפיציעלען ארגאן פונ'ם צענטראל־קאמיטעט האבען זיך אנגעפאנגען צו דרוקען ארטיקלען פון לאנגע, מארא און אנד. פון א קלארען, אויסגעשפראכענעם ארבייטער כאראקטער. „דער פאריזער פראלעטאריאט האט אין מיטען דעם פארראט פון די הערשענדע קלאסען — לעזען מיר — פארשטאנען, אז ס'איז גע־

קומען די צייט צו ראטעווען די לאגע, אריבערצונעהמען אין זיינע הענט די פארוואלטונג מיט די אינטערעסען פון כלל . . . . . .
צי דען וועלען די ארבייטער, וועלכעשאפען אלץ און האבען גאר־ניט, שטענדיג באליידיגט און געקריוודעט ווערען? צי דען וועלען זיי קיין מאל ניט קענען ארבייטען פאר זייער באפרייאונג? צי דען וועט זייער עלטערע שוועסטער, די בורזשואזיע, וועלכע האט זיך באפרייט מיט דריי־פערטעל יאהרהונדערט צוריק (אין דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע — א ש. ז.) ניט פארשטעהן, אז ס'האט געשלאגען די שעה פונ'ם פראלעטאריאט? . . . "
דאס איז געווען דער ערשטער סאציאליסטישער ארטיקעל אין דער צייט פון דער רעוואלוציע. די פריהער רעפובליקאנישע באוועגונג האט זיך אנגעפאנגען אויסצוקריסטאליזירען אין אן ארבייטער רעוואלוציע.

און וואס מעהר די רעוואלוציע האט אנגענומען א ריין אר־בייטער כאראקטער, אלץ פיינדליכער איז צו איהר געווארען די שטעלונג פון דער ליבעראלער דעמאקראטיע, אלץ מעהר האט זי זיך גענייגט צו רעכטס, אלץ מעהר האט זי פארשטארקט די רייהען פון די קאנסערוואטיווען, מיט וועמען זי האט געבילדעט איין פראנט, איין קאמפאקטע רעאקציאנערע מאסע, קעגען דעם אר־בייטער, צו וועמען זי פלעגט אין צייטען פון גויט אזוי פיל קאקעטירען...

אן אלטער כלל אין דער געשיכטע: ווען דער ליבעראלער דעמאקראטיע קומט אוים אויסצוקלייבען צווישען רעכטס און לינקס, קלייבט זי אוים דאס ערשטע.

די ליבעראלען, ווי קלעמאנסא און לואי בלאן, האבען אנגעפאנ־גען אפען ארויסצוטרעטען קעגען דעם צ. ק. און האבען זיך פאראייניגט אין איין שמוציגען כאר מיט טיער'ס כאליאסטרע, וועמען עס איז ניט געווען מיאוס אויסצוטראכטען אלערליי בלבולים, אלערליי פארלוימדונגען, אבי צו פארשוואַרצען דעם צ. ק. אין די אויגען פון פאלק.

א ים מיט ליגענס און ניט געשטויגענע און געפלויגענע בבא מעשות וועגען דעם צ. ק. האבען פארשפרייט, פארשטעהט זיך, די פארקויפטע שרייב־קנעכט, צייטונגס־באראבאנשציקעס, וועלכע

זיינען קאַפּאַבעל צו דינען אַלע עבודה זרות, אַבי צו לאָזען הערען פון זיך.

יעדען טאָג פלעגען זיי ארויסקומען מיט נייע רכילות. אַמ דערצעהלען זיי, אַז די באַנאַפּאַרטיסטען שטיצען מיט געלט דעם צ. ק., כדי צו צוברעכען די רעפּובליק; דאָ ווידער פאַרשפּרייטען זיי א קלאַנג, אַז דער צ. ק. באדט זיך אין פּרייסישע גאָלד און זיין צוועק איז צו מאכען א תל פון פראנקרייך; שפּעטער קומט מען מיט א נייעס, אַז די מיטגלידער פון צ. ק. זיינען סתם הפקר־יונגען, וועלכע ווילען פיהרען א צולאָזען לעבען און האָבען דעריבער פון זיך אראָפּגעוואָרפען דעם יאָך פון תורה און דרך ארץ... מיט איין וואָרט, איטליכע בירגערליכע צייטונג האָט יעדען טאָג געהאט עפּעס צו דערצעהלען פּיקאנטעס וועגען די בונטאָוור־שציקעס.

די ליגענס זיינען געווען אזוי בולט, האָבען זיך אזוי שטארק געוואָרפען אין די אויגען, דאָס א גרויסע מאסע איז אין א שעה־נעם פריה מאָרגען באפאלען די צייטונג „פיגאראָ" און אנדערע צייטונגען, וועלכע האָבען געפיהרט די הויפּט קאמפּאניע פון שמוץ קעגען דעם צ. ק.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָבער ארויסגעוויזען זעהר פיל הויכמוט און האָט זיך ארויסגעזאָגט פאר פרייע פּרעסע, מיט דער האָפנונג, „אַז די צייטונגען וועלען האלטען פאר זייער חוב צו אכטען די רעפּובליק, דעם אמת און גערעכטיגקייט".

די אָנהעננער פון „רוה און אָרדנונג" האָבען זיך ניט באנור־גענט בלויז מיט ווערטער, זיי האָבען אנגעפאנגען צו קעמפען געגען דעם צ. ק. מיט געוואַלד. דעם 21טען מערץ, איז אן ערב רב פון אייניגע הונדערט קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען ארוים אויף די פּאַריזער בולווארען און געשריען: „לעבען זאָל די נאציאָנאלע פארזאמלונג; נידער מיט'ן צענטראַל קאָמיטעט!" די נאציאָ־נאלע גווארדיע האָט אָבער די גאנצע שווארצע חברה גלייך פארטריבען.

די ווערסאלער רעגירונג האָט ניט גערוהט און גע'רעש'ט. זי האָט געזוכט אלערליי מיטלען ווי צוריקצוקריגען איהר אויטאָ־ריטעט אין פּאַריז, און אויב דאָס איז אוממעגליך, טאָ לכל הפחות

איזאלירען פאריז פון דער איבעריגער פראנקרייך. די רעגירונג האט ארויסגעלאזען אן אויפרוף, אין וועלכען זי האט געגאסען פעך און שוועבעל אויף די „אונטערגעקויפטע, גאטלאזע בונטאוור־שציקעס" און האט געפאדערט, אז גאנץ פראנקרייך זאל זיך אר־גאניזירען קעגען פאריז, וואס ליגט אין די הענט „פון א שאיקע מערדער און רויבער". געשריבען דעם אויפרוף האט פיקאר און זשול פאוור האט דערביי נאך געהאלטען א „פילאזאפישע" רעדע, וואס איז געווען פול מיט חניפה צו אלע רעאקציאנערען און קלע־ריקאלען און דורכגעדרונגען מיט האס און רציחה קעגען די רע־וואלוציאנערען. „מאטעריאליזם און אינדיווידואליזם — דאס זיינען די צוויי יסודות פון זייער פארפיהרערשער לעהרע! — האט זשול פאוור מיט א טאן פון א געלעהרטען דערקלערט אויף דער פארזאמלונג אונטער דונערנדיגע אפלאדיסמענטען פון די דארף־דעפוטאטען, גלחים און אלע אנדערע כלי קודש.

זשול פאוור'ס „טעארעטישע" באגרינדונג פון דער רעוואָ־לוציאנערער באוועגונג, באווייזט וואס פאר א למדן ער איז אי־בערהויפט געווען צו פארשטעהן איהרע מאטיווען, איהרע אויפגא־בען און צילען.

אין זיין רעדע האט זשול פאוור אויך געזאגט, אז ער שלאגט זיך חטאתי, וואס אין זיינע פארהאנדלונגען מיט ביסמארק'ן איז ער געווען קעגען דעם, די פרייסען זאלען ענטוואפנען די נאציאנא־לע גווארדיע. און די דעפוטאטען האבען איהם דארויף שטארק אפלאדירט.

בעסער פאריז פאר ביסמארק'ן, איידער פאר די ארבייטער!

די פאריזער דעפוטאטען אין דער נאציאנאלער פארזאמלונג, א שטיינער לואי בלאן, קלעמאנסא, בריסאן, האבען פארגעשלאגען, די נאציאנאלע פארזאמלונג גופא זאל באשטימען די פאריזער מוניציפאלע וואהלען, כדי דערמיט אפצוציהען דעם ווינט פון דעם צענטראל־קאמיטעט'ס רעוואלוציאנערע זעגלען. אבער טיער האט דערפון ניט געוואלט וויסען. ער האט ניט געוואלט געבען די קלענסטע הנחה. זיין פלאן איז פון אנפאנג אן געווען צו דער־טריקען די רעוואלוציע אין טייכען בלוט...

די וואהלען, וואס האבען געזאלט פארקומען דעם 22טען

מערץ, זיינען אויף א טאָג אָפּגעלייגט געווארען. די פארשידענע רעאקציאָנערען האָבען דעם 23טען מערץ געמאכט א באוואפענטע דעמאָנסטראציע אונטער די געשרייען: „לעבען זאָל די ארדע־נונג!; נידער מיט'ן קאָמיטעט!; טויט צו די מערדער!" זיי האָבען אויך געטויט צוויי גווארדיסטען. דער צענטראל־קאָמיטעט האָט זיך געווענדעט צו די דעמאָנסטראנטען, זיי זאָלען מיט גוטען אָפּטרעטען. יענע האָבען אָבער געהאלטען אין איין שרייען: „מערדער! רויבער!..." די נאציאָנאלע גווארדיע האָט קיין אנ־דער ברירה ניט געהאט, ווי צו פארטרייבען די באוואפענטע דע־מאָנסטראנטען מיט וואפען. זי האָט געשאָסען אין דער לופטען אבער דאָך זיינען צעהן דעמאָנסטראנטען געפאלען טויט.

די דאָזיגע נייעס איז, פארשטעהט זיך, גלייך געבראכט גע־וואָרען קיין ווערסאל, וואו די דאָרף־דעפוטאטען און די מיטגלי־דער פון דער רעגירונג זיינען געווען ארומגענומען מיט א מורא'־דיגען שרעק. פון פארצווייפלונג האָבען טיער און זיינע האנד־לאנגער באשלאָסען צו שטעלען פאריז אוים'ן געזעץ.

צוליב דעם באוואפענטען צוזאמענשטויס צווישען דער נאַ־ציאָנאלער גווארדיע און די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען איז געווען אוממעגליך דורכצופיהרען די וואהלען דעם 23טען מערץ. זיי זיי־נען אָפּגעלייגט געווארען ביז אויף דעם 26טען מערץ, וואָס איז אויסגעפאלען א זונטאָג.

דער צענטראל־קאָמיטעט האָט ארויסגעלאָזען צו דער פאַ־ריזער באפעלקערונג א פראקלאמאציע, וואו ער האָט דערקלערט דעם צוועק פון די וואהלען:

„בירגער! די רעאקציע האָט אונז דערקלערט קריג. מיר נעהמען די קריגס־דערקלערונג אָן. מיר ווילען צוברעכען דעם ווידערשטאנד. פאריז וויל ניט הערשען. ער וויל נאָר זיין פריי. ער שטרעבט צו איין־איינציגער דיקטאטור — צו א דיקטאטור, וואָס זאָל זיין א ביישפיל פאר אנדערע שטעט. שפרייזענדיג פאר־אויס, ווייזט ער דעם וועג פון פרייהייט..."

די ווערסאלער רעגירונג, זעהענדיג אז מיט באוואפענטע דע־מאָנסטראציעס אויף די גאסען פון פאריז קען מען דעם צ. ק. ניט בייקומען, האָט באשלאָסען צו טויטען די רעוואָלוציאָנערען דורך

הונגער. דאס געלט, וואס ווארלען און זשורד האבען געקראגען פון ראטשילד'ס באנק, איז שוין אויסגעגעבען געווארען. דעם 22טען מערץ, האט דער צ. ק. באדארפט קריגען א צווייטען מיליאן. די באנק, אונטערגעהעצט, הפנים, פון ווערסאל, האט אבער ניט געוואלט ארויסגעבען. דער צ. ק. האט דעמאלט קליפ און קלאר מודיע געווען, מען זאל זיך ניט אריינריידען צו קעמפען מיט איהם דורך הונגער. „דער הונגער וועט קיינעם ניט אפשרעקען, — האט ער געלאזט וויסען — א הונגער וועט צו קיין אנדער זאך ניט פיהרען, ווי צו פאגראמען. מיר הויבען אויף די געווארפענע הענטשקע". אז דאס האט ניט געהאלפען, האט דער קאמיטעט געשיקט צום באנק צוויי באטאליאנען און דער דירעקטאר האט אהן טענות און מענות נעבאך ארויסגעגעבען נ א ך א מיליאן פראנק.

די ארדענונג אין פאריז איז אין יענע טעג געווען א מוסטערהאפטע. דער צ. ק. האט ארויסגעגעבען שטרענגע באפעהלען קעגען רויבערייען און גניבות.

די ארבייט פון צ. ק. איז געגאנגען מיט א סדר און אהן אן אפשטעל. דער קאמאנדיר פון דער נאציאנאלער גווארדיע ליוליע האט זיך ארויסגעוויזען פאר אן אוואנטוריסט. ער איז גלייך ארונטערגעזעצט און ארעסטירט געווארען. דריי נייע גענעראלען זיינען באשטימט געווארען: בריונעל, דוואל און עד, וועלכע האבען געהאט דעם צוטרוי פון דער נאציאנאלער גווארדיע.

די נייע גענעראלען זיינען לייכט בייגעקומען די פארשידענע פארזוכען פון די קאנטר־רעוואלוציאנערען ארויסצורייסען פאריז פונ'ם צ. ק.

עס זיינען פארגעקומען נייע פארהאנדלונגען צווישען דעם צענטראל־קאמיטעט און די מער'ן און די דעפוטאטען פון פאריז — ארויסצולאזען א שותפות'ע פראקלאמאציע וועגען די וואהלען, אבער פון די פארהאנדלונגען איז גארנישט ארויסגעקומען. קיין צד האט ניט געוואלט נאכגעבען.

די וואהלען זיינען פארגעקומען, ווי דער צ. ק. האט באשטימט — דעם 26טען מערץ.

קורץ פאר דעם וואהל־טאָג האָט דער צ. ק. ארויסגעלאָזען אן אויפרוף, פאר וועמען צו שטימען:

„פארגעסט ניט, אז בעסער פון אלע וועט אייך דינען יענער, וועמען איהר וועט אויסקלייבען פון אייער אייגענער סביבה, דער, וואָס לעבט מיט אייער לעבען, ליידעט מיט אייער אומגליק . . . היט זיך פון אוואנטוריסטען. די ארבייטער דארפען אליין דער־קאָנען זייערע פריינד . . .״

דאָס איז געווען די לעצטע פראקלאמאציע, וואָס דער צענט־ראל קאָמיטעט האָט ארויסגעלאָזען פאר די וואהלען פונ׳ם 26טען מערץ.

די פראָקלאַמירונג פון דער קאָמונע.

דער 26טער מערץ, 1871, איז פאַר פאַריז געווען א טאָג פון ווידערגעבורט.

די גרויסע וועלט־שטאָט האָט צוריסען די קייטען, מיט וועל־כע די אימפעריע פון לואי באָנאַפּאַרט האָט איהר געשמידט; זי האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפען די אבילות־קליידער, אין וועלכע זי איז געווען אָנגעטאָן אין דער באלאגערונגס־צייט. זי האָט אָנגעפאנגען פריי צו אָטעמען, פריי צו לעבען, אומאָפּהענגיג — אָט אזוי, ווי זי האָט אליין געוואלט און פארשטאַנען.

די גאנצע שטאָט איז געווען יום־טוב'דיג געשטימט. די פינסטערע כמארעס, וועלכע זיינען געהאנגען איבער פאריז די לעצטע 6—7 מאָנאַט, זיינען פארשוואונדען. אין אלע ווינקע־לעך איז געווען ליכטיג, פרעהליך, לעבעדיג. קיין פארכמורעטע פנים'ער האָבען זיך ניט געזעהן. אלע מענשען האָבען געשיינט, געשטראהלט פון אן אינערליכען גייסטיגען גליק. איינער צום צווייטען האָט זיך ניט געפיהלט פרעמד, נאָר ווי א ברודער, ווי א פריינד, וועמען מען באדאַרף ליבען און גלויבען. גאנץ אומבאַ־קאַנטע מענשען האָבען זיך ארומגענומען און געקושט. שוין לאַנג־לאַנג ווי די אידעאַלען פון פרייהייט, גלייכקייט און ברידערליכקייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע האָבען ניט אזוי גע־וואַרעמט און געלויכטען ווי אָט אין דעם זונטאָג, דעם 26טען מערץ, ווען די פאַריזער איינוואוינער האָבען אליין אויסגעקליבען זייערע פארוואַלטער, ווען פאַריז האָט אָנגעהויבען צו דיינקען מיט'ן אייגענעם מוח און אָטעמען מיט די אייגענע לונגען.

שטאָלץ, מוטיג, מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ זיינען די וועה־לער געגאַנגען צום שטימקאַסטען — אָט אזוי ווי מענשען, וועלכע האָבען זיך באפרייט פון א פינסטערער פעסטונג. פרייע מענשען האָבען געשטימט פריי, פאַר פרייע קאנדידאַטען אין א פרייער שטאָט.

און ווי פריי, ליכטיג און פרעהליך עס איז געווען פאַריז, אַזוי פאַרקעהרט, איז געווען פינסטער, אומעטיג און נידערשלאָגען ווערסאַל. טיער און זיינע משרתים זיינען ארומגעגאַנגען ווי צומישטע, אָהן קעפּ. זיי זיינען געלעגען אין איין פּחד, אין איין מורא, פאַריזער פרייהייט זאָל ניט ארויסרוקען בולט'ער און קלאָהרער זייערע פינסטערע, שוואַרצע פיגורלעך...

די ווערסאַלער רעגירונג האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו שטערען די וואַהלען. טיער האָט געגעבען טעלעגראַמעס נאָך טעלעגראַמעס איבער גאַנץ פראַנקרייך, אַז די „מענער פון אָרדענונג" האָבען מיט די וואַהלען גאָר ניט וואָס צו טאָן, אַז „די וואַהלען זיינען אומגעזעצליך און ווערען דורכגעפיהרט פון אַ שאַיקע פאַרברעכער, וועלכע ווילען פאַרפלייצען פראַנקרייך מיט בלוט".

פאַריז האָט אָבער יאָ געוועהלט און אויסגעוועהלט זיינע פאַרטרעטער.

אויף מאָרגען, מאָנטאָג דעם 27טען מערץ, זיינען צוויי הונדערט טויזענט מענשען געקומען צו דעם פאַריזער ראַטהויז איינצופיהרען זייערע אויסדערוועהלטע אין אמט. ביי דער דאָזיגער גרויסער פאַסירונג אַז פאָרגעקומען אַן אימפּאָזאַנטע פּראָצעסיע. די באַטאַליאָנען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָבען מאַרשירט מיט זייערע פאָהנען, מיט זייערע ביקסען, אויף וועלכע עס האָבען געהאַנגען רויטע טיכלעך. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען די מאַטראָזען און די רעגולערע רעגימענטען פון דער פעכטאָטע און אַרטילעריע. פון אַלע זייטען האָבען געפלאָסען שטראָמען פון מענשען צו דעם ראַטהויז, וואו די צערעמאָניע איז פאָרגעקומען.

אין מיטען דעם ראַטהויז, איז געווען אויפגעשטעלט אַ גרויסע פּלאַטפאָרמע. די סטאַטוע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם סימבאָל פון דער רעפּובליק, איז געווען ארומגענומען מיט אַ רויטען שלייף, האָט געלויכטען און בולט ארויסגעקוקט פון דער פּלאַטפאָרמע. אויפ'ן טורעם פון ראַטהויז האָבען געפלאַטערט רויטע פאָהנען, וועלכע האָבען געשיקט אַ גרוס צו גאַנץ פראַנקרייך מיט דער בשורה, אַז פאַריז איז פריי און ווערט רעגירט פון פרייע מענשען מיט אידעאַלען פון פרייהייט. הונדערט באַטאַליאָנען האָבען זיך אויסגעשטעלט פאַר'ן ראַטהויז מיט שפּיזען, וועלכע האָבען

געבליסטשעט קעגען דער ליכטיגער פריהלינגס זון. טויזענטע און צעהנדליגע טויזענטע מענשען האָבען ניט געקענט זיך דורכ־שטויסען צו דעם בולווארד פונ׳ם ראטהויז און האָבען אָנגע־פאקט די אלע ארומיגע גאסען. די פלאטפארמע איז געווען ארומ־גערינגעלט מיט פאָהנען, מעהרסטענס מיט רויטע און מיט דריי־קאָליר׳דיגע. בעת די באטאליאָנען האָבען זיך אויסמושטירט, האָט מען געזונגען און געשפּילט די מארסעליעזע. עס ווערט גע־געבען א סיגנאל און די הארמאטען פון דער קאָמונע פון 1792 האָבען אָנגעהויבען צו דונערען.

מיט אמאָל איז געוואָרען שטיל. אלע האָבען איינגעהאלטען דעם אָטעם אין דער ערווארטונג פון עפּעס גרויסעס, היסטאָרי־שעס. די מיטגלידער פון דעם צענטראל־קאָמיטעט און די דער־וועהלטע, מיט רויטע בענדער, וועלכע זיינען איינע אויף דער אנ־דערער אין דער קווער געהאנגען אויף זייערע ברוסטען, באווייזען זיך אויף דער פלאטפאָרמע.

ראנוויע האָט געעפענט די היסטאָרישע פארזאמלונג מיט די ווערטער:

„בירגער! דער צענטראל־קאָמיטעט גיט איבער זיין פולע מאכט צו דער קאָמונע! בירגער! מיין הארץ איז צו־שטארק איבערגעפילט מיט פרייד, איך זאָל איצט קענען האלטען רע־דעס. ערלויבט מיר בלויז צו באגריסען פאריזער פאלק מיט דעם גרויסען ביישפּיל, וואס ס׳האָט געוויזען דער גאנצער וועלט!"

דער מיטגליד פונ׳ם צענטראל־קאָמיטעט בורסיע רופט אויס די נעמען פון די דערוועהלטע. די באראבאנען פאנגען אָן צו פויקען. די מוזיק, אונטערגעהאלטען פון צוויי הונדערט טויזענט שטימען, שפּילט די מארסעליעזע. קיין רעדעס ווערען מעהר ניט געהאלטען. די שטימונג איז געווען אזוי הייליג, אזוי שטארק, אז ווערטער וואָלטען איהר בלויז פארשוועכט. גלייך נאָר ווי ראנוויע האָט אינ׳ם פסיכאָלאָגישען מאָמענט אויסגעשריען: „אינ׳ם נאָמען פון פאָלק פראָקלאמיר איך די קאָמונע!" ווי עס האָט זיך געהערט אן איינ־מוטיגער, באגייסטערטער ענטפער פון צוויי הונדערט טויזענט שטימען: „לאנג לעבען זאָל די קאָמונע!" און מען האָט פון גרויס

פרייד אָנגעפאנגען צו פּאַכען מיט רויטע טיכלעך און צו ווארפען די היטלען אין דער הויך. רויטע פאָהנען האָבען געפלאַטערט אין דער לופט. הארמאטען האָבען ארויסגעלאָזען פוסטע שאָסען, די מוזיק האָט געשפּילט, א צוויי הונדערט טויזענדיגער כאָר האָט גע־זונגען; הערנס האָבען געטרומייטערט, באַראבאנען האָבען גע־קלאפּט און אלע צוזאמען האָבען זיך צוזאמענגעגאָסען אין א ריזיגען ים, וואָס האָט געשטורעמט מיט דעם ווילען און האָפנונג פון פאָלק. די הערצער האָבען אננגעצם געציטערט, די אויגען זיינען געווען פול מיט טרעהרען פון פרייד. זינט 1790 האָט פאריז ניט איבערגעלעבט אזעלכע גרויסע, הייליגע, באגייסטערטע מאָמענטען.

די פּראָצעסיע איז געווען געפיהרט פון בריונעל'ן, וועלכער האָט געזעהן, אז אלע באטאליאָנען זאָלען קענען באגריסען און אויסדריקען זייער טרייקייט צו דער קאָמונע. בעת די באטא־ליאָנען האָבען פארביימארשירט פאר דער סטאטוע פון דער „רע פובליק" האָבען זיי צוגענייגט צו איהר די פאָהנען, און האָבען איהר אָפּגעגעבען דעם כבוד מיט בלויזע שווערדען און מיט אויפ־געהויבענע ביקסען.*)

ווערסאלער פּאָליציי־אגענטען און שפּיאָנען האָבען געציטערט ווי די פלעדערמייז אין א זוניגען טאָג. זיי האָבען מורא געהאט אויסצוריידען א וואָרט קעגען דעם שטארקען, מעכטיגען פאָלקס־ווילען. דער צענטראל־קאָמיטעט האָט אין אָוונד פון דעם גרוי־סען טאָג דערקלערט: „היינט האָט פאריז געעפענט א נייעס, ריינעם בלאט אין דעם בוך פון דער געשיכטע און האָט דאָרטען אויסגעקריצט זיין מעכטיגען נאָמען.. זאָלען די ווערסאלער שפּיאָ־נען, וועלכע דרעהען זיך דאָ אַרום צווישען אונז, ארייננגעהן אין דערצעהלען זייערע הערען, וואָסערע קלאנגען עס רייסען זיך ארוים פון פאָלקס הארצען. זאָלען אָט די שפּיאָנען מעלדען פון דעם גרויסארטיגען בילד, וואו דאָס פאָלק האָט אליין איבערגענומען די מאכט."

---

*) די באשרייבונג און שילדערונגען פון פילע סצענעס און כאראק־טערען אין דעם בוך האָבען מיר גענומען פון דעם באריהמטען ווערק פון ליסאגארע: L'Histoire de la Commune איבערזעצט אין ענגליש פון מארקס' טאָכטער לעאָנאָרע מארקס־עוועלינג.

פאריז האט אויסגעזען, אזוי ווי משיח וואלט דארטען גע־קומען. טויבע זיינען הערענדיג געווארען, בלינדע האבען אנגע־הויבען צו זעהן, הונגעריגע האבען פארגעסען זייער הונגער און נאקעטע האבען אויפגעהערט צו ציטערען פון קעלט. פאריז האט ארויסגעוויזען א ריזיגע גייסטיגע קראפט, א גרויסע אידעע, וואס האט געשפייזט און געווארעמט אלע אונטערדריקטע און בארויב־טע מענשען־קינדער.

א פרייע שטאט, א נייע וועלט, א קלארער הימעל, פרעה־ליכע פנים'ער — מיט אייןווארט, אלץ וואס איז פריש, יונג, שעהן און שטארק האט אויפגעלעבט דעם 27טען מערץ, ווען די קאמונע איז פראקלאמירט געווארען.

די נייע, יונגע קראפט, וואס האט אויפגעלעבט און אפגע־פרישט פאריז, האט ארויסגערופען קעגען זיך אלע שווארצע, טויי־וועלשע כחות פון פראנקרייך. קעגען פאריז פון די ארבייטער האבען זיך אנגעפאנגען צו פאראייניגען אלערליי מאנארכיסטען, קלעריקאלען, ליבעראלען און ראדיקאלען. זיי האבען אנגעפאנגען צו בילדען א נייע גרויזאמע טונקעלע ארמעע פון פארשידענע מונדירען, קאלירען און פארבען.

קעגען דעם שעהנעם באגייסטערטען פאריז האט זיך אנגע־פאנגען צו באוואפענען די שווארצע ווערסאל.

און עס האט זיך אנגעפאנגען א בלוטיגער בירגער־קריג, א קריג אויף לעבען און טויט...

* * *

די פאריזער קאמונע האט געפונען א ווארימען אפקלאנג אין א סך אנדערע שטעדט פון פראנקרייך. ליאן, סט. עטיען, מארסעל, טולוזע, נארבאן און קרעזא האבען איבערגעלעבט די זעלביגע גרויסע, שעהנע באגייסטערטע מאמענטען, ווי פאריז.

פאריז איז געווארען דער ביישפיל פון א סך אנדערע שטעדט, וואו די רעאקציע איז פארטריבען געווארען פון דער מארשירענ־דער, באפרייענדער רעוואלוציאנערער ארמעע, אויפ'ן פאהן פון וועלכע עס האבען געלויכטען אפשר אין א מטושטש'ער פארם די גרויסע אלמענשליכע אידעאלען.

אין מארסעל האט געשפילט א גרויסע ראליע דער איד גאס־

טאַן קרעמיע — אַט דער זעלביגער, וועלכער האָט געהאַט דעם מוט אויסצושרייען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט באַליידיגט דעם אַלטען העלד גאַריבאַלדי און שפּעטער אַזוי פאַר־רעטעריש געגעבען איהר הסכמה צום דעם שענדליכען פרידען: „שעמט אייך, איהר באַדעקט פראַנקרייך מיט חרפּה!"

גאַסטאָן קרעמיע*) איז געווען אַ זעלטענער, שעהנער און שאַרפזיניגער רעדנער און ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיגען איינ־פלוס אין מאַרסעל. אַ דאַנק איהם איז גאַמבעטאַ אויסגעקליבען געוואָרען אַלס דער פאַרשטעהער פון מאַרסעל אין 1869.

ווען עס איז אָנגעקומען די נייעס פון פּאַריז, איז גאַסטאָן קרמיע געקומען צולויפען אין קלוב פון דער נאַציאָנאַלער גוואַר־דיע און האָט אַלעמען דאָרטען הינגעריסען מיט זיין ענטוזיאַזם. איבערהויפּט האָט ער אָנגעפאַנגען ענערגיש צו אַרבייטען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די רעגירונג אין ווערסאַל קלייבט זיך צו דערשטיקען די פּאַריזער פרייהייט און אָנווענדען קעגען די קאָמונ־נאַרען אַ בלוט און אייזען פּאָליטיק.

אין קלוב האָט ער מיט גרויס התלהבות פאַרגעלייענט און דערקלערט די מעלדונגען פון פּאַריז און האָט שפּעטער געהאַלטען אַ גלענצענדע רעדע, וואו ער האָט געענדיגט אַזוי:

„די ווערסאַלער רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזען איהר האַס קעגען דעם, וואָס זי רופט אָן „פּאַריזער אויפשטאַנד", אָבער די האַס האָט זיך צובראָכען אין איהרע הענט און עס איז אַרוים די קאָמונע . . . לאָמיר אַלע שווערען, אַז מיר ווילען זיך פאַר־אייניגען און פאַרטיידיגען די נייע פּאַריזער רעגירונג, — די איינציגע רעגירונג, וועלכע מיר אַנערקענען."

די קאָמונע איז אָבער ניט געווען אַ אידישע באַוועגונג, הגם אידען האָבען אין איהר גענומען אַן אַנטייל. פּונקט אַזוי, ווי דער באָלשעוויזם איז ניט אַ אידישע באַוועגונג, הגם אידען שפּי־לען דאָ אַ גרויסע ראָליע.

---

*) ניט צו פאַרביטען מיט אַדאָלף קרעמיע דער מיטגליעד פון דער פּראָוויזאָרישער פאַרטיידיגונגס רעגירונג פון 4טען סעפּטעמבער.

די קאָמונע און דער צענטראַל־קאָמיטעט.

די דערוועהלטע אין דער קאָמונע זיינען באשטאַנען טייל־ווייז פון אלטע באוואוסטע רעוואָלוציאָנערען, א שטייגער, בלאַנקי, וואָס איז אפילו אין פאריז ניט געווען, ווייל דעם 17טען מערץ איז ער ארעסטירט געווארען אין פראָווינץ, דער באוואוסטער רעוואָלוציאָנערער שריפטשטעלער און רעדנער דעלעקליוז, פעליקס פיא, זשול מיאָ, בעלע און פון דעם יונגען דור, וואס האָט זיך ארויסגערוקט אין דער צייט פון דער אימפעריע און דער באלאַגערונג, ווי פלוראַנס, טרידאָן, ווערמארעל, וואללע, לעפראַנסע, וואַיאָן, קורנער, פאסקאל גרוססע, ראנא, אווריל. מאנכע זיינען אריינגעפאלען אין דער קאָמונע צופעליג, אָהן א רעוואָלוציאָנערער פארגאנגענהייט און טראַדיציעס.

די מעהרסטע פון די דערוועהלטע זיינען געווען זעהר יונג. אנדערע זיינען אלט געווען ניט מעהר ווי 25 יאָהר. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט ניט ארויסגעשטעלט ספעציעלע קאנדידאטען, אָבער דאָך זיינען אריין אין דער קאָמונע 13 פון זיינע מיטגלידער, א שטייגער, זורד, מארטיע, אססי. אייניגע פון זיי האָבען זיך שטארק געפונען אונטער דעם איינפלוס פון די בלאנקיסטען.

לויט זייער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער לאגע האָבען די מעהרסטע קאָמונארען באלאנגט צו דער קליין־בורזשואזיע. זיי זיינען באשטאַנען פון אָנגעשטעלטע, בוכהאלטערס, דאָקטוירים, לעהרערס, אדוואָקאטען, שריפטשטעלער, רעדנער און אנדערע האלב־אינטעליגענטע און אינטעליגענטע פראָפעסיעס. צוועלף שריפטשטעלער זיינען געווען אין דער קאָמונע.

דער וויכטיגסטער עלעמענט אין דער קאָמונע איז געווען די ארבייטער גרופע, וואָס איז באשטאַנען פון 25 מאן. פופצעהן פון זיי האָבען באלאנגט צום אינטערנאציאָנאל. אין דער דאָזיגער ארבייטער גרופע זיינען אריין אזוינע איבערגעבענע העלדישע מע־

נער ווי ווארלען, דיואוואל, טעז, מאלאָן, ראנוויע, אווריאַל, פענדי, לאנזשעוועז, לעאָ פראנקעל, שאמפי, אמורו און אנד. קיין קאנ־דידאטען־צעטלעך זיינען ניט געווען. אַנדערע דיסטריקטען, די רייכע, האָבען דערוועהלט אין קאָמונע די פריהערדיגע מער׳ס.

דער פּראָוויזאָרישער פארזיצענדער איז געוואָרען בעלע, אַן אַלטער מאן פון 72 יאָהר. אין זיינע יונגע יאָהרען איז ער געווען אַ ליבעראַל, שפּעטער אַ רעפּובליקאנער און דערנאָך — דוקא ווען ער איז געווארען זעהר רייך — איז ער אריבער צום סאָציאַליזם. בעלע איז געווען איינער פון די גרינדער פון׳ם אינטערנאציאָנאַל. אין די קאָמיסיעס האָט ער אָבער קיין אַמט ניט גענומען: „זעהט בעסער צו קלייבען מענשען — האָט ער געגעבען אַן עצה די ארבייטער — פון אייער אייגענער סביבה. נעמט ניט אריין אין אייער פארוואלטונג קאַפּיטאַליסטען און אונטערנעהמער.“

שפּעטער איז בעלע געוואָרען אַ וויכטיגער טוער אין קאָר־דערי — די הויפּט קוואַרטיר פון דער ארבייטער פעדעראַציע — און האָט אונטערגעשריבען דעם אויפרוף, וואו פּאַריז ווערט אויפ־געפאָדערט זיך צו פארטיידיגען. בעלע איז געווען אַ זעלטענע איידעלע פערזענליכקייט, מיט אַ פעסטען כאראקטער און אַ רע־וואָלוציאָנערען טעמפּעראַמענט.

צו זיין אַ פארזיצענדער אויף דער ערשטער זיצונג פון דער קאָמונע איז ניט געווען אַזוי לייכט. עס זיינען געמאַכט געוואָ־רען פאָרשלאָגען פון אַלע זייטען איבער פארשידענע אַנגעלעגענ־הייטען. אָבער בעלע האָט מיט זיין הדרת פּנים און זיין אַלטקייט ארויסגערופען גרויס דרך ארץ צו זיך און די מיטגלידער האָבען זיך אונטערגעוואָרפען זיינע באַמערקונגען.

עס ווערט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז בלאַנקי, וואָס איז געזע־סען אין טורמע ערגעץ וואו אין דער פּראָווינץ, זאָל דערוועהלט ווערען אַלס דער עהרען־פּרעזידענט פון דער קאָמונע.

דער דאָזיגער פאָרשלאַג ווערט געשטעלט אויפ׳ן טאַגעס־אָרדע־נונג צוזאַמען מיט אַנדערע פאָרשלאָגען.

די דעלעגאַטען פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט האָבען געוואָרט אין אַ דערבייאיגען צימער און לעפראַנסע האָט פארלאַנגט, מען

זאָל זיי איינלאַדען צו דער זיצונג, ווייל „די נאציאָנאַלע גוואַרדיע און דער צענטראַל קאָמיטעט האָבען זעהר געטריי געדינט פאַריז און דער רעפּובליק.”

אַנדערע האָבען פּראָטעסטירט קעגען דעם. „די פאַרזאַמלונג איז אַ רעוואָלוציאָנערע און טאָר ניט זיין עפענטליך”. „מיר בילדען אַ קריגס־ראַט און דאַרפען זעהן, אַז אונזערע שונאים זאָלען זיך ניט דערוויסען פון אונזערע פּלענער” — שרייט אויס פּאַסקאַל גרוססע. עס הויבט זיך אָן אַ שטאַרקע דיסקוסיע וועגען דעם. אין מיטען די ויכוחים הויבט זיך אויף אַ מיטגליד, לואיזאַ־פענסאָן, און פאָדערט, עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערען טויט־שטראָף.

צווישען די מיטגלידער זיינען געווען אַזוינע, וועלכע זיינען געווען דעפּוטאַטען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין ווערסאַל. עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז אַ דעפּוטאַט קאָן ניט זיין קיין מיטגליד פון דער קאָמונע. ער מוז זיך אָפּזאָגען, ענטוועדער פון דער קאָמונע, אָדער פון צו זיין אַ דעפּוטאַט. איינער, טעראַר, האָט מיט אַן איראָנישען שמייכעל אויף די ליפּען רעזיגנירט פון דער קאָמונע. די אמת'ע רעוואָלוציאָנערען, ווי דעלעקליוז און קורנע, האָבען בעסער אויסגעקליבען צו זיין מיטגלידער פון דער קאָמונע און האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון זייער מאַנדאַט אַלס דעפּוטאַטען.

ווען די טורעם־גלאָקען האָבען מודיע געווען, אַז ס'איז צוועלף אַזייגער ביינאַכט, האָט זיך די זיצונג געשלאָסען אונטער'ן אויסרוף: „לעבען זאָל די רעפּובליק! לעבען זאָל די קאָמונע!”

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט ראַאול־ריגאָ ווידער געפאָדערט, אַז לואי בלאַנקי זאָל ווערען דער עהרען־פּרעזידענט. דעלעקליוז און קורנע האָבען געהייסען דעם פאָרשלאַג פאַרוואַרפען, ווייל אונזער אַכטונג צו בלאַנקי'ן, דאַרף אויסגעדריקט ווערען אין אַ מעהר ממשות'דיגער פאָרם.

עס ווערט אויסגעקליבען אַ ביוראָ (אַ פּרעזידיום), וואָס באַשטעהט פונ'ם פּרעזידענט, צוויי וויצע פּרעזידענטען און צוויי סעקרעטאַרען. די ביוראָ האָט יעדע וואָך נעמוזט אויפ'ס נייע דערוועהלט ווערען. אַלס פּרעזידענט אין דער ביוראָ ווערט דער־

וועהלט לעפראנסע. דער פּראָוויזאָרישער פּאָרזיצענדער בעלע גיט איבער זיין פּלאַץ צו לעפראנסע און באגריסט מיט א הויכער שטים די קאָמונע.

„די פרייהייט פון דער פּאַריזער קאָמונע — איז די פרייהייט פון אַלע קאָמונעס אין דער רעפּובליק. מיר זיינען געגאנגען פאָרווערטס, מיט מעהר כח ווי אונזערע פאָרגענגער און מיר קאָנען האָפען, אז מיט אונז וועט געהן די רעפּובליק. אונזערע געגנער זאָגען, אז מיר גיבען מיט אונזער קאָמונע א קלאַפּ דער רעפּובליק. אויב מיר גיבען אין אמת'ען א קלאַפּ, טאָ איז דאָס דער קלאַפּ, וואס מען גיט איבער א קלין, בעת מען שלאָגט איהם אריין טיף אין דער ערד. . . די רעפּובליק פונ'ם 1793-טען יאָהר איז געווען א סאָלדאַט, וואָס האָט באַדאַרפט צענטראַליזירען אַלע כחות פונ'ם פאָטערלאנד; אָבער די רעפּובליק פון 1871 איז אן ארבייטער, וועלכער נויטיגט זיך באַזונדערס אין פרייהייט. אין פרידען און אין אַרבייט ליגט אונזער צוקונפט. אין זיי ליגט די ערבות פון אונזער נאַציאָנאַלען און סאָציאַלען ווידערגעבורט. די קאָמונע וועט זיך באַשעפטיגען מיט די לאָקאַלע אנגעלעגענהייטען; דער דעפּאַרטמענט מיט די פּראָווינץ־ (קאונטי) אנגעלעגענהייטען און די אַלגעמיינע רעגירונג מיט די נאַציאָנאַלע און שטאַטליכע ענינים. . . לאָמיר ניט אריינגעהן איינער אין דעם אַנדערענס יוריסדיקציע. . . ”

פון דער רעדע זעהט מען, ווי ווייט ניט קלאָהר עס איז געווען דער עצם און די אויפגאַבען פון דער קאָמונע אפילו ביי איהרע וויכטיגסטע פיהרער, וועלכע האָבען געהאַט א גרויסע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. פיהלענדיג, אז די קאָמונע איז אן א ר ב י י ט ע ר קאָמונע, האָבען זיי דאָך געמיינט, אז איהר הויפּט־אויפגאַבע איז צו זיין א לאָקאַלע פאַרוואַלטונג — א קליין בירגערליכע פאָדערונג, וואָס האָט מיט אַן א ר ב י י ט ע ר רעוואָלוציע ניט צו טאָן. נאָך ווייניג וואס די קאָמונע האָט געהאַט אין זיך קליינבירגערליכע עלעמענטען, האָבען די קאָמונארען גופא, מיר מיינען די קאָמונארען פונ'ם ארבייטער קלאַס, ניט געהאַט א קלאָהרע, פאָרמולירטע ארבייטער פּראָגראַם. די קליינבירגערליכע איידעאָלאָגיע האָט געהערשט אפילו ביי די ארבייטער, וועלכע זיינען

נאך ניט געווען בכח ארויסצונעמען דעם קערן פון דער שאלעכץ, אפצוקלויבען די שטרוי פון שפריי.

די קאמונע האט זיך איינגעטיילט אין קאמיסיעס: אין א קריגס־קאמיסיע, פינאנץ, יוסטיץ, ארבייט, האנדעלס און נאה־רונגס־קאמיסיע; א חוץ דעם האבען זיך די קאמונארען פאר־טיילט אין א קאמיסיע פון געזעלשאפטליכער זיכערקייט, אין א קאמיסיע, וואס זאל פיהרען די אויסערליכע ענינים, אין א ביל־דונגס און אויפקלערונגס קאמיסיע און א. וו.

עס איז באשטימט געווארען אן עקזעקוטיוו־קאמיטעט אויף איין מאנאט. אין דעם קאמיטעט זיינען אריין לעפראנסע, דיוא־וואל, פעליקס פיא, ברעזשערע, טרידאן, עד און וואיאן. ד י ו א־ו ו א ל, ב ע ר ז ש ע ר ע און ע ד זיינען אויך געווען מיט־גלידער פון דער קריגס קאמיסיע.

די קאמונע, ווי מען זעהט דא, איז ניט געווען א מין פארלא־מענט, א געזעצגעבענדע קערפערשאפט, וואס האט ניט קיין עק־זעקוטיוו־מאכט. די קאמונארען זיינען געווען אי געזעצגעבער, אי עקזעקוטיוו־באאמטע. יעדער מיטגליד פון דער קאמונע איז אויך געווען אן עקזעקוטיוו מיטגליד אין וואס עס איז א דעפארט־מענט.

נאך דעם ווי די קאמונע האט זיך קאנסטיטואירט זיינען אריין אין זיצונגס־זאל די מיטגלידער פון דעם צענטראל־קאמיטעט, וועל־כער האט איבערגעגעבען זיין מאכט צו דער קאמונע.

„בירגער! — האט זיך געווענדעט בורסיע אין נאמען פון צענטראל קאמיטעט צו די קאמונארען, — בירגער! דער צענטראל קאמיטעט גיט איבער אין אייערע הענד זיין רעוואלוציאנערע מאכט. מיר געהען איצט איבער צו אונזערע פליכטען, וואס זיי־נען באשטימט פון אונזערע תקנות. דער צענטראל קאמיטעט וועט זיך ניט אריינמישען אין דער ארבייט פון דער קאמונע, וואס איז איצט די איינציגע געזעצליכע רעגירונג. ער וועט זעהן, אז אלע אייערע באשלוסען זאלען רעספעקטירט ווערען. דער צענטראל קאמיטעט באנוגענט זיך בלויז מיט׳ן רעארגאניזירען די נאציא־נאלע גווארדיע.“

די מיטגלידער פונ׳ם צענטראל־קאמיטעט האבען נאך דעם

פאַרלאָזען דעם זאָל אונטער די אויסרופען: „לעבען זאָל די רע־פובליק! לעבען זאָל די קאָמונע!"

עס איז אָבער אוועק אַ קורצע צייט און עס האָבען זיך אָנ־געפאַנגען רייבונגען צווישען דעם צענטראַל־קאָמיטעט און דער קאָ־מונע.

אָנגעפאַנגען האָט זיך עס פון דעם, וואָס דער צענטראַל־קאָ־מיטעט האָט ארויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע צום פאָלק, וואו ער האָט געזאגט, אז ער גיט אַ הסכמה אויף די באשלוסען פון דער קאָ־מונע. די קאָמונע האָט זיך דארויף באַליידיגט, „מיר באַדאַרפען ניט האָבען קיין הסכמה אויף אונזערע מעשים. מיר זיינען די איינציגע מאכט — האָבען די מיטגלידער פון דער קאָמונע גע־טענה'ט. אמת טאקי, דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אַ סך גע־טאָן פאַר דער רעפּובליק און פאַר דער קאָמונע. אָבער זיין ראָ־ליע איז בלויז אַ היסטאָרישע, וואָס וועט שטענדיג בלייבען אין אונזער עראינערונג". דער קאָמונע־מיטגליד דיוואַל האָט פאַר־לאַנגט, דער צענטראַל־קאָמיטעט זאָל ניט האָבען קיין שום מאכט. דער קאָמיטעט האָט אָבער זיין פריהערדיגען אויטאָריטעט ניט גע־געוואָלט אזוי גיך אָפּגעבען און עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען מחלוקות.

די קאָמונע מיט'ן צענטראַל־קאָמיטעט זיינען ווי עס איז צווי־שען זיך דורכגעקומען נאָך דעם, ווי די מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבען דערקלעהרט, אז זיי פּרעטענדירען גאָר ניט אויף וועלכען עס איז פּלאַץ אין דער רעגירונג; זייער אויפגאַבע איז בלויז צו זיין די האנד פון דער רעוואָלוציע, וואָס וועט פאַראייניגען די קאָמונע מיט דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

די דערקלעהרונג איז כלומר'שט אָנגענומען געוואָרען. אָבער די רייבונגען צווישען דער קאָמונע און דעם צענטראַל־קאָמיטעט האָבען ניט איינגעשטילט און האָבען צייטענווייז אָנגענומען די פאָרמע פון שאַרפע קאָנפליקטען.

איין טאָג קריגט די קאָמונע די וויטערדיגע אָפיציעלע מעל־דונג: „דער צענטראַל־קאָמיטעט שיקט זיין דעלעגאַט, גענעראַל קליוזערע, אין קריגס־קאָמיסיע, כדי צו רעאָרגאַניזירען די נאַציאָ־נאַלע גוואַרדיע אונטער דער השגחה פון קאָמיטעט". די פאַרזאַ־

מעלטע קאָמונאַרען זיינען געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט. מאַנכע מיטגלידער פון דער קאָמונע שלאָגען פאָר, מען זאָל דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין גאַנצען פאַנאַנדערגעלאָזען. אַ ר ט ו ר אַ ר נ ו פון דער קאָמונע פאָדערט, דער צענטראַל־קאָמיטעט זאָל ארעסטירט ווערען. די מיטגלידער פון דער קאָמונע, וועלכע האָבען באַלאַנגט צו דעם צענטראַל־קאָמיטעט, האָבען שפּעטער גע'פּועל'ט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט זאָל נעמען צוריק זיין מעלדונג, און גענעראַל קליוזערע זאָל זיך אָפּזאָגען פון זיינע שליחות. דער שאַרפער סכסוך איז ווידער אויף אַ געוויסער צייט איינגעשטילט געוואָרען.

ווען די קאָמונע האָט זיך קאָנסטיטואירט און האָט אָנגעפאַנגען צו פונקציאָנירען, האָבען אַ סך פון איהרע מיטגלידער שטאַרק מורא געקראָגען פאַר זייער הויט און האָבען רעזיגנירט. דאָס זיינען געווען די ראַדיקאַלע ליבעראַלען, וועלכע זיינען פריהער היגנעריסען געוואָרען מיט'ן שטראָם און האָבען שפּעטער געקראָגען „קאַלטע פיס". זיי האָבען אונטער פאַרשידענע אויסריידען געמאַכט פּליטה. . . אין זייערע דיסטריקטען זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען נייע וואַהלען.

גלייך פון אָנפאַנג האָט די קאָמונע אַרויסגעוויזען, אַז זי איז ריין פון שאָוועניסטישע מאָטיווען. זי האָט צווישען איהרע מיטגלידער אריינגענומען אַן „אויסלענדישען", לעאָ פראַנקעל, אַ באַוואוסטער מיטגליד פונ'ם אַנטערנאַציאָנאַל.

די עקאָנאָמישע דערלייכטערונגען, וואָס די קאָמונע האָט אויף איהרע ערשטע זיצונגען דורכגעפיהרט, זיינען געווען: אַ הנחה וועגען דירה־געלט, די לענדלאָרדס זאָלען ניט קאָנען רייסען דירה־געלד וויפיל זיי ווילען; די שכנים זאָלען דערווייל זיין פּטור פון אַלטע דירה־געלד, וואָס זיי האָבען ניט געצאָהלט. און די דעביטאָרס זאָלען ניט זיין מחויב צו צאָהלען צום טערמין זייערע חובות (מאָראַטאָריום) ביז יולי מאָנאַט, און נאָך אַזוינע דערווייליגע הנחות פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג.

איידער נאָך די קאָמונע האָט זיך באַפעסטיגט, און איידער זי האָט נאָך געהאַט די געלעגנהייט צוצוטרעטען צו איהרע גרויסע אַרבייטען, האָט טיער אָנגעפאַנגען איהר צו אונטערדריקען מיט זיינע בלוטיגע פויסטען. ווען די קאָמונע האָט זיך קאָנסטי־

טואירט, האט זיך ווערסאל באוואפענט. טיערס רעגירונג האט דערקלערט פאריז פאר אן עיר הנדחת און האט איהר אפגעשניטען פון דער איבעריגער פראנקרייך. פאריז איז בלאקאדירט געווארען, דאס מאל ניט פון דעם פרייסישען פרעמיער ביסמארק, נאר פון דעם פראנצויזישען פרעמיער טיער.

טיער, מיט דער הסכמה פון דער נאציאנאל־פארזאמלונג אין ווערסאל, האט דערקלערט קריג פאריז!

און דער גרויזאמער בלוטיגער בירגער־קריג — צווישען די פינ־סטערע רעאקציאנערען, קלעריקאלען, מאנארכיסטען, ליבעראלען און ראדיקאלען, וועלכע האבען געמאכט איין כנופיה, — פון איין זייט און צווישען די ארבייטער און מיט זיי מיטלויפענדע קליינ־בירגער — פון דער צווייטער זייט, — האט זיך אנגעהויבען.

די ערשטע קאָמונע־מאַרטירער אין דער פאַרלוי־רענער שלאַכט.

דעם דריטען אַפּריל האָט פּאַריז אָנגעהויבען צו רעגענען מיט גראַנאַטען. טיער׳ס „העלדישער" גענעראַל גאַליפע, וועלכער האָט זיך אַזוי בלאַמירט אין מעקסיקאָ און אין דער פראַנצויזישער מלחמה, האָט געזוכט צו ראַטעווען זיין רעפּוטאַציע דורך אַן אונערוואַרטעטען אָנפאַל אויף דער פאַריזער רעפּובליק.

פּאַריז איז באָמבאַדירט געוואָרען פון ווערסאַל. דער פּלוצ־לינגער אָנפאַל האָט ארויסגערופען א גוואַלדיגען שטורעם אין פּאַריז. עס ווערען אויפגעשטעלט באַריקאַדען. פון אַלע ווינקעלאַך האָט זיך געהערט דער געשריי: „קיין ווערסאַל! קיין ווערסאַל!" אפילו פרויען און קינדער האָבען פאָרגעשלאָגען זייערע לעבענס פאַר דער פאַרטיידיגונג פון פּאַריז קעגען די ווערסאַלער אָנ־גרייפער.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער קאָמונע האָט גלייך ארויס־געלאָזען א פּראָקלאַמאַציע: „די קעניגליכע בונטאָווטשיקעס זייי־נען אויף אונז אָנגעפאַלען. זיי האָבען אונז אַטאַקירט. אונזער חוב איז צו פאַרטיידיגען די גרויסע שטאָדט פון א פאַרברעכערי־שען אָנפאַל." עס ווערט דיסקוטירט די פראַגע, צי מען זאָל מאַ־כען אַן אַטאַקע אויף ווערסאַל אָדער ניט. דיואַוואַל, וועלכער איז געווען דער הויפּט פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט; בערזשערע, דער קאָמאַנדאַנט פון דעפּאַרטמענט און עד, א מיטגליד פון דער קריגס־קאָמיסיע, האָבען זיך ארויסגעזאָגט פאַר אַן אַטאַקע. טריי־דאָן, וואַיאַן און לעפראַנסע טרעטען ארויס קעגען אַן אַטאַקע. „מיר האָבען נאָך ניט — האָבען זיי געזאָגט — קיין רעגולערע אַרמיי, קיינע האַרמאַטען און קיינע גוטע קריגס־פיהרער. מיר מוזען זיין פאָרזיכטיג!" נאָך א היציגער דיסקוסיע ווערט באַשלאָסען צו מאַכען אַן אַטאַקע. קליוזערע איז באַשטימט געוואָרען צו זיין דער

הויפּט־קאָמאַנדיר. עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ באַפעהל זיך צו גרייטען צו דער אַטאַקע. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז די גאַנ־צע צייט געשטאַנען פאַר אַן אַטאַקע און האָט שוין געהייסען אַרויס־טרעטען, נאָך איידער די זיצונג פון דער קאָמונע האָט דאָס באַ־שלאָסען. אין דער אייגענער צייט האָט די קאָמונע באַשלאָסען מבטל צו זיין דעם רעליגיאָנס בודזשעט און איבערצוגעבען טיער, זשול פּאַוור און קאָמפּ. צום געריכט און אָפּנעמען פון זיי זייער אייגענטום. אַנשטאַט זיך מישב צו זיין, ווי זיך צו פאַרטיידיגען און ווי בעסער צו אָרגאַניזירען דאָס מיליטער, האָט מען זיך, אַ דאַנק מאַנכע היצקעפּ און סתם אַוואַנטוריסטען, וועלכע האָבען זיך, צום באַדויערען, אַריינגעכאַפּט אין דער קאָמונע, אָפּגעגעבען מיט קליינינגקייטען, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות מיט די ברענענדיגע פראַגען פון מאָמענט.

אין ראַטהויז האָבען זיך אַרומגעדרעהט פאַרשידענע פאַרדעכ־טיגע פאַרשוינען, געהיימע אַגענטען, שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָ־רען, וועלכע האָבען יעדעס וואָרט און יעדען באַשלוס אָפּגעטראָגען אין טיער׳ס הויפּט־קוואַרטיר, אין ווערסאַל. די קאָמונע האָט אַפילו באַשלאָסען אָנצונעמען געוויסע מיטלען און זעהן, אַז צו די זיצונגען זאָלען ניט צוגעלאָזען ווערען קיינע טונקעלע חברה׳־לייט, אָבער אין גאַנצען אויסהיטען זיך פון זיי איז געווען אומ־מעגליך. ווערסאַל האָט גלייך געוואוסט פון די פאַרבערייטונ־גען, פון די קאָמאַנדירען, פון די פּאָזיציעס און פון אַלע איינצעל־הייטען.

די אַטאַקע איז פון אָנהויב אָן געווען אַ פאַרשפּילטע. ווער־סאַל האָט געהאַט אַ דיסציפּלינירטע אַרמיי מיט אַלערליי אַמו־ניציע און די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט זיך ערשט די לעצטע מינוט אָנגעפאַנגען צוגרייטען. קיין ערפאַהרענע קאָמאַנדירען זיי־נען ניט געווען און דערצו נאָך פאַרראַט אויף יעדען טריט און שריט.

דער אַרויסטריט קעגען ווערסאַל האָט געהאַט אַ סך גרויסע, הויכע און שעהנע מאָמענטען. אמת׳ע אידעאַליסטען האָבען מיט גרויס העלדישקייט אָפּגעגעבען זייער לעבען פאַר דער זאַך. זיי האָבען זיך מיט פאַרגעניגען געשטעלט אין די פאָדערשטע רייהען

און האָבען ניט נעקוקט אויף די פאָלגען. איינינע קאָמאַנדירען זיינען געגאַנגען אין פּאַראויס און זיינען געשטאַנען אין רעכטען האָגעל פון די ווערסאַלער גראַנאַטען־שפּליטער. אָבער העלדיש־קייט אַליין איז דאָ געווען ווייניג. מען האָט דערצו נאָך באַדאַרפט האָבען תכסיסי מלחמה, אַמוניציע און פּראָוויאַנט. דאָס האָט גע־פעהלט. שפּיאָנען ווידער האָבען זיך אַריינגע׳גנב׳עט אין די באַ־טאַליאָנען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און האָבען מיט אַלער־ליי מיטלען געזוכט אַרויסצורופען אַ טומעל, אַ מישמאַש אין די רייהען. דאָס האָט זיך זיי אַ דאַנק דער ניט־ערפאַרענקייט פון די גוואַרדיסטען מאַנכמאָל איינגעגעבען.

די פריה־צייטיגע, ניט גוט אָרגאַניזירטע אַטאַקע איז דורכ־געפאַלען. די פּאַריזער גוואַרדיסטען זיינען דערביי אָפּגעגאַנגען מיט בלוט.

ביי דיזער טאַקע האָבען די קאָמונע און דער פּאַריזער פּראָלע־לעטאַריאַט פאַרלוירען צוויי פון זייערע בעסטע און איידעלסטע פיהרער און אָפּפערווילינגסטע קעמפער.

די קאָמונאַרען פלוראַנס און דיוואַל, וועלכע זיינען באַ־שטימט געוואָרען אַלס קאָמאַנדירען פון רעגימענטען, זיינען אויף אַ שווידערליכען, גרויזאַמען, אופן דערמאָרדעט געוואָרען פון טיער׳ס זשאַנדאַרמען.

פלוראַנס איז אַריינגעפאַלען אין ריועל. דיזער גרויסער אי־דעאַליסט און איבערגעגעבענער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט גע־שפּילט די הויפּט ראָליע דעם 31טען אָקטאָבער, ווען עס איז גע־מאַכט געוואָרען דער ערשטער פאַרזוך אָפּצונעמען די רעגירונגס־מאַכט פון דער פּראָוויזאָרישער פאַרטיידיגונגס רעגירונג, האָט ווי עס שיינט, געהאַט אַ פאָרגעפיהל, אז זיין טויט איז נאָהנט.

נאָך דעם 18טען מערץ, ווען זיין לעבענס־אידעע האָט אָנ־געפאַנגען פאַרווירקליכט צו ווערען, איז פלוראַנס געוואָרען אַזוי ווי מרה־שחורה׳דיג. ער פלעגט ווייניג ריידען, אַרומגעהן פאַר־טראַכט, מיט אַן אומעטיג פּנים.

ער איז געווען זעהר דרייסט, אונדערשראָקען און איז געגאַנ־גען אין פאָראויס פון זיינע באַטאַליאָנען. ווען די ווערסאַלער האָבען שטאַרק בעשאָסען, איז זיין אַרמיי ניט געווען אימשטאַנד

זיך אנטקעגן צושטעלן, און האָט אפּגעטראַטן פאר דעם פיעל־שטאַרקערן שונא. פלוראנס אליין האָט אָבער ניט געוואָלט אנטלויפען. ער איז ארונטער פון זיין פערד און איז זיך געגאנגען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויפ'ן ברעג פון טייך סענא. מיט איהם צוזאמען איז געגאנגען זיינער אַן אַלטער חבר, א מוטיגער און אידעאלער איטאליענער, ציפריאני. ציפריאני, וואָס איז געווען איבערגעגעבען צו פלוראנס'ען מיט ליב און נשמה, האָט זיך געבעטען ביי איהם, ער זאָל זיין פאָרזיכטיג און זיך היטען. פלוראנס האָט געשוויגען און ניט געענטפערט. א מידער, א צובראָכענער, אָהן כח, איז פלוראנס אנידערגעפאלען און אנטשלאָפען געווארען. ציפריאני האָט באמערקט, אז ניט ווייט געפינט זיך א קליין הייזעל. ער האָט דאָרטען געדונגען א צימער און האָט אריבערגעטראָגען אהין זיין פריינד און חבר. פלוראנס האָט ארונטערגענומען זיין שווערט, רעוואָלווער און זיין קעפּ און האָט זיך אריינגעוואָרפען אין בעט. אימעצער פון טיער'ס שפּיאָנען האָט גע'מסר'ט און פערציג זשאנדארמען האָבען ארומגערינגעלט דאָס הייזעל, וואו פלוראנס און ציפריאני זיינען געווען. ציפריאני האָט זיך געוואָלט פארטיידיגען און איז גלייך גע'הרג'עט געווארען. פלוראנס'ען האָבען די זשאנדארמען דערקענט צו ליב א דעפּעשע, וואָס זיי האָבען ביי איהם געפונען. זיי האָבען איהם אוועקגעפיהרט אויפ'ן ברעג טייך. פלוראנס, ניט ריידענדיג קיין איין וואָרט, האָט זיך אנידערגעשטעלט מיט א בלויזען קאָפּ און מיט די הענד אויפ'ן הארצען, ווארטענדיג אויף זיין אורטייל. א זשאנדארמסקער קאפּיטאן איז צו איהם צוגעלאָפען און ווי א ווילדע, בלוטדורשטיגע בעסטיע, צושפּאָלטען מיט א שווערד פלוראנס' קאָפּ אין צוויי העלפטען. שפּעטער האָט זיך די חיה אין מענשען־געשטאלט באריהמט, אז פלוראנס' מח איז געפאלען אויף איהרע ביידע פלייצעס און האָבען אויסגעזעהן ווי עפּאָלעטען. . .

ציפריאני, וועלכער האָט נאָך געאָטעמט, איז צוזאמען מיט זיין טויטען פריינד אריינגעשליידערט געוואָרען אין א קליין מיסטוועגעל, אָפּגעפיהרט געווארען קיין ווערסאל, וואו די ווייבער און די געליבטע פון די אָפיצערען זיינען געקומען קוקען אויף די ערש־

טע קדושים פון דער קאָמונע, ווי אויף א שפאס, ווי אויף א בי־ליגען ספעקטאקעל.

אזוי איז דערמאָרדעט געוואָרען דער גרויסער רעוואָלוציאָ־נער, דער גרויסער מענשענפריינד, וועלכער האָט זיין שעהן לע־בען געאָפפערט אויפ'ן מזבח פון זיין ליבע צו די אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע.

פון א ליבלינג איז פלוראנס געוואָרען א קדוש פון דער רעוואָלוציע! . .

דער צווייטער פון די ערשטע גרויסע קאָמונע־מארטירער, דער שווייגעדיגער דיואוואל, איז נאָך דעם 18טען מערץ געוואָרען, אין געגענזאץ צו פלוראנס, לעבעדיג, ריידעוודיג. ער האָט קאָ־מאנדירט מיט דעם לינקען פליגעל פון דער נאציאָנאלער גוואר־דיע. אין אָנפאנג האָט זיך אויסגעוויזען, אז די ווערסאלער אר־מיי איז פון דיואוואל באזיגט געוואָרען. אָבער עס האָט ניט לאנג געדויערט און דער ביטערער אמת איז פאר אלעמען געוואָרען קלאָהר. דיואוואל'ס סאָלדאטען האָבען אָנגעפאנגען צו פארלאָזען דעם פראָנט און וויפיל ער האָט זיך ביי זיי ניט געבעטען, האָט ער ניט געקאָנט פועל'ן, זיי זאָלען בלייבען אויף זייערע פלעצער און פיהרען א מלחמה אָהן ברויט, אָהן פלינטען און ביקסען, אָהן האר־מאטען און אנדערע קריגס געוועהר.

דיואוואל אליין האָט אָבער זיין פאָסטען ניט פארלאָזען. ווי אַן אמת'ער העלד איז ער געשטאנען אונערשראָקען אויף דעם פלאץ, וועלכען די קאָמונע האָט איהם באשטימט.

דעם 4טען אפריל, פינף אוהר, איז דיואוואל, מיט א הייפעל גוואַרדיסטען, ארומגערינגעלט געוואָרען פון א ווערסאלער בריגא־דע. דער גענעראל פון דער בריגאדע האָט אויסגעשריען: „גיט זיך אונטער! דעמאָלט וועט איהר ניט געטויט ווערען!" די גוואַרדיסטען האָבען זיך אונטערגעגעבען. די ווילדע ווערסאלער האָבען, ניט קוקענדיג אויף דעם גענעראל'ס פארשפרעכען, א סך גוואַרדיסטען אויפ'ן שטעל דערשאָסען. די איבעריגע האָט מען גענומען אין געפאנגענשאפט, און זיי אוועקגעשיקט קיין ווערסאל. די אָפיצערען פון די גוואַרדיסטען זיינען מיט בלויזע קעפ און מיט צעריסענע עפּאָלעטען געגאנגען אין פאָראויס פון די סאָלדאַ־

טען. אין פטי־ביסעטר האט זיי באגעגענט דער אונז שוין באַ־קאנטער גענעראל ווענוא, וועלכער האט קאפיטולירט פאריז פאר די פרייסען. גלייך ווי ער האט דערזעהן די געפאנגענע גוואר־דיסטען, האט ער געגעבען א באפעהל זיי צו דערשיסען. דער הויפט פון דער ראַטע האט איהם געזאגט, אז דער גענעראל, וועל־כער האט זיי געכאפט, האט פארשפראָכען זיי ניט צו הרג'ענען.

ווינוא טרעט ארויס און טוט א פרעג: „ווער איז זייער עלט־סטער, זייער קאָמאנדאנט?" דיואוואל רופט זיך גלייך אָפּ מיט א דרייסטער שטים: „דאס בין איך זייער קאָמאנדיר!" „און איך בין דער שעף פון דיואוואל'ס שטאב", האט דערקלערט דיואוואל'ס א חבר.

„איהר זייט גרויסע אויסוואורפען!" שרייט אויס צו זיי ווינוא און וועגדענדיג זיך צו זיינע אָפיצערען, האט ער באפוילען צו דערשיסען דיואוואל'ן און זיינע העלפערס.

דיואוואל און זיינע חברים, אלס שטאָלצע רעוואָלוציאָנערען, האָבען געהאלטען פאר א פחיתת הכבוד זיך צו פארטיידינגען. זיי זיינען אריבער אויפ'ן צווייטען זייט פון גראָבען, האבע זיך צוגע־בויגט צום וואנד און ארומנעמענדיג זיך, האבען זיי אלע מיט אמאל אויסגערופען: „לאנג לעבען זאל די קאָמונע!"

און איידער זיי האָבען נאָך געענדיגט דעם אויסרוף, זיינען זיי געפאלען טויט פון די תליונים'ס קוילען. . .

איינער פון די „כראברע" מערדער האט ארונטערגעצויגען פון דיואוואל די שטיוועל און האט זיי מיט זיך גענומען אויף די פליי־צעס אלס א זיג־צייכען צום אנדענקען. . . א צווייטער, דער רע־דאקטאָר פון דער „פיגארא", האט מיט זיך גענומען דעם צור־בלוטיגטען קראגען פון דיואוואל צום אנדענקען.

ווינוא איז צוריק געוואָרען א העלד. ער האט באוויזען, אז ער קאָן דערשיסען אומבאוואפענטע געפאנגענע! . .

דער קלאסען־קאמף האט זיך דאָ ארויסגעוויזען פיעל גרויזא־מער, ווי א מלחמה פון צוויי שטאטען. עס איז א מנהג, אז די מלחמה געפאנגענע ווערען ניט דער'הרג'עט, אבער די געפאנגע־נע פונ'ם פראָלעטאריאט זיינען פון דער בורזשואזיע מיט אזוי פיעל אכזריות דערשאָסען געוואָרען!

די איבעריגע געפאנגענע פון דיואוואל'ס באטאליאנען זיי־נען געפיהרט געווארען אין ווערסאל. זיי האט מיט א מינע פון זיגער באגעגענט אן ערב רב פון טשינאוואניקעס, פוסט און פאסט־ניקעס, פראסטיטוטקעס און סתם ווייסע חברה'ניקעס. די גאנצע באנדע האט זיך ארויפגעווארפען אויף די געפאנגענע מיט אלער־ליי שמוציגע זידעל ווערטער און נאך דערביי צעיושעטערהייט גע־שריען: „טויטען זיי, אט די מערדער! אויף דער גילאטין".

צווישען די געפאנגענע געפעהרליכע „מערדער" איז אויך געוועזן דער באוואוסטער עליזע רעקליו, וועלכער איז געפאנגען גע־ווארען צוזאמען מיט דיואוואל.

די געפאנגענע האט מען אריינגעווארפען אין א שטאל און שפעטער האט מען זיי אין פערד וואגאנעס אוועקגעשיקט קיין ברעסט.

די רציחות פון טיער'ס גענעראלען און סאלדאטען האבען די קאמונע ניט אפגעשוואכט. פארקעהרט. זיי האבען רעוואלוציא־ניזירט א סך גלייכגילטיגע. דער טויט פון די באליבטע פיהרער, פלוראנס און דיואוואל, האט געמאכט א גוואלדיג טיפען איינדרוק אין פאריז. זייער הייליגע בלוט האט געקאכט פון דער ערד און געפאדערט נקמה.

„אויג פאר אויג", „צאהן פאר א צאהן", „לעבען פאר א לע־בען". און דאס פאלק האט געשווארען טרייקייט צו דער רעווא־לוציע.

דער קאמונאר וואיאן האט גלייך דעם 4טען אפריל געפרעגט מיט וואס מען זאל ענטפערען אויף די ווערסאלער גרויזאמע רציחות. מען זאגט איהם, אז ס'זיינען פאראן משכנות, און מיט די משכנות וועט מען זיך אפרעכענען פאר די אומזיסט פאר־גאסענע בלוט. אויף מארגען האט דעלעקליוז אריינגעבראכט א פראיעקט, וואס איז איינשטימיג אנגענומען געווארען, דאס יעט־ווידער, וועלכער איז אין חשד, אז ער האט א שייכות צו די ווער־סאלער רציחות, זאל אין פארלויף פון 48 שעה גע'משפט ווערען. פאר יעדע הריגה אין ווערסאל האט די קאמונע באשלאסען צו טויטען דריי מאל אזוי פיל פון דער קאנטער־רעוואלוציע.

אזא באשלוס, הגם ער איז געמאכט געווארען מעהר מיט דער

כונה אָפּצושרעקען, איז שטארק אויסגענוצט געוואָרען פון די וועלר־סאַלער מאַכט־האָבער.

ביי זיך האָבען זיי געוואוסט, אז פון ז י י ע ר רעאקציאָנערען לאַגער זיינען וויניג געבליבען אין פּאריז, און זייער שייקע וועט וויניג וואָס וועה טאָן דער באשלום, אָבער אַלס א מיטעל נאָך מעהר אונטערצוהעצען קעגען דער קאָמונע, נאָך מעהר צו רייצען די בלוטיגע אינסטינקטען פון אַלערליי שווארצע מאות, איז דער באשלום זיי געקומען צו דער האַנד.

* * *

דעם זעקסטען אפּריל איז פאָרגעקומען די לויה פון די, וועל־כע זיינען געפאַלען דעם דריטען. די קאָמונע האָט ארויסגעלאָ־זען אַן אויפרוף צו דער פּאריזער באַפעלקערונג צו קומען אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד די געפאַלענע חברים.

אויף דער לויה האָט מען געקאָנט זעהן, אז די נידערלאַגע פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָט ניט אָפּהענדיג געמאַכט, נאָר, פאַרקעהרט, האָט ארויסגערופען א געפיהל פון נקמה און פאַר־שטארקט דעם רעוואָלוציאָנערען מוט און גלויבען.

די הרוגים זיינען געלעגען אין א האָספּיטאַל אויף א מטה מיט אָפענע געזיכטער. אין דריי ארונות זיינען געלעגען צו 35 דער׳הרג׳עטע. די ארונות זיינען געווען איינגעדעקט מיט שווארצע טיכער און באַצירט מיט רויטע פאָהנען. צו דער לויה זיינען גע־קומען צוויי הונדערט טויזענד מענשען. די פרויען און מוטערס פון די הרוגים האָבען ניט געוויינט, נאָר זיי האָבען ארויסגעלאָזען א קללה — א קללה פון בלוט און טרערען, וואָס האָט זיך ארויס־געריסען פון זייערע צעוועהטאָגטע הערצער און פאַרביטערטע נשמות.

נקמה האָבען זיי געשוואָרען. נקמה פאַר די אַלע יסורים, וואָס די ווערסאַלער קליקע מיט דער הילף פון אַלע שווארצע כחות אין לאַנד האָבען זיי פאַראורזאַכט.

די לויה האָט זיך לאַנגזאַם און רוהיג באַוועגט איבער אַלע גרויסע בולווארען און האָט געמאַכט א גוואַלדיגען רושם. פאַר׳ן ערשטען ארון איז געגאַנגען דעלעקליוז און נאָך פינף מיטגלידער פון דער קאָמונע. די קאָמונארען האָבען באַגלייט זייערע טויטע

חברים מיט בלויזע קעפּ, ארומגעוויקעלט מיט רויטע שלייפען. נאך זיי זיינען געגאנגען די קרובים פון די קרבנות. צעהנדליגע טויזענדע מענער, פרויען און קינדער מיט טרויער־צייכענס האָבען זיך פאמעלאך באוועגט מיט גלייכע שריט אונטער די קלעפּ פון'ם טויבען באראבאן. פון צייט צו צייט האָבען זיך געהערט הארצרייסענדע און נשמה־קלעמענדע שטילע מוזיקאלישע טענער. דאָס זיינען געוועזן טיפע זיפצען, וועלכע האָבען הארמאָניזירט מיט דעם טיפען אינערליכען שמערץ.

דער זייטיגער עולם האָט שרעקליך געוויינט. פיעל זיינען געפאלען אין חלשות. „דער הייליגער וועג פון דער רעוואָלוציע — זאָגט ליסאגארע — אויף וועלכען עס איז שוין געוועזן אזוי פיל שמחות און אבילות, האָט זעלטען געזעהן אזא טרויער פראצעסיע."

אויפ'ן בית עולם פער־לאשעז איז דעלעקליוז צוגעגאנגען צו דעם ברידערליכען קבר. די טורמעס און יאָהרען־לאנגע פארפאָלגונגען האָבען אונטערגעגראָבען זיין געזונד. זיין געזיכט איז געווען בארעקט מיט קנייטשען. איינגעהויקערט, קראנק, צעבראכען, האָט דעלעקליוז געלעבט בלויז מיט זיין שטארקען, פעסטען גלויבען אין דער צוקונפט פון דער מענשהייט. פאר זיך אליין האָט ער ווייניג וואָס האָפנונג געהאט. . . אָט דער וועטעראן פון דער רעוואָלוציע, וועלכער איז שפּעטער אויך געווארען איינער פון די הייליגסטע מארטירער, האָט געמאכט דעם הספד. זיין שטים איז געווען הייזעריג, אָבער זיינע ווערטער האָבען געפונען א טיפען אָפּקלאנג אין די הערצער פון די פארזאמעלטע: „איך וועל ניט האלטען קיינע לאנגע רעדעס. . . זיי זיינען אונז געווען צו טייער, מען זאָל קאָנען אויסדריקען דעם וועהטאג דורך ווערטער. . . איך פאָדער גערעכטיגקייט צו די פאמיליען פון די געפאלענע קרבנות. . . גערעכטיגקייט צו דער גרויסער שטאָדט, וועלכע קאָן נאָך האלטען אין איהרע הענד, נאָך א פינף מאָנאטיגער באלאגערונג און פארראַט פון איהר אייגענער רעגירונג, די מענשליכע צוקונפט. . . לאָמיר ניט וויינען איבער אונזערע אזוי העלדיש געפאלענע ברידער. לאָמיר זיך געבען א שבועה, אז מיר וועלען פארטזעצען זייער זאך פאר דער פרייהייט, קאָמונע און דער רעפּובליק."

דעלעקליוז האָט, ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן, זיין שבועה טריי אויסגעפיהרט.*)

דעלעקליוז איז געוועזן איינע פון די שעהנסטע פּערזענליכקייטען אין דער קאָמונע. ער האָט באַלאַנגט צו יענעם טיפּ העלדען, וועלכע גיבען זיך אין גאנצען איבער צו דער אידעע. דעלעקליוז האָט אָפּגעגעבען זיין געזונד, זיין הארץ, זיין נשמה, זיין גאנצען „איך" צו דער רעוואָלוציאנערער באוועגונג, וואָס האָט אָנגענומען די פאָרמע פון דער קאָמונע. פאר זיך אליין, פאר זיין אייגענער באקוועמליכקייט, האָט ער גאָר ניט איבערגעלאָזען. אין זיין גאנצער קאריערע איז ניט געווען אָנצואווייזען אויף איין סרכא, אויף איין אומריינעם פינטעל. ער איז געוועזן אָהן א ברעקעל מום און ער האָט זיך טאקי געבראכט פאר א קרבן עולה אויפ'ן מזבח פון זיין אידעאל. דעלעקליוז איז גרוי געוואָרען אין דער באוועגונג. די באוועגונג איז געוועזן זיין סביבה, וואו ער האָט געלעבט און געאָטעמט. אין דער באוועגונג האָט ער געהאט אלץ, אויסער איהר — גאָר נישט.

דעלעקליוז האָט זיך מוסר נפש געוועזן פאר דער קאָמונע און אויף זיין מסירת נפש האָט ער ניט געקוקט, ווי אויף א העלדישקייט, פאר וועלכער מען באדארף באלוינען, נאָר ווי אויף א חוב, וואס ער איז שולדיג דעם אונטערדריקטען און גע'רודפ'טען פאָלק, וועמען ער האָט געליבט ערנסט, ריין, אָהן שום פניות, מיט אלע זיינע אברים און מיט אלע פיברען פון זיין נשמה.

---

*) זעה ווייטערדיגען קאפּיטעל: די קדושים פון דער קאָמונע. — א. ש. ז.

פאַריזער פרויען און קינדער אינ'ם קאַמף פאַר דער קאָמונע.

א גרויסע און א שעהנע ראָליע אין דער פאַריזער קאָמונע האָבען געשפּילט די פרויען און קינדער פון די ארבייטער. מיט א קנאַפּען באַגריף, נאָך קנאַפּער ווי די מענער, מכח די צילען און די אויפגאבען פון דער רעוואָלוציע בכלל און דער קאָמונע בפרט, האָבען אָבער די פרויען אינסטינקטיוו געפיהלט, אז אין דעם זיג פון דער קאָמונע ליגט אויך זייער זיג, אז זייער מזל אלס ארבייטער־פרויען איז ענג פאַרבונדען מיט דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה, וואָס קומט פאַר צווישען פאַריז און ווערסאַל. זיי האָבען זיך דאַריבער אריינגעוואָרפען אין דער מלחמה מיט א גוואַלדיגען ענטוזיאזם. זיי האָבען ניט נאָר ניט געשטערט זייערע מענער, נאָר האָבען זיי אריינגעגעבען מעהר מוט, מעהר באַגייסטערונג.

די פרויען האָבען געהאָלפען בויען די באַריקאַדען, האָבען געטראָגען ציגעל און שטיינער שטאַרקער צו מאַכען די פעסטונגען פונ'ם פאַריזער ארביימער קלאַס. די פאַריזער פרויען האָבען אין דעם קאַמף פאַר דער קאָמונע ארויסגעוויזען אזוי פיל העלדישקייט, אזוי פיל איבערגעבענהייט, דאָס די שעהנע היסטאָרישע זייטען, וואו אָט די צייט ווערט באַשריבען, זיינען געוואָרען דורך דעם פילפאַרביגער. די פרויען האָבען צוגעגעבען דער קאָמונע פיל שטריכען, פיל ניואַנסען, פיל ליכטיגע זייטען און דאָס היסטאָרישע בילד קומט צוליב דעם ארויס מיט מעהר פראַכט און גלאַנץ, בולט'ער, האַרמאָנישער, עפעקטפולער.

אָט ווי אַן אַנטיילנעמער, אָדער בייגעוועזענער עדות שילדערט די פאַריזער פרוי פון דער קאָמונע צייט: . . עס געהט א קאָמאַנדיר אין צעריסענע, אָפּגעטראָגענע, פאַרשטויבטע קליידער מיט אָפּגעבליאַקעוועטע גאַלונען. נאָך איהם מאַרשירען מענשען פון יונגען דור מיט געדיכטע האָר, און עלטערע מיט גרויע קעפּ.

דאָס זיינען געווען די וועטעראַנען פון די יוני־טעג — די קינדער פון דער אידעע. ניט זעלטען האָט א זוהן מאַרשירט צוזאַמען מיט'ן פאָטער.

די פרוי באַגריסט און באַגלייט די סאָלדאַטען. דאָס איז געווען די אויסגעהאָרעוועטע, אָפּגעשוואַכטע, האַלב הונגעריגע, עהרליכע ארבייטער טאָכטער פון פּאַריז. די צעלאָזענע פרויען האָבען פאַרלאָזען פּאַריז צוזאַמען מיט זייערע אַלפאָנזען, וועלכע האָבען זיך צוגעטוליעט צו די מאָנאַרכיסטען און דער גאַנצער ווער־סאַלער כאַלאַסטרע. די, וועלכע איז אָט דאָ ארוים אויפ'ן גאַס צו באַגריסען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, איז געווען א שטאַרקע, אָפּ־פערוויליגע, טיף ליידענדע פרוי, וועלכע קאָן ליבען און קאָן אויך שטאַרבען. א שותף צו דער אַרבייט, האָט די פרוי אויך געוואָלט זיין א שותף צום טויט."

„אייערע פרויען — האָט זיך אמאָל געווענדעט א גוואַרדיסט צו א באַטאַליאָן פון דער בורזשואַזער אַרמיי — אייערע פרויען באַגיסען זיך מיט טרערען, אָבער אונזערע פרויען וויינען ניט."

די פּאַריזער ארבייטער פרוי האָט ניט אָפּגעהאַלטען איהר מאַן פון צו געהן אין מלחמה קעגען דער בורזשואַזיע, נאָר פאַרקעהרט, האָט איהם נאָך אונטערגעהאָלפען. זי האָט איהם גע־בראַכט אין די טרענטשעס זופּ, וועש, פּונקט ווי דער מאַן וואָלט געווען אויף דער אַרבייט. א סך פרויען האָבען ניט געוואָלט פּאַר־לאָזען די טרענטשעס און האָבען מיט וואַפען אין די הענד גע־קעמפּט זייט ביי זייט מיט זייערע מענער. די קרעמערקעס האָ־בען זיך אָנגעטאָן אין אַרבייטער קליידער. דעם דריטען אַפּריל איז א פּאַריזער פרוי מיט'ן נאָמען לאַשעז געשטאַנען אויפ'ן שלאַכטפעלד אונטער א האָגעל פון קוילען און האָט איינע אליין, אָהן דאָקטוירים, א גאַנצען טאָג געהאָלפען די געפאַלענע קאָמו־נאַרען.

די פרויען האָבען גאַנץ אָפט אַפּעלירט צו די מענער, זיי זאָ־לען זיך אָפּפערען פאַר דער אידעע. אין איין „מעריי" האָט א גרופּע פרויען ארויסגעלאָזען א פּראָקלאַמאַציע מיט די ווערטער: „מען מוז ענטוועדער זיגען אָדער שטאַרבען. ווייסט זשע, אָט איהר, וועלכע פרויען, וואס וועל איך האבען פון דעם זיג פון אונזערע

פרינציפען, אז איך וועל פארלירען מיין געליבטען. . . ווייסט־זשע, אז דער איינציגער מיטעל צו ראטעווען די יעניגע, וועלכע זיינען אונז טייער, איז . . . זיי העלפען אינ׳ם קאמף . . . די זעלביגע פרויען האבען פארגעשלאגען דער קאמונע זייער הילף, האבען גע־בעטען וואפען און האבען פארלאנגט, מען זאל זיי שטעלען אויף די געפעהרליכסטע פאזיציעס. „מיין הארץ האט געבלוטעט — שרייבט א פאריזער פרוי — ווען איך האב דערהערט, אז אין מלחמה געהען בלויז די, וועלכע ו ו י ל ע ן געהן . . מיין הארץ ציטערט, ווען איך דערמאן זיך, אז די שוואכקייט פון די קאמו־נע מיטגלידער קאן פיהרען צום דורכפאל פון אונזערע פלענער אויף דער צוקונפט.״

— אט געהט א פרוי — דערצעהלט איינער — נאך דעם ארון, וואו עס ליגט דער טויטער קערפער פון איהר מאן, וועלכער איז געפאלען א קרבן פאר דער הייליגער זאך. אימיצער פון די מיטגלידער פון דער קאמונע געהט אויך הינטער׳ן ארון. דער קא־מונאר מאכט א הספד אויפ׳ן בית עולם אויף דעם געפאלענעם מאן און פאטער. אין דעם הספד הערען זיך טענער פון האפענונג און פון נקמה. די אלמנה דריקט צו צום הארצען איהרע קינדער און זאגט זיי: „געדיינקט, קינדערלאך, און שרייט אוים צוזא־מען מיט מיר: „לעבען זאל די רעפובליק! לעבען זאל די קאמונע!״

דאס איז געווען די פרוי פון א לייטענאנט אין דער נאציא־נאלער גווארדיע.

די באוואוסטע שריפטשטעלערין אנדרע ליא האט זיך גע־ווענדעט צו די דעלעגאטען פון דער קריגס־קאמיסיע, זיי זאלען אויסנוצען „דעם הייליגען פייער, וואס פלאמט אין די הערצער פון די פרויען...״

ווי אין אלע פרייהייטס באוועגונגען פאר די לעצטע 150 יאהר, האט אויך אין דער קאמונע גערינט אלס ביישפיעל פון העלדישקייט און זעלבסטלאזינקייט א רוסישע פרוי, וועמען אלע האבען געקענט אונטער׳ן נאמען „דמיטריעווא״. דמיטריעווא איז געווען יונג, שעהן, פון א רייכער, באוואוסטער אדעליגער פא־מיליע. זי איז געגאנגען אין פייער צוליב דער קאמונע. זי

איז געווען אויף די פראָנטען א בארעמהערציגע שוועסטער פאר די פארוואונדעטע, א מוטער פאר די יתומים און א טרייסט פאר די אלמנות. זי האָט באַלאַנגט צו דעם טיפּ פון סאָפיא פּעראָווסקאיא, וויערא זאסוליטש און אנדערע פון זייער גלייכען, וועלכע זיינען געווען קאפּאבעל אָפּצוגעבען אַלץ אין דער וועלט, זייער רייכקייט, יוגענד, שעהנקייט פאַר דער רעוואָלוציע.

צווישען די העלדישע פרויען האָט זיך אויך אויסגעצייכענט די באַוואוסטע אַנארכיסטקע לואיזע מישעל, וואָס איז דעמאָלט געווען א לעהרערין אין 17טען דיסטריקט פון פאריז.

דאָס איידעל, גרוים הארץ פון לואיזע מישעל, איהרע גרויסע טאַטען און איהר גאַנצעס באַנעהמען זיך צו דער קאָמונע, וועלען אויף אייביג בלייבען אַלס שעהנע, גרויסע מאָנומענטען פונ׳ם העלדישען קאמף פאר פרייהייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַריז אין 1871.

א צערטליכע ליבענדע מוטער פון קליינע קינדער איז לואיזע מישעל געוואָרען שטארק ווי א לעמפערט, אונערשראָקען, פול מיט גבורה, אויב נאָר די אינטערעסען פון פאָלק האָבען דאָס פארלאַנגט.

זי איז ארומגעגאַנגען ארום די פארוואונדעטע, האָט זיי געטראָגען, געהאָלפען, געגעבען עסען און טרינקען, זיי געטרייסט און געמונטערט, ניט קוקענדיג וואָס ארום איהר האָבען יעדע מינוט געפּלאַצט גראַנאַטען.

די פארוואונדעטע האָבען פארגעטערט אַזוינע פרויען ווי לואיזע מישעל, דמיטריעווא און לאַשעז. די אויסגעלאָשענע בליקען פון די שטארבענדע קאָמונארען פלעגען אָנפאַנגען צוריק צו לייכטען, ווען צו זייער בעט פלעגט צוגעהן איינע פון די דערמאָנטע העלדישע פרויען. די ווארעמע טרייסט-ווערטער פלעגען זיין ווי א באַלזאַם צו זייערע וואונדען און האָבען קיין חרטה ניט געהאַט פאר די קרבנות, וואָס זיי האָבען געבראַכט אויפ׳ן מזבח פונ׳ם קאמף פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט.

ניט קיין קלענערע העלדישקייט האָבען ארויסגעוויזען די קינדער.

איינמאָל האָבען די ברוטאַלע ווערסאַלער סאָלדאַטען פאר־

כאַפּט 660 קינדער און האָבן זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט. פיל קינדער זיינען געפאַלן אויף די גאַסן פון דעם שונא׳ס קוילן. די אַטמאָספערע איז געווען אַזוי פול מיט באַגייסטע־רונג און אָפּפערווילינקייט, אַז די קינדער האָבן זיך געריסן צו געהן אויפ׳ן פראָנט און קעמפן זייט ביי זייט מיט זייערע מו־טערס און פאָטערס. די קינדער פלעגן אַרויסווייזן גרויסע גבורות אין די פעסטונגען, ביי די האַרמאַטן און אויף די באַ־ריקאַדן.

א ווערסאַלער רעגימענט האָט אמאָל געכאַפּט א צוועלף יאָה־ריגען אינגעל, וועלכער איז געשטאַנען אין רעכטען פייער צוזאַמען מיט די עלטערע קאָמונאַרען. די ווערסאַלער סאָלדאַטען האָבן איהם גלייך געוואָלט טויטען. דער אינגעל בעט זיך ביי זיינע תליונים... אבער ניט זיי זאָלען אויף איהם רחמנות האָבען און לאָזען לעבען. ניין! דאָס האָט ניט געפּאַסט פאַר א קאָמונאַר. ער האָט מיט א קינדישער נאַאיוויטעט געבעטען, זיי זאָלען איהם לאָזען פריהער אָפּגעבען זיין זילבערנעם זייגער זיין מוטער, זי זאָל האָבען פון איהם אַן אָנדענקונג.

קינדיש? געוויס! אָבער ווי שעהן! ווי גרויס!...

פאַר דער קאָמונע האָבען זיך מקריב געווען ניט איינציגע מענשען, ניט בלויז מענער, ניט בלויז פרויען און ניט בלויז קינ־דער, נאָר גאַנצע פאַמיליען זיינען מיט שמחה געגאַנגען אין מלחמה־פייער צו ראַטעווען די פרייהייט פון פּאַריז און די רע־פּובליק פון פראַנקרייך.

די קאָמונע ביי איהר ארבייט

די נידערלאַגע פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע דעם דריטען אפּריל האָט באַוויזען די קאָמונאַרען, אַז די רעוואָלוציאָנערע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, ווי זי איז איצט, איז צו שוואַך אויסצוהאַלטען די בלוטיגע אַטאַקעס פון ווערסאַל.

די גוואַרדיסטען זיינען טאַקע געווען זעהר באַגייסטערט פאַר די אידעאַלען פון דער קאָמונע, אָבער מיט באַגייסטערונג אַליין איז שווער בייצוקומען אַ באַוואָפענטע, גוט דיסציפּלינירטער אַרמיי. דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָט געפעהלט אַמוניציע, דיסציפּלין און גוטע קאָמאַנדירען.

די ברייטע קליינבירגערליכע מאַסען האָבען סימפּאַטיזירט מיט דער קאָמונע. אפילו צווישען די רייכערע קלאַסען זיינען געווען אַזוינע, וועלכע האָבען געזוכט צו מאַכען אַ פּשרה צווישען ווערסאַל און פּאַריז. זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלערליי מיטלען צו ענדיגען דעם בלוטיגען בירגער־קריג. ביי דער קאָמונע האָט מען דאָס גע׳פּועל׳ט. זי וואָלט איינגעגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסען, אָבער טיער און זיין חברותא האָבען באַשלאָסען זיך נוקם צו זיין אָן די רעוואָלוציאָנערען אָהן שום רחמנות.

די אָפיציעלע ידיעות פון ווערסאַל זיינען געווען פאַבריצירטע, פול מיט גיפטיגע ליגענס, מיט ניט־געשטויגענע און ניט־געפלויגענע מעשות וועגען די ברוטאַליטעטען פון די קאָמונאַרען. אַ קאַמפּאַניע פון רכילות און שקרים האָט סיסטעמאַטיש געהעצט קעגען פּאַריז.

לואי באָנאָפּאַרט׳ס גענעראַלען, וועלכע זיינען אַזוי מיאוס דורכגעפאַלען ביי סעדאַן און מעץ, האָבען דאָ געפונען אַ גוטען מיטעל, ווי אַרויסצואווייזען זייער „העלדישקייט״. אום צו פאַרדעקען זייער פאַררעטערישע קאַפּיטולאַציע פון די גרעסטע פראַנצויזישע שטעדט, האָבען זיי זיך גענומען פאַר׳ן „אינערליכען

פּיינד", וועלכער האָט אויף דער ווערסאַלער קליקע געוואָרפען מעהר שרעק, ווי די פּרייסישע יונקערס.

דעם זעקסטען אפריל האָט טיער באַשטימט פאַר'ן הויפּט־קאָמאַנדיר איבער דער ווערסאַלער אַרמיי גענעראַל מאַק־מאַהאָן, דעם זעלביגען גענעראַל, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער מפּלה, וואָס די פראַנצויזישע אַרמיי האָט געהאַט ביי סעדאַן. אַנשטאָט צו ווערען געשטעלט אונטער אַ קריגס־געריכט, איז ער געוואָרען דער באַפעהלסהאבער איבער די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַרמייען. און אַ דאַנק אָט די „גבורות", וואָס מאַק־מאַהאָן האָט ארויסגעוויזען איבער די אָרעמע פאַריזער מאַסען, איז ער שפּעטער געוואָרען דער „רעטער" פון דער בורזשואַזער און פעאָדאַלער פראַנקרייך. אַלע רעאַקציאָנערען פון פאַרשידענע שאַ־טירונגען האָבען געקוקט אויף איהם, ווי אויף זייער משיח.

אַ סך אַנדערע גענעראַלען, וועלכע זיינען פאַרברעכעריש דורכגעפאַלען אויפ'ן פּרייסישען פראָנט, האָבען גערעטעוועט זייער „עהרע" מיט זייערע אכזריות'דיגע מעשים קעגען דער קאָמונע און דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

זיינען נאָך געווען וויניג די „אייגענע מענשען", האָט טיער געשיקט זיין משרת זשול פאַוור אַלס שליח צו ביסמאַרק'ען צו בעטען ביי איהם הילף. טיער'ס שליח האָט דאָס ביי ביסמאַרק'ען לייכט גע'פועל'ט. דער בלוט און אייזען קאַנצלער האָט פאַר־שטאַנען זיינע קלאַסען אינטערעסען. ער האָט געוואוסט, אַז אויב די קאָמונע זאָל בלייבען אין פּאַריז, קאָן דאָס האָבען אַ ווידער־קול אין בערלין. ער האָט דעריבער מסכים געווען אָפּצו־לאָזען זעכציג טויזענד געפאַנגענע פראַנצויזען, וועלכע זיינען באַ־נוצט געוואָרען צו פאַרשטאַרקען די ווערסאַלער אַרמיי קעגען פּאַריז.

גאַנץ פּאַריז איז געוואָרען אַרומגענומען מיט אַן אייזערנעם רינג, וואָס איז געשמידט געוואָרען פון טיער און ביסמאַרק'ען צו־זאַמען. ביידע בלוטיגע, גרויזאַמע מענשען, האָבען פאַרגעסען זייער פאַטריאָטיזם, אויפ'ן מזבח פון וועלכען זיי האָבען מקריב געווען אַזוי פיל צעהנדליגע טויזענדער מענשען און זיינען געוואָ־רען „אינטערנאַציאָנאַל". די בלוטיגסטע שונאים האָבען זיך

געגעבען איינער דעם אנדערען די הענט און האָבען געבילדעט איין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען בלאָק. אלע כחות פון דער רעאקציע האָבען זיך פאראייניגט קעגען פאריז, וואָס האָט געשטרעבט צו פרייהייט און אומאפהענגיגקייט.

און בעת אלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען האָבען צווישען זיך געמאכט יד אחת, האָבען צום גרויסען באדויערען די רעוואָלוציאָנערען זיך געהאמפערט און פאָלעמיזירט.

דער צענטראל־קאָמיטעט האָט געוואָלט האָבען די מאכט איבער די מיליטערישע ענינים; די קאָמונע האָט דאָס ניט געוואָלט. עס זיינען פארגעקומען שטארקע רייבונגען צווישען דעם צענטראל־קאָמיטעט און דער קאָמונע איבער יוריסדיקציע פראגען. צווישען די קאָמונע מיטגלידער גופא זיינען געווען מענשען מיט פארשידענע איבערצייגונגען און פון פארשידענע ריכטונגען. עס פלעגט גאנץ אָפט טרעפען, אז מען פלעגט דעבאטירען איבער פראגען, וועלכע האָבען ניט געהאט קיין דירעקטע שייכות צו די פאָדערונגען פון מאָמענט.

מיט טעאָרעטישע דיסקוסיעס און שעהנע רעדעס קאָן מען אָבער זיך ניט אנטקעגען שטעלען קעגען הארמאטען, וועלכע האָבען אָנגעפאנגען אלץ שטארקער און שטארקער צו דונערען און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס סוף כל סוף האָט ווערסאל מיליטעריש געזיגט איבער פאריז...

די דעבאטען האָבען גאנץ אָפט אָנגענומען א פערזענליכען כאראקטער. נאָך א נידערלאגע פלעגט איינער ווארפען די שולד אויפ׳ן צווייטען. באזונדערס האָט זיך אין דעם אויסגעצייכענט פעליקס פיא, וועלכער פלעגט אין א געפאהר ווארפען דעם גט אין פנים און רעזיגנירען. ער פלעגט אויך זעהר מיאוס אָנפאלען אויף די טרייעסטע קאָמונארען און זיי באשולדיגען אין פארראט. די אנדערע מיטגלידער האָבען איהם ניט געשאָנעוועט און פלעגען אויפדעקען זיינע ניט ריינע כונות.

— „מען טאָר זיך ניט אָפזאָגען פון אן אמט דעמאָלט, ווען ער ווערט געפערליך" — האָט א מיטגליד פון דער קאָמונע איין מאָל אויסגעשריען נאָך דעם, ווי פיא האָט געוואָלט רעזיגנירען, וויל ווערמאָרעל האָט איהם באליידיגט.

— „איצט איז א צייט, ווען מען קאן ניט אפטרעטען צוליב פערזענליכע מאטיווען" — האט דערקלערט דער אלטער דעלע־קליוז. „צי דען מיינט איהר, אז מיר זיינען מיט אלץ מסכים, וואס דא ווערט געטאן — האט ער ווייטער גע'מוסר'ט די יעניגע, וועלכע פלעגען זיך נאר עפעס באליידיגען. — מיר וועלען אבער שטעהן ביז'ן ענד און מיר וועלען ווייניג וואס זיך קימערען מיט דער בלאטע, וואס מען שליידערט אונז אין פנים. פערזענליך האב איך באשלאסען צו בלייבען אויף מיין פאסטען ביז דער לעצטער מינוט. און אויב אפילו מיר וועלען ניט זיגען, וועלען מיר אלץ בלייבען און זיך ניט אונטערגעבען. מיר וועלען שטארבען די לעצטע אויף די באריקאדען אדער אויף די טרעפ פונ'ם ראט־הויז".

דעלעקליוז'ס ווערטער פלעגען אלעמען בארוהיגען. אבער מחלוקת פלעגען דאך פארקומען דוקא דעמאלט, ווען אייניגקייט האט געזאלט זיין די שטארקסטע וואפען, וואס מען האט באדארפט ארויסשטעלען קעגען דעם פאראייניגטען אייזערנעם קאנטר־רע־וואלוציאנערען פראנט.

מאנכע מיטגלידער פון דער קאמונע זיינען געווען אין פרינ־ציפ דעמאקראטען. זיי פלעגען קוקען אויף יעדע זאך, אויף יעדען פארלאנג, אויף יעדער רעפארמע קרום אדער גלייך, אויף ווי ווייט זי שטימט מיט דער דעמאקראטיע. עס זיינען געווען ניט ווייניג מקפידים, וועלכע פלעגען אויפפאסען, אז א קוצו של יוד פון דעם פרינציפ זאל ניט חס וחלילה ווערען אנגעריהרט. אזוינע שטרענגע משגיחים אויף רעוואלוציאנערע כשרות האבען, אפשר ניט ווילענ־דיג, געשטערט די ארבייט פון דער קאמונע, וואס האט זיך גע־נויטיגט מעהר אין פראקטישע טוער, ווי אין חטאים זוכער.

עס פארשטעהט זיך, אז עס זיינען געווען אין דער קאמונע ניט ווייניג ערפאהרענע, פראקטישע מענשען. מאנכע זיינען גע־ווען אויסערגעוויינליך פעהיג. זיי האבען געפירט זייערע דעפאר־טאמענטס מיט גרויס שכל און שפארעוודיגקייט. ניט געקוקט, וואס א סך פון די פריהערדיגע באאמטע האבען סאבאטירט און באיקאטיר'ט די קאמונע און האבען אלע קאנצעלאריעס נאך דעם טען מערץ איבערגעלאזען אין א תוהו ובוהו צושטאנד, האבען

די קאָמונאַרען דאַך פאַרשטאַנען צו פירען די געשעפטען פון פּאַריז אַ סך בעסער, ווי די הויך געצאָלטע טשינאָווניקעס פון דער אימפעריע.

די ווערסאַלער רעגירונג האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט, אַבי די קאָמונע זאָל דורכפאַלען. זי האָט געהאַט איהרע שפּיאָנען אין אַ סך קאָמיסיעס פון דער קאָמונע. איהרע אַגענטען האָבען געזוכט צו דיסקרעדיטירען די קאָמונאַרען, זיי אונטער־שטעלען פּיסלאַך, אַבי עס זאָל זיך אַרויסווייזען, אַז זיי קאָנען ניט פירען קיין קהל׳שע ענינים.

דאָס האָט זיך איהר מאַנכעס מאָל איינגעגעבען. אָבער נאָר אין איינציגע פאַלען. בכלל האָבען די קאָמונאַרען, ווי שוין גע־זאָגט, אַרויסגעוויזען טאַלאַנט אויף זייערע נייע פאַראַנטוואָרט־ליכע עמטער.

אין אָנפאַנג האָט די קאָמונע געהאַט אויסגעקליבען אַן עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט, וואָס זאָל דורכפירען איהרע באַשלוסען. שפּע־טער, דעם 20טען אַפּריל, האָט די קאָמונע באַשלאָסען מבטל צו זיין דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און איינטיילען די גאַנצע אַרבייט אין ניין קאָמיסיעס. אויף דער שפּיץ פון די קאָמיסיעס זיינען געשטאַנען מיטגלידער פון דער קאָמונע. די קאָמיסיעס זיינען געווען:

1) אַ שפּייז־קאָמיסיע, וואָס האָט זיך געזאָרגט, די באַפעל־קערונג זאָל האָבען וואָס צו עסען. טיער האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אויסצוהונגערען פּאַריז. דער שפּייז־קאָמיסיע האָט זיך אָבער איינגעגעבען צו קריגען נאַהרונג פאַר די איינוואוינער פון פּאַריז און האָט צונישט געמאַכט טיער׳ס טייפעלשע פּלענער.

2) אַ שטאָדט־קאָמיסיע אויפצופאַסען אויף דער שטאָדט.

3) אַ פינאַנס־קאָמיסיע.

4) אַ קריגס־קאָמיסיע.

5) אַ קאָמיסיע פאַר דער געזעלשאַפטליכער זיכערקייט, אויפצופאַסען אויף דער אָרדנונג.

6) אַ קאָמיסיע פאַר די אויסלענדישע ענינים.

7) אַ בילדונגס־קאָמיסיע פאַר ערציהונג און אויפקלערונג.

8) אַ יוסטיץ־קאָמיסיע.

9) אַ קאָמיסיע פאַר אַרבייט און האַנדעל.

יעדע קאָמיסיע האָט געהאַט פאַרשידענע אָפּטיילונגען אונטער דער פירערשאַפט פון ערפאַהרענע מענשען, וועלכע האָבען פריהער געמוזט דורך אַן עקזאַמען (סיוויל סערוויס) באַווייזען, אַז זיי זיינען פעהיג צו זייער אַרבייט, וועלכע מען טרויט זיי אָן.

די אַרבייט אין אַלע קאָמיסיעס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון יושר און גערעכטיגקייט. די באַאַמטע האָבען זיך פאַרהאַלטען מיט גרויס דרך־ארץ צום עולם. האָבען זיך באַטראַכט ניט אַלס מאַכטהאָבער, נאָר אַלס דינער פון פאָלק. די באַאַמטע האָבען קיינעם ניט נושא פנים געווען און האָבען דורכגעפירט שטרענג דעם פּרינציפּ, אַז אַלע מענשען זיינען גלייך פאַר'ן געזעץ. אַלע האָבען די זעלביגע רעכטען און די זעלביגע פליכטען. „די רעפּובליק האָט ברויט פאַר אַ ל ע אַלמנות (אפילו פאַר די אַלמנות פון די געגנער) און אַ קוש פאַר אַ ל ע יתומים (אפילו פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען)".

די קאָמונע האָט געזוכט אויסצואוואָרצלען אַלע שלעכטע זיטען. זי פלעגט ניט אָננעמען קיין אַנאָנימע מסירות. „אַ מענש, וועלכער האָט ניט דעם מוט אונטערצושרייבען דעם נאָמען אונטער זיין מסירה, איז ניט אויסען די טובה פון כלל".

מיט די געפאַנגענע איז מען זיך באַגאַנגען מיט גרויס מענשליכקייט. עס איז אפילו פון איינעם, פון בלאַנשע, געמאַכט געוואָרען אַ פאָרשלאַג, זיך צו באַגעהען מיט די געפאַנגענע אַזוי ווי ווערסאַל באַגעהט זיך מיט די געפאַנגענע גוואַרדיסטען, אָבער די קאָמונע האָט דעם פאָרשלאַג צוריקגעוויזען. די יענע, וועלכע זיינען פון דער קאָמונע גענומען געוואָרען אַלס משכנות, האָבען זיך באַנוצט מיט אַלע פרייהייטען. זיי האָבען געקראָגען שפּייז, וועש, ביכער, צייטונגען אַזוי ווי אַלע פרייע מענשען. זיי האָבען אפילו געהאַט דאָס רעכט אויפצונעמען די רעפּאָרטערס פון אויסלענדישע צייטונגען.

אויפ'ן פעלד פון בילדונג און ערציהונג האָט די קאָמונע זעהר פיל אויפגעטאָן. אַלע מוזעאומס, אקוואריומס, ביבליאָטעקען און ענליכע בילדונגס אינסטיטוציעס האָט זי איבערגענומען אונ־

טער דער השגחה פון קינסטלער, שריפטשטעלער און געלערטע. די קאָמונע האָט געעפענט א סך נייע פרייע שולען און האָט געזעהן, די אַלטע שולען זאָלען זיך באַפרייען פון דעם שעדליכען איינפלוס, וואָס די קלעריקאַלען האָבען אויף זיי געהאַט. אַנדערע דיסטריקטען, אשטייגער, דער צוואַנציגסטער דיסטריקט, האָבען געגעבען די שול־קינדער עסען און קליידער. דער גייסט פון די שולען איז געווען אַן אַלמענשליכער, אַ פרייער, אַן אינטערנאַציאָנאַלער. די פּריציפּען פון דער דערציהונג זיינען געווען: „געוואוינען די קינדער, זיי זאָלען ליבען און אַכטען אַלע מענשען־קינדער אָהן אַן אויסנאַהם, איינפּלאַנצען אין זיי ליבע צו גערעכטיגקייט, ענטוויקלען אין זיי אַ פאַרלאַנג זיך צו לערנען און צו שטאַרקען אין זיי אַ שטרעבען צו אַרבייטען פאַר די נוצען פון כלל".

דער הויפּט ממונה איבער פאָלקס בילדונג איז געווען עדוואַרד וואַיאַן. וואַיאַן האָט אויך שטאַרק געהאַלטען פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג. ער האָט צוגעגעבען אין בילדונגס־פּראָגראַם א סאָציאַליסטישען כאַראַקטער: „די קאָמונע — האָט געזאָגט וואַיאַן — דאַרף אונטערשטרייכען איהרע סאָציאַליסטישע כונות דורך איהרע רעפאָרמען אין פאָלקס־בילדונג. זי מוז זיכערן יעטווידען פאַרזיכערען סאָציאַלע גלייכקייט — אַ פּ ו ל ע א ו ן א ל־ זייטיגע בילדונג".

די קאָמיסיע פון אַרבייט און האַנדעל איז אין גאַנצען באַשטאַנען פון סאָציאַליסטען און אַרבייטער פיהרער. די דאָזיגע קאָמיסיע האָט קודם כל גענומען איינפירען אַלע מעגליכע רעפאָרמען. זי האָט אונטערזוכט די באַדינגונגען פון אַרבייט און די באַציהונגען פון די אונטערנעמער צו די אַרבייטער; זי האָט איבערגעקוקט די האַנדעלס־געזעצען, אַשטייגער, דעם טאַריף, די דירעקטע און אונדירעקטע שטייערען א. א. וו.

די קאָמיסיע פון אַרבייט און האַנדעל האָט איינגעפירט אַ ביוראָ פאַר סטאַטיסטיק. אונטער דער פירערשאַפט פון דעם אַרבייטער קאָמונאַר לעאָ פראַנקעל איז געגרינדעט געוואָרען אַ מין אַרבייטס מאַרק, וואו מען האָט זיך געקאָנט דערקונדיגען איבער די אַרבייטס־באַדינגונגען אויפ'ן מאַרק, איבער דעם אָנבאָט און נאָכפראַגע. זי האָט פאַרבאָטען נאַכט־אַרבייט אין די בעך־

קערייען. זי האָט אויך מבטל געווען די שטראָפן אין די פאַבריקען און וואַרשטאַטען. זי האָט זיך געגרייט אַרויסצוגעבן געזעצען קעגן אַרבייטסלאָזיגקייט און האָט געגרינדעט אַ סך פּראָדוקטיוו־קאָאָפּעראַטיוון „כדי צו באַזייטיגן די עקספּלואַטאַציע פון קאַפּיטאַל".

ווי מען זעהט, האָט דאָ די קאָמונע ניט געוואָלט דורכפירען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. זי האָט דורך איהר קאָמיסיע פון האַנדעל און אַרבייט בלויז געוואָלט דורכפירען געוויסע רעפאָרמען בנוגע די באַציהונגען פון קאַפּיטאַל צו אַרבייט. אָבער פאַר די פעאָדאַלען און גרויס־קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען געהאַט זייער הויפּטקוואַרטיר אין ווערסאַל, זיינען אָט די איינפאַכע רעפאָרמען געווען גענוג אַרויסצורופען קעגן זיך אַלע שוואַרצע פינסטערע כחות פון לאַנד.

געוויינליך וואָלט די קאָמונע ניט געבליבען ביי איינפאַכע רעפאָרמען. זי וואָלט, אויב זי וואָלט זיך לאַנג געהאַלטען, דורכגעפירט ראַדיקאַלע ענדערונגען בנוגע דעם אייגענטום. דאָס איז צו זעהן פון אַ צירקולאַר, וואָס זי האָט פאַנאַנדערגעשיקט צו די פּויערים, געשריבען פון דער שריפטשטעלערין אַנדרע לעאָ. „ברודער, — זאָגט דער צירקולאַר — ברודער, מען נאַרט דיך אָפּ. מיר האָבעןביידע איינע און די זעלביגע אינטערעסען. מיינע באַגערען זיינען דיינע באַגערען. מיר ווילען זיך באַפרייען פון אָפּצאָלונג און דו פאָדערסט אויך דאָס זעלבע. דאָס וואָס פּאַריז וויל איז, אַז די ערד זאָל באַלאַנגען צו די פּויערים און די פּראָדוקציאָנס־מיטלען צו די אַרבייטער".

דאָס איז אָבער געווען דער ענדציל פון די קאָמונאַרען־סאָציאַליסטען. פאַר דער געגענוואַרטס־פּראָגראַם האָבען זיי זיך באַנוגענט מיט רעפאָרמען, מיט אַזוינע רעפאָרמען, וועלכע ווערען אין דער היינטיגער צייט באַטראַכט אפילו פון די גאַנץ מעסיגע עלעמענטען אַלס זעלבסטפאַרשטענדליך.

די יוסטיץ־קאָמיסיע האָט בטל געמאַכט אַלע קלאַסען־פּריווילעגיעס פאַר'ן געזעץ. זי האָט געמאַכט די געריכטען פאָלקסטימליכער, אָהן גרויסע צערעמאָניעס, און האָט געזוכט פטור צו

ווערען פון די אַלע יוצר משרתים ואשר משרתים, וואָס דרעהען זיך אין די טויזענדע ארום די געריכטען און מאַכען אוממעגליך, דער אַרעמער זאָל קריגען גערעכטיגקייט צוגלייך מיט'ן רייכען. זי האָט באַפרייט פון אַ שבועה אין געריכט. זי האָט אויפגעפּאַסט, קיינער זאָל ניט אַרעסטירט ווערען איידער עס זיינען פאַראַן גע־ניגענדע באַווייזען, אַז ער האָט געטאָן אַ פאַרברעכען. זי האָט אויך אויפגעדעקט די פאַרברעכענס פון דער אימפּעריע. זי האָט צובראָכען דעם דיקען צוים פון די מאַגאַסטירען און האָט אַלעמען געוויזען די שמוץ און צולאָזענקייט, וואָס איז געווען פאַר־באָרגען אונטער די פרומע, שוואַרצע היליעס פון די גלחים און די „שוועסטער".

די פינאַנס־קאָמיסיע איז געפירט געוואָרען פון זשורד און וואַרלען. זשורד איז געווען אַ יונגער, זעהר פעהיגער, בוכהאַלטער מיט אַ גרויסען זכרון. ער איז אויך געווען אַ שעהנער רעדנער, וועלכער האָט באַגייסטערט זיינע הערער. וואַרלען איז געווען איינער פון די ענטוזיאַסטישסטע און איבערגעבענסטע רעוואָלוציאָ־נערען, וועלכע האָבען געלעבט און געשטאָרבען פאַר דער רע־וואָלוציע.

די פינאַנס־קאָמיסיע האָט יעדען מאָרגען באַדאַרפט קריגען געלט פאַר דער חיונה פון זעקס הונדערט טויזענד אַרבייטער. זי האָט אויך באַדאַרפט פינאַנצירען אַלע דעפּאַרטאַמענטען און אַלע זייערע קאַנצעלאַריעס. דאָס איז, פאַרשטעהט זיך, ניט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. אָבער זשורד האָט אַ דאַנק זיינע פעהיג־קייטען געזעהן, אַז די הוצאָה זאָל געדעקט ווערען.

די קוואַלען פון הכנסה זיינען געווען: די טעלעגראַפען, די פּאָסט, די דירעקטע שטייערען, אַקציז, די אייזענבאַנען א. א.וו. פון דעם געלט, וואָס איז געבליבען אין דער רעגירונגס באַנק, האָט מען ניט גערירט. די קאָמונע איז זיך באַגאַנגען מיט זיידענע הענטשקעס ניט נאָר מיט איהרע געגנער, נאָר אויך מיט די אינ־סטיטוציעס, וועלכע האָבען געשטיצט די געגנער. אַז דאָס איז געווען אַ גרויסער פעהלער בנוגע איהר איינענער אַרבייט — פאַר־שטעהט זיך אַליין. אַזוי, על כל פּנים, האָט זיך די קאָמונע גוהג געווען.

די ווערסאַלער רעגירונג האָט זיך ניט גערעכנט מיט די קהל׳שע געלדער אַזוי ווי די קאָמונע. זי האָט געצויגן הונדערטע מיליאָנען פאַר איהרע צוועקען. אפילו אין דער צייט, ווען די קאָמונע איז שוין געווען פּראָקלאַמירט, האָט זיך איהר איינגעגעבען צו קריגען פון דער רעגירונגס באַנק, גוואַלדיגע סומען וועלכע זיינען אויסגעגעבען געוואָרען פאַר דער מלחמה מיט פּאַריז. די קאָמונאַרען זיינען געווען שפּאָרעוודיג, איינגעהאַלטען און האָבען אויסגערעכנט יעדען פראַנק. די קאָמונע וואָלט געוויס געקאָנט אָפּזעגען דעם צוויינג, אויף וועלכען די ווערסאַלער רעגירונג איז געזעסען. זי האָט געקאָנט גלייך פאַרכאַפּען די רעגירונגס באַנק און טיער וואָלט געבליבען אויסגעשטעלט. זי האָט דאָס אָבער ניט געטאָן.

דער דירעקטאָר איבער די פּאָסט־אַנגעלעגענהייטען איז געוואָרען טעז — אַן ארבייטער. די פריהערדיגע באַאַמטע האָבען סאַבאָטירט און האָבען געמאַכט אַ חורבן אין די פּאָסט־קאַנטאָרען, אָבער טעז האָט מיט פיל ענערגיע געמאַכט אַ גוטען אָרדנונג און אין פאַרלויף פון 48 שעה האָט אַלץ אָנגעהויבען גוט צו פונקציאָנירען.

אין די אַלע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לעבעדיגע, ענערגישע אַרבייט. אין דער שפּיץ פון די דאָזיגע אינסטיטוציעס איז געשטאַנען אַ געוועזענער „פּאָליטישער" טרעלאַר — אַ מענש מיט אַ גוט הארץ און איידעלער נשמה. די דאָקטוירים און די „באַרמהערציגע" שוועסטער האָבען אין אָנפאַנג באָיקאָטירט טרעלאַר׳ן, זיי האָבען איהם געלייגט אַלערליי שטיינער אין וועג. זיי האָבען זיך אפילו ניט גערעכנט מיט די אומגליקליכע קראַנקע, וועלכע זיינען געקומען נאָך רפואות און אַרצטליכע באַהאַנדלונג. אָבער טרעלאַר האָט אין אַ קורצע צייט אָרגאַניזירט די האָספּיטאַלען אַזוי, דאָס זיי האָבען געבראַכט מעהר רוה און היילונג צו די קראַנקע, ווי אין די „גוטע", „רוהיגע" צייטען. די אַלע, וועלכע האָבען באַדאַרפט אָנקומען צו שטיצע, זיינען ניט באַהאַנדעלט געוואָרען ווי בעטלער און שנאָרער, נאָר ווי גלייכע מענשען, וועמען עס קומט אַ חוב. אין אַלע

אינסטיטוציעס אונטער טרעלאר'ן האָט געהערשט דער גייסט פון געגענזייטיגער הילף און ברודער־ליבע.

טרעלאר איז שפּעטער, דעם 24טען מאי, דער'הרג'עט געוואָרען פון טיער'ס זעלנער.

צרות זיינען געווען אין דער מלחמה־קאָמיסיע. דאָרטען האָט געהערשט א גאנצער תוהו ובוהו. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט שטארק געבאַלעבאַטעוועט. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר דעם אויטאָריטעט און פאַר דעם בארעכטיגטען אויפפּאַסער איבער אַלע מלחמה־געשעפטען. די קאָמונע, ווידער, האָט דאָס ניט געוואָלט ליידען. עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע סכסוכים און בינו לבינו איז די קריגס־פיהרונג, פון וואס עס איז אפּגעהאנגען דער ערפאָלג פון דער קאָמונע, אין גאנצען פארנאכלעסיגט געוואָרען.

די קאָמאנדירען האָבען זיך אָפט געביטען. די נאַציאָנאַלע גווארדיסטען האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. די דיסציפּלין איז געווען א שוואכע, די אָפיצערען און די סאָלדאַטען פון דער נאַציאָנאַלער גווארדיע פלעגען יעדען טאָג מוזען קומען אין די קאַנצעלאַריעס פון דער קריגס־קאָמיסיע נאָך פּראָוויאנט, קליידער, אמוניציע און אנדערע תכסיסי מלחמה. אָבער זיי האָבען זיך צו קיין זאך ניט געקאָנט דערשלאָגען. איין דעפּארטאמענט האָט זיך געקריגט מיט א צווייטען דעפּארטאמענט איבער יוריסדיקציאָנס־פראגען, איין קאָמאנדיר האָט ניט געוואוסט פון צווייטען און עס פלעגט אָפט קומען צו אויפגערעגטע סצענעס אין די קאַנ־צעלאַריעס און צו מהומות אויפ'ן פּראָנט.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פלעגט אָנשטעלען זיינע מענשען און די קאָמונע פלעגט שיקען איהרע מענשען. עס פלעגען פּאָר־קומען גרויסע מחלוקות און אַלץ איז געגאנגען אָהן א סדר, ניט ווי עס האָט באַדאַרפט געהן. די באַריקאַדען זיינען געבויט גע־וואָרען אָהן א פּלאַן און האָבען דאריבער ניט געדינט אַלס גוטע פעסטונגען פאַר דער רעוואָלוציע.

די וויכטיגסטע קריגס־דעפּארטאמענטען זיינען געווען געגלי־כען צו אַן אָרקעסטער אָהן א דיריגענט. יעדערער האָט געפייפט ווי איהם אַליין האָט זיך געגלוסט, איינער האָט ניט געוואוסט פון צווייטען און די גאנצע ארבייט האָט קיין טעם ניט געהאַט.

נאָך דער נידערלאַגע פון דריטען אַפּריל איז דער וואָנטיר־ריסטישער גענעראַל קליוזערע אַראָפּגעזעצט געוואָרען. דער שעף פון גענעראַל־שטאַב איז געווען אַ געוויסער ראָסעל, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר 28, מיט צווייפעלהאַפטע פעהיגקייטען און אַ ניט־פעסטען כאַראַקטער. ער פלעגט זיך אַלץ חנפה׳נען צו די אייב־פּלוטרייכע פערזאָנען פונ׳ם צענטראַל־קאָמיטעט און האָט מעהר געזאָרגט וועגען זיין אייגענער פּאָפּולאַריטעט, ווי וועגען דעם זיג פון דער קאָמונע.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע אונטער אַזאַ קריגס־קאָמיסיע, האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען די אַטאַקעס פון דער דיסציפּלינירטער, זאַטער, אָנגעטאָנענער ווערסאַלער אַרמיי, און דער סוף איז געווען — אַ נידערלאַגע.

שלעכט אָרגאַניזירט איז אויך געווען דער פּאָליציי־דינסט. אין אָנפאַנג איז דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט געפירט געוואָרען פון דיוואַל. נאָך זיין טראַגישען טויט איז דער דעפּאַרטמענט איבערגעגאַנגען אין די הענט פון ראַול ריגאָ, וועלכער איז געווען צו יונג צו פאַרנעמען אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכען אַמט. אין אַלע זיינע קאַצעלאַריעס האָבען זיך אַריינגע׳גנב׳עט שוואַרצע, טונ־קעלע נפשות, פּראָוואָקאַטאָרען און שפּיאָנען. אַרעסטירט פלעגען ווערען ניט די אמת׳ע שולדיגע, נאָר דוקא ערליכע מענשען.

די קאָמונאַרען האָבען, אמת, שטאַרק קריטיקירט די האַנד־לונגען פון ריגאָ, האָבען פאַרלאַנגט זיין אַראָפּזעצונג, אָבער ריגאָ איז געבליבען אין זיין אַמט.

די שלעכטע אַדמיניסטראַציע פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט אויך געהאַט ניט קיין קליינעם חלק אין דעם בלוטיגען זיג, וואָס ווערסאַל האָט געהאַט איבער פּאַריז און אין דעם דורכפאַל פון דער קאָמונע.

דער דורכפאַל פון דער קאַמונע

די קאַמונע האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. אין גאַנצען צוויי מאָנאַט מיט עטליכע טעג. די ווערסאַלער רעגירונג האָט זי צוקוועטשט מיט דער גרעסטער אכזריות. טיער און זיינע האַנדלאַנגער האָבען ניט נאָר געטויט זייערע געגנער — די רעוואָלוציאָנערען, נאָר זיי האָבען נקמה גענומען פון גאַנצען פאַריזער פאָלק. זיי האָבען ניט געשאַנעוועט פרויען און קינדער, אַלטע לייט און זויגלינגע — אַלעמען האָבען זיי געשטאָכען, גע־ברענט און געבראָטען פאַר „די זינד" פון דער קאַמונע.

„מען מוז — האָט געשריען א ליבעראַלער שריפטשטעלער — מען מוז זיך אומקערען צו די אַלטע צייטען פון אַנטאָניוס און אָקטאַוויאוס, אום צו געפינען אַזעלכע מאָרדען אין דער געשיכטע פון ציוויליזירטע נאַציעס. די קרייץ־ציגע, די רעליגיאָנס־קריגען, די באַרטהעלעאום'ס נעכט, די עפּאָכען פון טעראָר, זיינען קינדער־שפּילען אין פאַרגלייך מיט די רציחות, וואָס די ווערסאַלער קליקע האָט דורכגעפירט אין פאַריז, נאָך דעם ווי זי האָט געפייערט איהר טייפעלשען זיג איבער דער קאַמונע. אין די לעצטע וואָכען פון מאי 1871, האָט מען אין פאַריז געפונען 17,000 טויטע פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. מען האָט געמאָרדעט און פאַרגאָסען בלוט אָהן א שיעור און אָהן אַ ערך!...

וואָס זיינען געוועזען די אורזאַכען פון דער קאַמונע'ס דורכ־פאַל?

דער ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע פליסט ארויס פון די פריערדיגע קאַפּיטלען, וועלכע מיר האָבען געווידמעט דער היסטאָריע און דעם מהות פון דער קאַמונע.

דער ענין איז אָבער פאַר אונז אַזוי אומגעהייער וויכטיג, דאָס מיר מוזען זיך אויספירליכער אויף דעם אָפּשטעלען.

זאָמען פון דעם שפּעטערדיגען דורכפאַל זיינען שוין געוועזען

פאַרזייט אין דעם גרויסן טאָג — דעם 18טען מערץ — ווען דאָס פּאַריזער פאָלק האָט גענומען זיין מזל אין זיינע אייגענע הענט און האָט אָפּגענומען די מאַכט פון דער „צייטווייליגער פּאַרטיידיגונגס רעגירונג”.

דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען אומפאַרזיכטיג און האָט באַשטימט פאַר׳ן הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע ליוליע — אַ שכור, אַ באַרימער, אַן אַוואַנטיוריסט, וואָס האָט שפּעטער זיך אַליין באַרימט, אַז ער האָט פאַרראַטען זיין מאַנדאַט, וואָס ער האָט געקראָגען. אַ דאַנק ליוליע האָט גענעראַל ווינוע — טיער׳ס מיליטערישער משרת — געקאָנט אַרויספירען פון פּאַריז קיין ווערסאַל, אין דער נאַכט פון 18־19טען מערץ, אַ סך רעגימענטען, אַרטילעריע, אַמוניציע און אַנדערע מלחמה־געצייג. איין פּיפּס פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע וואָלט ווינוע׳ס פּלאַן געמאַכט צונישט. אָבער ליוליע האָט בכיון — אַזוי האָט ער אַליין שפּעטער דערציילט — געלאָזען אָפען די דרום טויערען פון פּאַריז, כדי ווינוע זאָל קאָנען טאָן וואָס ער האָט געוואָלט. צוליב דיזען פאַרראַט איז אַ טייל פון דער פּאַקטישער, ממשות׳דיגער קאָמונע׳ס מאַכט איבערגעגעבען געוואָרען צו דער קאָנטער־רעוואָלוציע אין ווערסאַל.

די שוואַכסטע זייט פון דער קאָמונע איז געווען, ווי מיר האָבען געזעהן, אין דעם, וואָס זי האָט ווייניג געוואוסט פון דער מלחמה־קונסט. זי האָט ניט געהאַט קיין פעהיגע קריגס־פירער און האָט געמאַכט גרויסע פעלערען אין׳ם אויסקלייבען דעם קריגס־פּערזאָנאַל צו פירען די מלחמה קעגען ווערסאַל. צווישען די הויפּט קאָמאַנדירען זיינען געווען שאַרלאַטאַנעס, אַוואַנטיוריסטען, טוי־געניכטסען און פּשוט׳ע פאַררעטער.

דאָס האָט זיך שוין אַרויסגעוויזען ביי דער ערשטער נידערלאַגע, ווען דוּוואַל און פלוראַנס זיינען דערמאָרדעט געוואָרען.

אין די קריגס־דעפּאַרטאַמענטען זיינען פאָרגעקומען שטענדיגע רייבונגען און מחלוקות צווישען דעם צענטראַל־קאָמיטעט און די מיטגלידער פון דער קאָמונע. דאָס האָט דעמאָראַליזירט די גאַנצע קריגס־פירונג. אין די קאַנצעלאַריעס האָבען זיך אַריינ־

געכאפט שפיאָנען און פּראוואָקאַטאָרען, וועלכע האָבען, ווי שוין געזאגט, איבערגעגעבען אין ווערסאַל די סודות פון דער קאָמונע.

די קאָמונאַרען האָבען שטאַרק געגלויבט אין דער קראַפט פון זייער אידעע. זיי זיינען געווען אין מאַנכע פּרטים זעהר נאַאיוו און האָבען געשאָנקען צו פיל פאַרטרויען צו מאַנכע צווייפעלהאַפּטע נפשות. די דיסציפּלין איז געווען אַ שלעכטע און די נאַציאָנאַלע גוואַרדיסטען גופא האָבען טיילווייז ניט געהעריג דערפילט זייער אויפגאַבע.

מכח דעם לוינט זיך אויסצוהערען די מיינונג פון אַ גרויסען מומחה — די מיינונג פון לעאָן טראָצקי. אין זיין ענטפער צו קאַוטסקי'ס אָנפאַל אויף דער סאָוועטען־רעגירונג, אַז זי שטעהט אַ סך נידעריגער פאַר דער פּאַריזער קאָמונע, זאָגט טראָצקי אָט וואָס:

„די פאַריזער קאָמונע האָט געליטען אַ מיליטערישע נידערלאַגע נאָך בעפאָר זי האָט זיך געקאָנט נעמען פאַר די עקאָנאָמישע פראַגען. ניט געקוקט אויף די אויסגעצייכענטע קאַמף־אייגענשאַפטען פון די פאַריזער אַרבייטער, איז דער מיליטערישער מזל פון דער קאָמונע פון אָנפאַנג אָן געווען האָפנונגסלאָז. די ניט־ענטשלאָסענקייט און די נייגונג צו קאָמפּראָמיסען מצד די פיהרער, האָבען דעמאָראַליזירט די מאַסע פון דער רעוואָלוציאָנערער גוואַרדיע".

„די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט גערעכענט אין איהרע רייהען 162,000 סאָלדאַטען און 6,500 אָפיצערען. אָבער די צאָל פון די, וועלכע האָבען פאַקטיש זיך באַטייליגט אין קאַמף, האָט זיך געוואַקעלט — איבערהויפּט נאָך דער נידערלאַגע פונ'ם דריטען אַפּריל — צווישען 20 און 30 טויזענד".

„דאָס קאָמפּראָמענטירט לחלוטין ניט די פאַריזער אַרבייטער. מען קאָן זיי בשום ענין ואופן ניט האַלטען פאַר דעזערטירער און טרוסען, הגם עס זיינען געווען אַזוינע אויך. אַ קאַמפס־פעהיגע אַרמיי מוז קודם כל האָבען אַ צענטראַליזירטען און פּינקטליכען פּאַרוואַלטונגס־אַפּאַראַט. דערפון איז ביי דער קאָמונע אפילו קיין רייד ניט געווען".

„די מיליטערישע קאָנצעלאַריעס פון דער קאָמונע זיינען גע־

ווען געגליכען, לויט דעם אויסדרוק פון א פארפאסער (ליסאגארע — א. ש. ז.) צו א פינסטערען צימער, וואו אלע האבען זיך גע־שטויסען, געטומעלט, געפאדערט פראוויאנט, אבער מען האט זיי געשיקט צו די קאמאנדאנטען".

„מאנכע באטאליאנען זיינען געבליבען פון צוואנציג ביז דרייסיג טעג אין די טרענטשעס, בעת אנדערע זיינען שטענדיג געווען אין רעזערוו. די זארגלאזיגקייט האט געטויט יעדע דיס־ציפלין. די מוטיגע, די העלדישע גווארדיסטען האבען געוואלט זיין אפהענגיג פון זיך אליין; אנדערע האבען זיך אין גאנצען ארויסגעמאכט פון מיליטער־פליכט. דאס זעלביגע האבען אויך געטאן די אפיצערען. מאנכע האבען פארלאזען זייערע פלעצער, אום צו העלפען זייערע חברים, וועלכע זיינען געשטאנען אין רעכ־טען פייער און אנדערע זיינען זיך אוועקגעגאנגען אין שטאדט"*).

„אזא רעזשים האט ניט געקאנט בלייבען ניט באשטראפט. די קאמונע איז דערשטיקט געווארען אין בלוט".

טראצקי'ס מיינונג נויטיגט זיך ניט אין פירושים. אז די פאליציי־אדמיניסטראציע איז ניט געשטאנען אויף דער הויך פון איהר אויפגאבע, האבען מיר שוין געהאט די געלעגענהייט צו זעהן אין פאריגען קאפיטעל. דא וועלען מיר נאר צולייגען, אז דער שפיאנאזש האט ווי א שרעקליכע חולאת זיך אריינגעפרעסען אין דעם איידעלען קערפער פון דער קאמונע און האט ארויסגעזויגט פון איהר די בעסטע לעבענס־קרעפטען. אין דעם איז געווען שטארק שולדיג די קרימינעלע פארנאכלעסיגקייט פון דער פאליציי פארוואלטונג.

די קאמונארען האבען ניט געהאט קיין בולט'ע פראגראם פאר זייער ארבייט. זיי זיינען געווען רעוואלוציאנערען, אבער האבען אין מאנכע פרטים אליין ניט גענוי געוואוסט, וואס זיי האבען צו טאן. זיי האבען דאריבער אין פיל פאלען ארויסגע־וויזען ניט גענוג דרייסטקייט, ניט גענוג ענטשלאסענקייט. דאס בא־

---

*) דעם פאראגראף ציטירט טראצקי פון פעטער לאווראוו'ס בוך: „די פאריזער קאמונע".

ווייזט זייער באציהונג צו דער באנק פון פראנקרייך און אנדערע באנקען, צו די דעפאזיטען־קאסעס, צו די שטאטס־רייכטימער און אנדערע אינסטיטוציעס.

די צענטראלע באנקען שטעלען מיט זיך פאר דאס הארץ פון עקאנאמישען לעבען אין א שטאט. אין זיי און דורך זיי פונקציאנירען אלע געלט־און האנדעלס־אונטערנעמונגען. אזוי ווי די באזונדערע ארגאנען קאנען ניט לעבען אהן דעם צענטראלען צירקולאציאנס־אפאראט — אהן דעם הארץ, אזוי קאן קיין צווייג פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען ניט עקזיסטירען אהן דעם הויפט־באנק. די קאמונארען האבען געהאט די מעגליכקייט צו פארכאפען די „באנק פון פראנקרייך” און דערמיט וואלט זי געגעבען א שטארקערען קלאפ דער ווערסאלער רעגירונג, ווי טויזענדער הארמאטען. ווערסאל וואלט דעמאלט געווארען אין גאנצען אפהענגיג פון דער קאמונע. זי וואלט אהן פינאנסען ניט געקאנט לאנג אויסהאלטען און וואלט זיך געמוזט אונטערגעבען. יעדער אויפשטאנד, אויב ער וויל האבען אן ערפאלג, פארכאפט די שטאט־קאסע. די קאמונע האט דאס אבער ניט געטאן.

די קאמונארען, וועלכע זיינען געשטאנען אן דער שפיץ פון דער פינאנץ־קאמיסיע, האבען געהאט בדעה דורכצופירען סאציאלע ענדערונגען ערשט שפעטער, ווען זיי וועלען בייקומען די רעאקציאנערע רעגירונג פון ווערסאל. ביז דעמאלט האבען זיי ניט אנגערירט דאס געזעץ פון פריוואט־אייגענטום.

די קאמונע האט זיך שטארק גענויטיגט אין געלט. אלס די אדמיניסטראציע פון שטאט פאריז האט זי וויינינגסטענס געהאט דאס רעכט אויף די דעפאזיטען, וואס פאריז האט געמאכט אין די באנקען. זי האט אבער די באנקען ניט אנגערירט.

די פארוואלטער פון דער שטאטס־באנק האבען אין אנפאנג אנדערש גארניט געמיינט, אז די קאמונע וועט צונעמען די קאסע. זיי זיינען געלעגען אין שרעק און האבען זיך אפילו שוין מכין געווען צו פארלאזען די שטאט. ווען זיי האבען אבער שפעטער געזעהן, אז די קאמונארען גופא זיינען ניט ענטשלאסען דאס צו מאן, זיינען זיי געווארען ביי זיך דרייסטער און האבען זיך אפילו אנגעפאנגען שטארק צו דינגען איבער די פארהעלטניסמעסיג קליינע סומען

געלדער, וואס זיי האבן באדארפט ארויסגעבן פאר די נויטווענ־דיגסטע הוצאות פון שטאט.

אינטערעסאנט דערביי איז, וואס זשורד, דער פירער פון דער פינאנץ־קאמיסיע, און דער אלטער רעוואלוציאנער בעלע, דער שליח פון דער קאמונע צו דער באנק, זיינען געווען נאכפאלגער פון פרודאן, וועלכער האט באטראכט די קאנטראל פון דעם שטאטס־באנק פאר דעם הויפט פונקט פון זיין פראגראם. אבער ווען עס איז געקומען דורכצופיהרען דאס פראגראם אין לעבען, האבען זיי ניט געהאט גענוג מוט דערצו.

בעלע האט זיך גאנץ פריינדליך דורכגערעדט מיט דעם דירעק־טאר פון באנק און זיי האבען זיך אויסגעגליכען.

ווען בעלע האט אפגעגעבען א באריכט פון זיינע פארהאנד־לונגען מיט די דירעקטארען פון באנק, האט ער צווישען אנדערעם געזאגט:

„אין דעם באנק פון פראנקרייך געפינט זיך דאס גאנצע פאר־מעגען פון לאנד. אהן איהם קאנען קיין אינדוסטרי און האנדעל ניט זיין. אויב מיר זאלען איהם אנרירען, וועט גאנץ פראנקרייך פאראליזירט ווערען".

אנדערע מיטגלידער פון דער קאמונע האבען יא געפא־דערט, מען זאל פארנעמען די באנק, כדי זי זאל לכל הפחות ניט קאנען אויסבארגען געלט ווערסאל, אבער זייער פאדערונג איז ניט אנגענומען ווערען און די באנק איז שפעטער אויסגענוצט גע־ווארען פון ווערסאל, אלס אן אינסטרומענט קעגען דער קאמונע.

די אלע, אזוי צו זאגען, סטראטעגישע פעלערען, וואס די קאמונע האט געמאכט, זיינען געקומען פון דעם, וואס די מיטגלידער פון דער קאמונע גופא האבען זיך ניט קלאר געמאכט זייערע צילען. זיי זיינען אלע געווען אייניג, אז מען באדארף פטור ווערען פון דעם קלעריקאל־מאנארכיסטישען רעזשים, זיי זיינען אבער ניט געווען אייניג, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א באשטימ־טען, פארמולירטען פראגראם. אלץ איז דארטען געווען מטושטש, אומקלאר, אומבאשטימט.

די הויפט ראלע האבען דארטען געשפילט די קליינבירגער־ליכע עלעמענטען מיט קליינבירגערליכע אידעאלען. דער עיקר

איז ביי זיי געווען, פאריז זאל זיין אומאפהענגיג, אויטאָנאָם. אלס א רעאקציע קעגען דער פריהערדיגער, צענטראליזירטער פאָליטיק פון דער אימפעריע, האָבען זיי ארויסגעשטעלט דעם אידעאל פון דעצענטראליזאציע, מיינענדיג, אז דאָס וועט זיין א רפואה קעגען אלע סאָציאלע חולאת'ן. וועגען אן אמת'ער סאָציאלער איבער־קערעניש, וועגען א נייעם געזעלשאפטליכען פונדאמענט, האָבען זיי געהאט קנאפע השגות. זיי זיינען געווען מעהר נוטה צו פאר־ריכטען דעם אלטען געזעלשאפטליכען בנין, איידער בויען א נייעם.

אין דער דעקלאראציע, וואָס די קאָמונע האָט ארויסגעלאָזען, אום קלאָר צו מאכען איהר פראגראם לעזען מיר:

„וואָס וויל דען איינענטליך פאריז? פאריז וויל בלויז די אנערקענונג און די באפעסטיגונג פון דער רעפובליק. ער וויל אן אבסאָלוטע אויטאָנאָמיע פון דער קאָמונע און אז אזא אויטאָנאָמיע זאל געגעבען ווערען אלע שטעט פון פראנקרייך. די קאָמונע דארף האָבען די רעכטען אליין צו באשטימען איהרע הוצאות און הכנסות, באשטימען ווי און אויף וועמען ארויפצולייגען אָפצאָלונגען, צו פארוואלטען מיט די אָרטיגע נויטען, אָרגאניזירען די שטאָטישע זעלבסטפארוואלטונג, די פאָליציי, די פאָלקס־בילדונג, צו פאר־וואלטען מיט דער קאָמונאלער אייגענטום; איהר מוז געהערען דאָס רעכט צו באשטימען און אויסצוארבייטען א קאָנטראָל איבער אלע צווייגען פון דער פארוואלטונג, איהר געהערט דאָס אבסאָלוטע רעכט צו גאראנטירען פערזענליכע פרייהייטען: פרייהייט פון געוויסען, פרייהייט פון ארבייט. זי מוז האָבען דאָס רעכט צו אָרגאניזירען די זיכערקייט פון שטאָט און די נאציאָנאלע גווארדיע. בלויז און נאָר די קאָמונע האָט דאָס רעכט אויפצופאסען אויף די פארשידענע פאראיינען און פארזאמלונגען. מעהר ווי דאָס איז פאריז ניט נויטיג... עס מוז אָבער זיין א באדינגונג, אז אין דער צענטראלער אדמיניסטראציע זאלען ווערען צוגעלאָזען די דעלע־גאטען פון די פעדערירטע קאָמונעס, וואו עס דארפען ווערען פאר־ווירקליכט די זעלביגע פרינציפען".

פון דער דעקלאראציע איז קלאָר צו זעהן, אז דער הויפט געד־דאנק, וואָס האָט אין אָנפאנג באהערשט די מאיאָריטעט מיטגלי־דער (שפעטער האָבען זיי געבילדעט די מינאָריטעט) פון דער

קאמונע, איז געווען דער געדאנק פון דעצענטראליזאציע, צוגעפאר־
בען מיט דער פרודאניסטישער אידעע פון א פעדעראטיווען שטאט.
פאר זיי איז דער הויפט מאטיוו פונ'ם אויפשטאנד געווען צו
פארניכטען די אויטאריטעט פון א צענטראליזירטער מאכט.

די מיינונג, אז די הויפט אויפגאבע פון דער קאמונע דארף
זיין די אומאפהענגיגקייט פון פאריז, איז אויך געווען די אורזאך,
וואס זי האט ווייניג געטאן פאר דער פראווינץ. א סך ביטנלידער
האבען געהאלטען, אז די קאמונע טאר איבערהויפט ניט אויס־
ברייטען איהר ארבייט אויסער פאריז, אז איהר ארבייט איז א
ריין פאריזער, א לאקאלע, און זיינען געווען קעגען דעם, מען זאל
אגיטירען די פראווינץ. „מיר האבען אויסער פאריז גארניט וואס
צו טאן" — האט מען גאנץ אפט געקאנט הערען.

די וויטזיכטיגערע, די, וועלכע האבען שוין פארשטאנען, אז
פאריז, הגם ער מוז זיין אומאפהענגיג, וועט אבער אהן דער שטיצע
פון דער פראווינץ גארניט קאנען אויפטאן, האבען דורכגעפיהרט,
אז מען זאל שיקען דעלעגאטען אין דער פראווינץ און אז מען
זאל דערפאר אסיגנירען א געוויסע סומע. אבער די גאנצע זאך
איז געהאלטען געווארען פאר אזוי ניט וויכטיג, אז מען האט ניט
מקפיד געווען, ו ו ע ר עס זאלען זיין די דעלעגאטען. עס
זיינען געשיקט געווארען מיט ווייניגע אויסנאהמען אומפעהיגע
מענשען, וועלכע זיינען אויסגענוצט געווארען פון פארשידענע
שפיאנען און פאליציי אגענטען. די ווערסאלער רעגירונג האט
געוואוסט פון אלע זייערע באוועגונגען און האט, פארשטעהט זיך,
געזעהן צו שטערען זייער אגיטאציע.

און די אסיגנירטע סומע? מישטיינס געזאגט! אין גאנצען
איז אסיגנירט געווארען פאר דער אגיטאציע ארויסצורופען אן
אויפשטאנד אין גאנץ פראנקרייך א קיימא לן פון הונדערט טוי־
זענד פראנק!

די קאמונעס איז ליאן, מארסעל, און אנדערע שטעדט וואלטען
געוויס געהאט א בעסערען מזל, אויב פאריז וואלט זיי אונטערגע־
שטיצט מיט ראט און טאט און אויב ער וואלט זיך מיט זיי פאר־
איינינגט. אבער דאס קליינבירגערליכעס שטרעבען צו דעצענטרא־

ליזאַציע איז געשטאַנען אין וועג פון אַזאַ פאַראייניגונג און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז פאַריז גופא האָט דערפון געליטען.

און אויב פאַר פראַנקרייך גופא איז געטאָן געוואָרען אַזוי ווייניג צו פאַרשפּרייטען דעם גייסט פון רעוואָלוציע, טאָ קאָן מען זיך לייכט אָנשטויסען, אַז פאַר אויסלאַנד האָט מען כמעט ווי גאָרניט געטאָן. די אַרבייטער פון אייראָפּאַ האָבען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט יעדען שריט פון דער קאָמונע, זיי האָבען מיט זיי שטאַרק סימפּאַטיזירט, זיי וואָלטען דער קאָמונע אַ סך געגעבען, אויב די קאָמונע וואָלט פון איהר זייט געפירט אַן אַגיטאַציע אין אויסלאַנד. די קאָמונע האָט אָבער דאָס פאַרנאַכלעסיגט און זי האָט שפּעטער טייער באַצאָלט פאַר דאָס, וואָס זי איז געווען אָפּגעזונדערט פון דער אויסערליכער וועלט.

עס איז אמת, אַז עס זיינען געווען אין דער קאָמונע ערפאַהרענע רעוואָלוציאָנערען, מיט פעסטע פּרינציפּען, מיט קלאָרע קעפּ און אויסגעהאַלטענע פּראָגראַמען, אַ שטיינער, דעלעקליוז, וואַיאַן, פראַנקעל, מאַלאָן, וואַרלען א. אז. וו., אָבער אַזוינע מענשען, וועלכע האָבען גענוי געוואוסט וואָס זיי ווילען און האָבען פאַר זיך געהאַט אַן אויסגעצייכענטען פּלאַן, זיינען געווען ווייניג און דערצו זיינען זיי געווען אַזוי פאַרוואָרפען מיט טאָג־טעגליכע אַרבייט, דאָס זיי האָבען פּשוט ניט געהאַט גענוג צייט קלאָר צו מאַכען צווישען די אַנדערע מיטגלידער זייערע פּלענער און אויפגאַבען. און אויך די וואָלטען ניט געווען אין גאַנצען אייניג אויף איין פעסטע פּראָגראַם.

די בלאַנקיסטען האָבען אין געגענזאַץ צו די פּרודאָניסטען, געשטרעבט צו אַ צענטראַליזירטער מאַכט, וואָס דערמאָנט אַ דיקטאַטור. דעם סאָציאַלען איבערבוי פון דער געזעלשאַפט האָבען זיי אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, נאָך דעם, ווי די מאַכט וועט שוין זיין באַפעסטיגט ביי דער קאָמונע. זיי האָבען באַקעמפט די פּרודאָניסטען, וועלכע האָבען זיך ניט פאָרגעשטעלט קיין העכערען אידעאַל ווי דעצענטראַליזאַציע, און אויך די יעניגע, וועלכע האָבען מורא געהאַט עובר צו זיין אַ פּרינציפּ פון דער דעמאָקראַטיע.

די מיטגלידער פון׳ם אינטערנאַציאָנאַל האָבען גלייך געוואָלט צוטרעטען צו ראַדיקאַלע סאָציאַלע רעפאָרמען. זיי האָבען געוואָלט, אַז די קאָמונע זאָל גלייך אַרויסשטעלען דעם לאָזונג: „די פּראַ־

דוקציאָנס־מיטלען צו די ארבייטער און דאָס לאַנד צו די פּויערים״.
עס זיינען געווען ניט ווייניג, וועלכע האָבען זיך געוואַקעלט אַהין
און אַהער, אונטערשטיצענדיג אַמאָל אַ פּונקט פון איין פּראָגראַם
און אַמאָל אַ פּונקט פון אַ צווייטע פּראָגראַם. בינו לבינו איז גע־
וואָרען אַ מיש־מאַש, אַ תוהו ובוהו און די קאָמונע אַלס אַ גאַנצע
האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטען אָנגעצייכענטען וועג, אויף
וועלכען צו געהן.
די דעקלאַראַציע פון דער קאָמונע, וועלכע מיר האָבען דאָ
אויבען ציטירט, ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „פּאַריז ליידעט און
קעמפּפט פאַר גאַנץ פראַנקרייך, וועלכע ער פיהרט צו אַ גייסטיגער,
זיטליכער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער ווידערגעבורט. — — —
די רעוואָלוציע פון די געמיינדעס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ
דאַנק דעם ווילען פון פאָלק, דעם 18טען מערץ, עפענט מיט זיך אַ
נייע עפּאָכע״.
וואָס פאַר אַן עפּאָכע זאָל דאָס זיין אָט די נייע? אויף וועל־
כע יסודות זאָל זי זיך האַלטען? וואָס זאָל זיין איהר אינהאַלט,
אין וועלכע פאָרמס זאָל זי זיך אָנקליידען? — וועגען דעם אַלץ
שווייגט די דעקלאַראַציע. די אויטאָרען פון דעם מאַניפעסט גופא
וואָלטען ניט געקאָנט געבען דאַרויף אַ קלאָרע תשובה.
מען באַדאַרף אויך ניט פאַרגעסען, אַז די פראַנצויזישע פּויע־
רים זיינען קליינע אייגענטימער, רעאַקציאָנער, מאָנאַרכיסטיש
און זיי האָבען ניט נאָר ניט געשטיצט די רעוואָלוציאָנערע שטאָט,
נאָר האָבען געהאָלפען איהר פאַרניכטען.
ווען מיר וועלען נאָך איבער׳חזר׳ן דאָס, וואָס מיר האָבען
שוין אַמאָל געזאָגט, דאָס ניט ווייניג זיינען געווען פאַראינטערע־
סירט אין דער קאָמונע צוליב ריינע נאַציאָנאַליסטישע, פּאַטריאָ־
טישע כונות, וויל זיי זיינען געווען אויפגעבראַכט אויף דער באַר־
דאָ׳ר פאַרזאַמלונג פאַר איהר מיאוס׳ן פאַרראַט, אַז אַ סך זיינען סתם
אויף אַ ווילע מיטגעריסען געוואָרען מיט׳ן רעוואָלוציאָנערען
שטראָם, כל זמן עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ריינע רעפּוב־
ליקאַנישע צוועקען, אַז די זעלביגע זיינען שפּעטער געוואָרען געגנער פון
דער קאָמונע, ווען זי האָט אָנגעפאַנגען אָנצונעמען אַן ארבייטער
כאַראַקטער, אַ כאַראַקטער פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע — ווען

מיר זאָלען דאָס אַלץ נעמען אין אַכט, וועלען מיר פאַרשטעהן, פאַר וואָס די קאָמונע, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיל רעוואָלוציאָנערע פייער, אַזוי פיל העלדישקייט, אַזוי פיל באַגייסטערונג, אַזוי פיל שעהנקייט, האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטען און איז אין אַ קורצע צייט נאָך איהר געבורט געשטאָרבען מיט אַזאַ גרויזאַמען, שרעקליכען טויט, וועלכען די פינסטערע כחות פון ווערסאַל האָבען אויף איהר געבראַכט.

עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, אַז אויב די קאָמונע וואָלט געלעבט לענגער, וואָלט זיך אַלס בעסער אויסקריסטאַליזירט איהר פיזיאָגנאָמיע, עס וואָלט בולט'ער זיך ארויסגעזעהן איהר מהות, עס וואָלט פאַר אַלעמען געוואָרען קלאָר דער אינערליכער כאַראַקטער פון פאַר די קאָמונאַרען גופא אומבאַוואוסטע שטרעבונגען. פון דער קאָמונע וואָלט אויסגעוואָקסען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע.

איינצעלנע סאָציאַליסטישע פאָדערונגען זיינען כמעט יעדען טאָג ארויפגעשטעלט געוואָרען אויף'ן טאָגעס אָרדנונג. שוין דעם 21טען מערץ האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער האָט אין אָנפאַנג ניט ארויסגעוויזען קיינע סאָציאַליסטישע נייגונגען, פאַרעפענטליכט אינ'ם אָפיציעלען אָרגאַן פון דער קאָמונע אַן אַרטיקעל מיט אַ שטרענג סאָציאַליסטישען אינהאַלט. אָנווייזענדיג אויף דעם, ווי אַזוי די בורזשואזיע ווערט דעגענערירט, שרייט דער אוטאָר פונ'ם אַרטיקעל אויס: „פאַר וואָס איז זי (די בורזשואזיע) אַזוי בלינד און אַזוי איינגע'עקשנ'ט, דאָס זי זאָגט אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט פון דעם חלק פרייהייט, וואָס קומט איהם?"

וואָס ווייטער און ווייטער האָבען זיך אַזוינע סאָציאַליסטישע שטימען געהערט אַלץ העכער. אויב פאַריז וואָלט געקראָגען פאַר זיך פּאָליטישע, קאָמונאַלע אומאָפּהענגיגקייט (אַ ריין קליינבירגערליכע פאָדערונג), וואָלט שפּעטער געשאַפען געוואָרען די מעגליכקייט אויפצושטעלען די יסודות פון אַ נייער סאָציאַלער, יאָ, סאָציאַליסטישער אָרדנונג. עס וואָלט שפּעטער דורך דער קאָמונע דורכגעפיהרט געוואָרען דער פּרינציפּ: „יעדער זאָל אַרבייטען לויט זיינע פעהיגקייטען און געניסען לויט זיינע באַדערפניסען".
„אַ וורקליכע גרויסע אידעע, זאָגט פּעטער קראָפּאָטקין, ענטוויקעלט זיך ניט אין איין טאָג, מאַכט ניט אויס ווי גיך די נייע אידעען זאָ־

לען זיך ניט פאַרשפּרייטען אין רעוואָלוציאָנערע פּעריאָדען. אמת׳ע גרויסע אידעען דאַרפען שטענדיג האָבען אַ געוויסע צייט פאַר זייער ענטוויקלונג, ביז וואַנעט זיי דרינגען אַריין אין די מאַסען און געפינען אַ פּראַקטישען אויסדרוק. דער פּאַריזער קאָמונע האָט געפעלט די צייט״.

די ווערסאַלער רעגירונג האָט ניט דערלאָזען, די פּאַריזער קאָמונע זאָל זיך שטעלען אויף די פיס. ווי אַ קאַלטער מלאך המות האָט זי דערשטיקט דעם גרויסען רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד, איידער ער האָט נאָך געהאַט די געלעגענהייט און די צייט אַרויסצוקריכען פון זיין עמבריאָנאַלער לאַגע און אָננעמען אַ פעסטע, שאַרף אויסגעהאַלטענע פאָרמע. מיר האָבען דאַריבער איצט די מעגליכקייט צו זעהן בלויז אַ קליינעם, ניט קלאָרען, מטושטש׳ען טייל פון דער קאָמונע׳ס אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערען פּראָגראַם.

די „מאַיאָריטעט" און די „מינאָריטעט" אין דער קאָמונע

צווישען די פאַרשידענע קאַלטע און הייסע וואפען, וועלכע טיער האָט אָנגעווענדעט קעגען דער קאָמונע, האָבען אַ געוויסען פּלאַץ פאַרנומען די סיסטעמאַטישע פאַרלוימדונגען, וואָס זיינען טאָג־איין טאָג־אויס פאַבריצירט געוואָרען אין די סענסאַציאָנעלע געלע רעדאַקציעס פון די פאַרקויפטע שרייב־קנעכט. טיער האָט, הפנים, פון אָנהויב אָן באַשלאָסען צו נעמען אַ בלוטיגע נקמה פון די קאָמונאַרען און ער האָט קודם כל געזוכט זיי צו פאַר׳מיאוס׳ען ביים זייטיגען עולם. ער האָט אויסגעטראַכט אַלערליי בלבולים אויף די קאָמונאַרען. ער האָט זיי פאָרגעשטעלט אַלס מערדער, גנבים, רויבער, דעגענעראַנטען, וועלכע טוען אָפּ כל דבר האסור. זיינע משרתים פלעגען דאָס צוטראָגען אויף טעלערלאַך איבער גאַנץ פראַנקרייך. די פשוט׳ע נאַאיווע מענשען, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין אנדער וועג, ווי אַזוי זיך צו באַקאָנען מיט די פאַסירונגען אין פאַריז, סיידען דורך די פאַרקויפטע צו ווערסאַל צייטונגען, האָבען ווירקליך געגלויבט, אַז די הויפט־שטאָט פון פראַנקרייך איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון אַלערליי אויסוואורפען און גערונגענע פּרייסישע אַגענטען.

די זעלנער, וואָס האָבען זיך צוריקגעקערט פון פראָנט, פאַרביטערט, נערוועז, הונגעריג, נאַקעט און באָרוועס, האָבען געזוכט אויף וועמען אויסצוגיסען זייער צאָרן, זייער ביטערניש און גאַל. אַזוי ווי מען האָט זיי געזאָגט, אַז די קאָמונע האָט פאַרקויפט פאַריז צו די פּרייסען, טאָ זיינען זיי, פאַרשטעהט זיך, געוואָרען מלא רציחה אויף די קאָמונאַרען און זיינען געווען גרייט צו מאַכען פון זיי אַ תל.

איינע פון טיער׳ס באָבע־מעשות וועגען דער אכזריות פון דער קאָמונע איז געווען, אַז איהרע משכנות און די געפאַנגענע ווערען פון איהר אויף אַ שרעקליכען אופן באַהאַנדעלט, אַז זיי האָבען אויס־

צושטעהן אלערליי יסורים, אז זיי ווערען געפּייניגט ביז טויט, אָהן אַ שטיקעל משפּט.

נאָך עד היום ווערען דערצעהלט אין מאנכע „היסטאָריעס" שרעקליכע מעשות פון די „שרעקליכע" מענשען.

ווי ווייט ניט אמת אזוינע געשיכטעס זיינען, קאָן אונז דינען די ווייטערדיגע סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דעם 26טען אַפּ־ריל אין דער קאָמונע, נאָכדעם ווי מען האָט דאָרטען זיך דערוואוסט, אַז דריי נאַציאָנאלע גוואַרדיסטען זיינען אָהן אַ פאַר־וואָס דער־שאָסען געוואָרען פון ווערסאַלער קאַוואַלעריסטען.

דער בלוטיגער אקט האָט די מיטגלידער פון דער קאָמונע אריינגעבראכט שטאַרק אין כעס.

איינינע פאָדערען, מען זאָל אָנווענדען שטרענגע מיטלען קעגען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען און אז מען זאָל אויס נקמה דערשיסען די געפאַנגענע משכנות פון דער רעאַקציע, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער פּאַריזער ארכיעפּיסקאָפּ.

דיזע פאָדערונג האָט שטאַרק אויפגעבראכט די אַנוועזענדע מיטגלידער פון דער קאָמונע.

ט ר י ד אָ ן: „איהר הרג'עט אוועק צייט אויף אומבאַדיי־טענדע זאכען. מיר קאָנען ניט אָנווענדען גוואַלד־מיטלען".

ב לאַ נ ש ע פאָדערט ווייטער, מען זאָל אויף מאָרגען אין דער פריה דערשיסען די זשאַנדאַרמען און די געפאַנגענע שפּיאָנען. נאָך איינער וויל, מען זאָל היגריכטען פאַר אַלעמען אין די אויגען צוועלף זשאַנדאַרמען.

ט ר י ד אָ ן: „ווי אַזוי קאָן מען דאָס היגריכטען צוועלף מענשען פאַר דריי? איהר האָט ניט דאַרויף קיין רעכט".

אָ ס ט ע ן: „די קאָמונע דאַרף ניט אַרויסווייזען איהר טע־טיגקייט דורך היגריכטונגען".

וו אַ י אַ ן: „אונזער צוועק איז דער קאַמף מיט אייגענטום".

אוו ר י אַ ל און זש ו ר ד: „מען מוז זיך באַגעהן לויט'ן געזעץ".

א ר ט ו ר א ר נ ו: „קודם כל דאַרף מען זיך נעמען פאַר טיער'ן".

ג אַ מ ב אָ ן: „אויב די ווערסאַלער וועלען צושיסען די נע־

פאַנגענע, טאָ זאָל די קאָמונע דערקלערען פאַר גאַנץ פראַנקרייך און פאַר דער גאַנצער וועלט, אז זי וועט זיך פאַרהאַלטען מיט אַכטונג צו אַלע די, וועלכע וועלען אַריינפאַלען צו איהר אין די הענט; אַז אַפילו די אָפיצערען, וועלכע העצען אונטער די סאָלדאַטען קעגען אונז, וועלען באַהאַנדעלט ווערען מיט אַכטונג".

ערשט דעם 28טען אַפריל, נאָך דעם ווי די קאָמונע האָט ווידער געליטען אַ גרויסע מיליטערישע נידערלאַגע אין פאָרט איססי, אַ דאַנק דער קרימינעלער פאַרנאַכלעסיגונג פון מאַנכע קאָמאַנדירען, ווי קליוזערע און איינפאַכע דעזערטירען, האָט די קאָמונע אויפגענומען אַ פאָרשלאַג פונ'ם אַלטען קעמפער זשול מיאָ, צו גרינדען אַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטליכער זיכערקייט (אַ מין „אויסערגעוויינליכע קאָמיסיע צו באַקעמפען די קאָנטר־רעוואָלוציע"), וועלכער זאָל האָבען די מאַכט צו פאַראורטיילען די פאַררעטער צום טויט. און אַפילו דעמאָלט, ווען די מאַכט פון דער קאָמונע האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען צו וואַקלען, ווען די קאָמונאַרען זיינען שוין געווען פאַרצווייפעלט פון די שפּיאָנען און פאַררעטער, וועלכע האָבען יעדען שריט פון דער קאָמונע קאַליע געמאַכט, — אַפילו דעמאָלט האָט דער פאָרשלאַג אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע. דעם ערשטען מאַי האָט מען געשטימט איבער'ן פאָרשלאַג. 45 האָבען געשטימט פאַר, 23 — געגען. טרידאָן, ווערמאָרעל, לאָנגע, וואַללע האָבען געשטימט געגען. זיבעצעהן מיטגלידער האָבען אַרויסגעגעבען אַן אַלגעמיינע ערקלערונג, אַז זיי שטימען געגען, ווייל זיי האָבען מורא, אַז אַזאַ קאָמיטעט וועט פיהרען צו אַ דיקטאַטור.

די געגנער פונ'ם קאָמיטעט האָבען זייער אָפּאָזיציע ניט אויפגעגעבען. עס פלעגען פאָרקומען היציגע ליידענשאַפטליכע דעבאַטען וועגען דעם און די קאָמונע האָט זיך צושפּאָלטען אין צוויי לאַגערען: אין אַ קליינער „מאַיאָריטעט" און אין אַ גרויסער „מינאָריטעט". די מינאָריטעט איז מעהרסטען באַשטאַנען פון סאָציאַליסטען אינטערנאַציאָנאַליסטען, וועלכע האָבען גע'טענה'ט, אַז די, וועלכע קעמפען פאַר פרייהייט, טאָרען אַליין די פרייהייט ניט צו שטערען. און די מאַיאָריטעט איז באַשטאַנען מעהרסטענס פון

בלאַנקיסטען, וועלכע זיינען געווען איבערצייגט, אַז נאָר מיט אַ שטאַרקער האַנד קאָן די קאָמונע זיגען.

דער ערשטער „קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפטליכער זיכער־קייט" האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטען, מאַקע אַ דאַנק דער שטאַרקער געגענערשאַפט מצד דער מינאָריטעט. שפּעטער אָבער, ווען די קאָמונע איז וואָס ווייטער און ווייטער געוואָרען פאַרראַטען פון פאַרשידענע צווייפעלהאַפטע נפשות, האָט מען געגרינדעט אַ צוויי־טען קאָמיטעט. די מינאָריטעט האָט אויך דעמאָלט איהר אָפּאָזיציע ניט אויפגעגעבען און האָט אפילו אַרויסגעלאָזען אַ מאַניפעסט קעגען איהם. דעם מאַניפעסט האָט זי פאַרעפענטליכט אין דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון דער קאָמונע.

„די קאָמונע — זאָגט דער מאַניפעסט פון דער מינאָריטעט — האָט אָפּגעגעבען איהר מאַכט אין די הענט פון אַ דיקטאַטור, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבען: „קאָמיטעט פון געזעלשאַפטליכער זיכערקייט". די מאַיאָריטעט האָט מיט איהר אייגענער אָפּשטי־מונג אָרונטערגענומען פון זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט. מיר, די מינאָריטעט, פאַרקערט, באַהויפּטען, אַז די קאָמונע דאַרף אין דער רעוואָלוציאָנערער צייט טראָגען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרט־ליכקייט. וואָס עס איז שייך אונז, טאָ פאָדערען מיר צוריק אונזער רעכט און אונזער פאַראַנטוואָרטליכקייט און מיר ווילען זיך ניט באַהאַלטען אונטער'ן מאַנטעל פון אַ דיקטאַטור..."

אין דער צייט, ווען דיזער מאַניפעסט איז געוואָרען אַרויסגעלאָ־זען, האָט די קאָמונע איבערגעלעבט איהרע לעצטע טעג. דער ווער־סאַלער מלאך המות איז שוין געשטאַנען הינטער איהר און געוואַרט אויף איהר נשמה. דער מאַניפעסט האָט אין יענער צייט קיין נוטס ניט צוגעגעבען.

בכלל איז דער גייסט פון דער קאָמונע געווען אַ פרידליכער. אַלע איהרע טאַטען זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט יושר און גערעכטיגקייט. זי האָט זיך צו יעדער פּאַסירונג באַצויגען מיט גרויס פאַראַנטוואָרטליכקייט און אויב אין פאַרשידענע פאַרצווייי־פעלטע מאָמענטען האָט זיך אין איהר דערוועקט אַ נקמה־געפיהל, טאָ זיינען אין דעם שולדיג געווען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען און ניט די קאָמונאַרען גופא.

מיר האָבען דאָ דערמאָנט די קאָמונאַרען טרידאָן און ווערמאָרעל, און איידער מיר געהען ווייטער, ווילען מיר זיי פאָרשטעלען און דערצעהלען ווער זיי זיינען.

טרידאָן איז געווען אַ גלענצענדער שריפטשטעלער. זיינע אַרטיקלען אין בלאַנקים צייטונג: „דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַהר" האָבען געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם אויפ'ן עולם. זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אמת'ער, טיפער ליבע צום פראַנצויזישען פאָלק און באַזונדערס צו די אַרבייטענדע מאַסען. דערצו איז טרידאָן געווען אַ שאַרפער, שעהנער רעדנער.

זיין פאָפולאַריטעט איז געווען זעהר גרויס אין פאַריז. פאַר די עמטער, אויף וועלכע ער פלעגט קאַנדידאַטירען, פלעגט ער תמיד קריגען אַ גרויסע צאָהל שטימען. ער איז געווען אַ דעפוטאַט אין דער באָרדאָ'ר „פאַרזאַמלונג". גלייך אָבער ווי די „פאַרזאַמלונג" האָט באַשלאָסען אָנצונעהמען דעם שענדליכען שלום פון זשול פאַוור און קאַפּיטולירען פאַר ביסמאַרק'ן, האָט ער רעזיגנירט פון זיין דעפוטאַטען־פלאַץ. אַזוי פלעגט ער אַרויסטרעטען זעלטען, ער האָט פיינט געהאַט זיך צו שטויסען צום פראָנט. ער האָט בכלל געהאַסט פלוידערער, באַריהמער און קאַריעריסטען, וועלכע זוכען צו שלאָגען קאַפּיטאַל פון אַ געזעלשאַפטליכער באַוועגונג. פלעגט ער אָבער שוין יאָ אַרויסטרעטען, פלעגט ער ריידען לאַגיש, איבערצייגענד און ערנסט. ער פלעגט קיין מאָל ניט געברויכען דעמאַגאָגישע מיטלען צו שלאָגען אַ געגנער אָדער איינצונעהמען אַ פריינד. ער פלעגט זיך ניט חנפה'נען צו זיינע צוהערער און צו די מאַכט־האָבער. איז מען מיט איהם ניט מסכים געווען, פלעגט ער ניט זוכען זייטיגע מיטלען ווי דורכצופיהרען דאָס זייניגע. די קליינליכע אַמביציעס, וואָס מיר באַגעגנען אָפט ביי געוועהנליכע כלל־טוער, זיינען איהם געווען צו־דערווידער. ער איז קיין מאָל ניט געגאַנגען מיט'ן שטראָם. ער פלעגט שטענדיג ווילען, דער שטראָם זאָל פליסען אין זיין ריכטונג. האָט ער דאָס ניט גע'פועל'ט, פלעגט ער איבערלאָזען דעם שטראָם און זיך געהן אַליין אויף ז י י ן וועג. ער איז געווען אַ קרענקליכער מענש און איז געשטאָרבען גלייך נאָך דעם, ווי די קאָמונע איז דורכגעפאַלען.

אין זיין צואה האָט טרידאָן זיין גאַנצעס פאַרמעגען איבער־געלאָזען פאַר דער זאַך, וועלכער ער האָט גדינט אין זיין לעבען.

ווערמאָרעל איז געווען ארעסטירט נאָכ'ן 31טען אָקטאָבער. ווען מען האָט איהם ארויסגעלאָזען פון טורמע, איז ער אַ צובראָ־כענער אוועק אין דער פּראָווינץ צו זיין מוטער. פון דאָרטען האָבען איהם די וועהלער פון מאָנמארט איינגעלאַדען צו קומען און קאַנדידאַטירען. דער סאָציאַלער קאַמף האָט איהם אויפגע־מונטערט און האָט אין איהם ווידער אריינגעבלאָזען אַ נייע נשמה. ער פלעגט אָפט איבערלאָזען די זיצונגען אין דער קאָמונע און פלעגט אוועק צום פראָנט און זיך שטעלען אין רעכטען פייער. ווערמאָרעל האָט אין זיך פאַראייניגט אַ געזונדען מענשען־פאַר־שטאַנד מיט אַ שטאַרקער העלדישער נאַטור. אַלס אַן איבער־געגעבענער מיטגליד פון דער מינאָריטעט, פלעגט ער ליידענ־שאַפטליך באַקעמפען פעליקס פיא פון דער מאַיאָריטעט, וועמען ער האָט געהאַלטען פאַר אַן אוואַנטיוריסט און פאַר אַ טרוס און פאַר אַ פוסטען פראַזען־שיסער.

פעליקס פיא איז איבערהויפּט ניט געווען באַליבט. אפילו די מיטגלידער פון זיין אייגענער פראַקציע האָבען צו איהם קיין צוטרוי ניט געהאַט. מען פלעגט זיך שטענדיג מיט איהם ארומ־רייסען. פיא האָט געהאַט אַ געשליפענעם צונג און פלעגט שיסען מיט רעוואָלוציאָנערע פראַזען אויף רעכטס און אויף לינקס. די האַרטע אַרבייטער אין דער קאָמונע האָבען פיינט געהאַט פראַזיאָ־רען, זיי האָבען געוואָלט טאַטען און ניט ווערטער, און צו טאַטען איז פיא ניט געווען פעהיג.

אין געגענזאַץ צו פעליקס פיא האָט דעלעקליוז פון דער „מאַיאָריטעט" ארויסגערופען צו זיך גרויס רעספּעקט און ליבע אפילו צווישען די מיטגלידער פון דער „מינאָריטעט". אַלע האָ־בען איהם געטרויט. אַלע האָבען געפיהלט, אַז דעלעקליוז איז מיט זיין גאַנצען לעבען איבערגעגעבען דער זאַך און אַז ווען עס וועט קומען דער מאָמענט זיך מקריב צו זיין, וועט ער דאָס טאָן און וועט אפילו ניט קווינקלען.

די קאָמונע פאַרטיידיגט זיך

נאָך אַ צוויי־מאָנאַטליכער עקזיסטענץ איז די קאָמונע געפאַלען אַ צובלוטיגטע, אַ באַזיגטע. זי איז באַזיגט געוואָרען ניט, ווייל דער גייסט פון די קאָמונאַרען איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען, ניט ווייל דאָס פּאַריזער פאָלק האָט זיך ענטוישט אין זיינע דערוואַרטונגען פון דער קאָמונע און האָט געביינקט נאָך דער מאַכט פון די פּריצים און די גרויס־קאַפּיטאַליסטען, — ניין! זי איז באַזיגט געוואָרען, ווייל איהרע פיזישע כחות האָבען פּשוט ניט געקאָנט אויסהאַלטען די קלעפּ פון דער ווערסאַלער פאַראייניגטער קאָנטר־רעוואָלוציע.

אַלע פיינסטערע כחות פון לאַנד האָבען אַרומגענומען פּאַריז מיט אַן אייזערנעם רינג און האָבען די גרויסע שעהנע שטאָדט געשטיקט און געוואָרגען אויף דעם ברוטאַלסטען און באַרבאַרישסטען אופן. מען האָט די פּאַריזער קאָמונע ניט געלאָזט טאָן דאָס, וואָס מען דערלויבט דעם שונא אויפ'ן שלאַכטפעלד. אפילו די אַמבולאַנצען, די האָספּיטאַלען פון דער קאָמונע האָט טיער ניט געשאָנעוועט. אַלע ווילדע אינסטינקטען און די נידעריגסטע ליידענשאַפטען פון הונגעריגען, פאַרביטערטען ערב־רב זיינען אויסגענוצט געוואָרען פון דער ווערסאַלער רעגירונג קעגען דער קאָמונע. די געמיינסטע מיטלען, ווי פאַרראַט, שפּיאָנאַזש, פּראָוואָקאַציע, ביסמאַרק'ס הילף — אַלעס איז אָנגעווענדעט געוואָרען קעגען דער העלדישער, בראַווער, שעהנער שטאָדט פּאַריז. אַלע מאַוים'דיגע בוואַליעס מיט די געפערליכסטע, ווילדעסטע, מענשענפרעסערשע חיות, זיינען אויפגעהויבען געוואָרען פון תהום און האָבען צוויי מאָנאַטען נאָכאַנאַנד געשלאָגען אויף די טויערען פון דער שטאָדט, וואָס האָט געוואָלט זיין אַ פרייער ליכטיגער אינזעל אין אַ גרויסען אומענדליכען פיינסטערען ים פון שקלאַפעריי.

און דער פרייער אינזעל איז סוף כל סוף פאַרפלייצט געוואָ־

רעדן פון דעם מאוים'דיגען שווארצען ים! די קאמונע איז איינ־געשלונגען געווארען פון דער רויב־חיה, וואס הייסט קאנטר־רעוואַ־לוציע און איז אין גיהנום'דיגען מויל צוריסען און פארצוגט גע־ווארען. די חיה האט זיך פאסמאקעוועט מיט איהר קרבן. זי האט מיט א תאוה'שער הנאה ארייגעלאזען אין איהם איהרע ציין, האט געריסען זיין פלייש און געקנאקט זיינע ביינער, ניט פאר־לירענדיג דערביי אפילו א קראקאדיל־טרער.

זונטאג, דעם 21טען מאי, האבען זיך טיער'ס זעלנער אריינ־געריסען אין פאריז — — — און מענשליכע, הייסע, זודיגע, מענש־ליכע בלוט האט אנגעהויבען צו פליסען אין געדיכטע רויטע שטראמען.

א ווארימע פריהלינג נאכט. א בלויער שטערענדיגער הימעל העננט איבער פאריז. די לופט איז פול מיט אלערליי ריחות און בשמים־אראמאטען. אויף די בולווארען שוויבעלט און גריבעלט פון מענשען. די טעאטערע זיינען געפאקט. דער עולם איז לעבע־דיג, מונטער, רעדט הויך, שטיפט, לאכט און שפירט קיין זאך ניט... אבער... דער מלאך המות, וואס האט די גאנצע צייט געקלאפט אין טיר, איז שוין אריין אין שטאדט מיט א גאנצען חיל מלאכי חבלה און שעכט אויף רעכטס און אויף לינקס.

מאנטאג, דעם 22טען מאי, צוויי אוהר אין דער פריה, איז אין ראט־הויז געקומען דאמבראווסקי, ווען די קאמונע האט איבער־געגעבען די פארטיידיגונגס־ארבייט, נאכדעם ווי קליוזערע און ראָ־סעל זיינען אראפגעזעצט געווארען. דאמבראווסקי איז געווען בלאס, געצראכען און האט קוים געאטעמט. זיין ברוסט איז געווען פארוואונדעט פון א שטיין, וואס מען האט אין איהם געשלײדערט.

זיין אויפגערעגטע שטים און זיינע נערוועאישע באוועגונגען האבען געוויזען, אז ער איז שטארק פארצווייפעלט. ער האט גע־בראכט די בשורה צו דעם קאמיטעט פון דער געזעלשאפטליכער זיכערקייט, אז די ווערסאלער זעלנער זיינען אריין אין שטאדט און אז ער האט ניט געהאט גענוג מענשען פאר דער פארטיידיגונג.

דער טאג איז געקומען א הייסער, א ליכטיגער. מען האט געקלאפט טרעוואגע. א דריי־פיר טויזענד מענשען האבען זיך געלאזען לויפען צום ראט־הויז און צו דער קריגס־קאמיסיע. פון די

פעסטונגען זיינען געקומען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיסטען און האָבען דערצעהלט, אַז עס איז אוממעגליך אָנצוהאַלטען ווייטער די פּאָזיציעס קעגען די ווערסאַלער. „איצט — האָבען אַלע געשריען אין איין קול — איצט מוז די מלחמה געפירט ווערען אויף באַריקאַדען!"

דעלעקליוז האָט אַרויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע. „גענוג מיליטאַריזם! מען באַדאַרף ניט האָבען קיין גענעראַל־שטאַבען, מענשען אין גאָלדענע עפּאָלעטען. איצט מוז דאָס פאָלק גופא קעמפען, קעמפען מיט הוילע הענט! עס האָט געשלאָגען די מינוט פון אַ רעוואָלוציאָנערען קריג... דאָס פאָלק פאַרשטעהט ניט קיינע געלערענטע מאַניעווּרעס. אָבער ווען עס האָט אין האַנד וואַפען, האָט עס קיין מורא ניט פאַר קיינע מאָנאַרכיסטישע סטראַטעגען". פאַרלאָזענדיג די קריגס־קאַנצעלאַריע האָט דעלעקליוז באַגעגענט בריונעלען, וועלכער האָט געקליבען אַ נייעם לעגיאָן צו פאַרטיידיגען די קאָמונע. בריונעל האָט געהערט צו דעם טיפּ קאָמונאַרען, וועלכע האָבען ניט געקאָנט זיך אונטערגעבען צו דער רעאַקציע, ווי טייער זיי זאָלען דערפאַר ניט באַצאָהלען.

אין פאַרשידענע דיסטריקטען איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע אַרבייט. דאָס פאָלק האָט געבויט באַריקאַדען. פּאַריז האָט אָנגענומען אַ קריגערישע געשטאַלט. איבער די גאַסען לויפען אַרום מענשען אַהין און אַהער. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך פאַרזאַמעלט אין ראַט־הויז. ער קאָן אָבער ניט טאָן קיין אַרבייט. די מיטגלידער זיינען בלויז אימשטאַנד איבערצוגעבען איינער דעם אַנדערען די נייעס. עס קריכט קיין זאַך ניט אין קאָפּ. קיינער שלאָגט ניט פאַר קיין פּלאַן, ווי אַזוי די פאַרטיידיגונג זאָל געפיהרט ווערען אויף אַ סיסטעמאַטישען אופן. אַלץ ווערט איבערגעלאָזען דעם פאָלק גופא. דער מזל פון די באַטאַליאָנען פון דער קאָמונע איז איבערגעגעבען געוואָרען אין זייערע אייגענע הענט. קיינער זאָרגט זיך ניט וועגען זיי.

ניטאָ מעהר קיין צענטראַלע לייטונג, קיין צענטראַלע פאַרוואַלטונג.

אַ פּראָקלאַמאַציע פון קאָמיטעט פון געזעלשאַפטליכער זיכערקייט:

„זאָלען די גוטע בירגער אויפשטעהן! אויף די באַריקאַדען!

דער שונא איז אין אונזערע מויערן... ניטאָ מעהר קיין וואַקלען זיך... פאָרוועדטס! פאַר דער קאָמונע און פאַר פרייהייט!... צו די וואַפען!"...

אין אַ שעה אַרום איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען נאָך אַ פּראָקלאַמאַציע:

„צו דער באַפעלקערונג פון פּאַריז!

„דאָס פאָלק, וואָס האָט אַרונטערגעוואָרפען פון די טראָנען די קעניגען און האָט צושטערט די באַסטיליע, דאָס פאָלק פון 89טען און 93טען יאָהר, דאָס פאָלק פון דער רעוואָלוציע קאָן ניט פאַרלירען אין איין טאָג די פרוכטען פון דער באַפרייאונג, וואָס מען האָט זיך דערשלאָגען דעם 18טען מערץ... צו די וואַפען! צו די וואַפען!... זאָל פּאַריז ווערען באַדעקט מיט באַריקאַדען... פּאַריז איז מיט איהרע באַריקאַדען אומבאַזיגבאַר"...

די פאַרטיידיגונג אויף די באַריקאַדען האָבען געפיהרט מאַלאָן און זשאַקליאַר. זיי האָבען געבעטען אין גענעראַל־שטאַב שטיצע מיט ראַט און טאַט. ניטאָ ווער עס זאָל זיי אַרויסהעלפען. די גוואַרדיסטען בלאָנדזשען אַרום איבער די גאַסען אַהין און אַהער און ווייסען ניט וואָס צו טאָן...

צוויי אַזייגער בייטאָג זיינען אין ראַטהויז נאָך געזעסען די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין קריטיקירען די מיטגלידער פון דער קאָמונע. אַליין טאָן פּאָזיטיווע אַרבייט זיינען זיי ניט געווען אימשטאַנד, האָבען זיי קריטיקירט. . . די באַריקאַדען האַלטען אין איין וואַקסען. די באַריקאַדע, וואָס האָט געזאָלט פאַרטיידיגען דאָס ראַטהויז, ווערט געבויט פון פופציג אַרבייטער. קליינע קינדער פיהרען פאַר איהר אויף טאַצקעס ליים, שטיינער און ציגעל. . . אין אַ פּאָר שעה ווערט זי פאַרטיג. אַלע ווינקלען פון די גאַסען ווערען באַפעסטיגט מיט באַריקאַדען, וועלכע זיינען אין איין אויגענבליק אויפגעשטעלט געוואָרען.

פּאַריז ראַנגעלט זיך מיט די לעצטע כחות קעגען ווערסאַל, וואו עס איז געווען ששון ושמחה מיט'ן זיעג. . . טיער קלאַפט זיך אין בייכעל און איז משוגע פון פרייד. „די געוועכטיגקייט — באַריהמט ער זיך — די גערעכטיגקייט, די אָרדענונג, די ציוויליי־

זאציע האָבען געזיגט!" „די רעוואָלוציאָנערען וועלען באקומען זייער שטראָף אין פולען. די שטראָף וועט זיין א געזעצליכע, מיט'ן הילף פון געזעץ און אין הסכם מיט'ן געזעץ"...

דער ווערסאַלער ערב רב האָט פארשטאנען, אז דאָ וועלען באַלד פאָרקומען שרעקליכע פאָגראָמען און האָט ווי א בלוטדורש־טיגע חיה אָנגעפאנגען צו ווארטען אויפ'ן מאָמענט. . . מיט גרוים תאוה.

עס איז אָנגעקומען די נאכט. „עס זיינען געווען שרעקליכע־רע נעכט — דערצעהלט ליסאגארע — אָבער קיינע פון זיי האָט ניט איבערגעלאָזען אזא טיפען, פינסטערען איינדרוק. די מענשען האָבען אין דער פינסטער געזוכט איינער דעם אנדערען, גע'סוד'עט זיך אויפ'ן אויער, געזוכט א פונק פון האָפענונג. יעדערער האָט א לאָפעטע אין האנד און גראָבט די ערד מען שיט אָן קופעס ערד, זיך צו באַשיצען פון די ווערסאַלער גראנאטען. די מאטראַצען ווערען געשלעפּט פון די בעטען אויף די גאסען. קיינער טראכט ניט פון שלאָף. צו יעדען פארבייגעהער בעט מען זיך, ער זאָל צולייגען עפּעס א האנד פאר דער פארטיידיגונג פון דער רעפּובליק. אויפ'ן באסטיליע־פּלאץ און אויף אנדערע בולווארען קאָכט די ארבייט. איינינגע גראָבען די ערד, אנדערע טראָגען ליים און ציגעל. די קינדער האלטען אין זייערע הענטלאך לאָפּעטעס, וועלכע זיינען גרעסער פון זיי גופא און העלפען זייערע פאָטערס. די פרויען ארבייטען שולטער ביי שולטער מיט די מענער. די צארטע הענד פון די יונגע כלות האַלטען בראָכשטאנגען און העל־פען גראָבען. פונקען פליהען, ווען די שווערע אייזענס לאָזען זיך אראָפּ אויף די שטיינער. . ."

אויפ'ן בולוואר בלאנש — שרייבט איינער — איז געווען אויפגעשטעלט א באריקאדע, וואס איז אין גאנצען געווען געבויט פון א פרויען־באטאליאָן. אין דער צייט, ווען איך בין צוגעגאנגען, האָב איך געזעהן ווי א יונגע מיידעל אין א רויטער הוט, וואס איז געווען אראָפּגעצויגען ביז די ברעמען, איז געשטאנען מיט א פלינט אין האנד און מיט פאטראָנען אויף איהרע לענדען!"...

דריי אזיינער באגינען. מען שטעהט אויף די באריקאדען!

די קאָמונע איז נאָך ניט געשטאָרבען! אַן אנגענעמער מילדער מאָרגען ווינטעל פרישט אָפּ די מידע געזיכטער און דערוועקט האָפענונגען. פיינדליכע קאַנאָנען קראַכען און גיבען אַן אָנצור־הערעניש, אַז עס קומט אָן אַ שרעקליכער טאָג. . . עס קומט אָן אַ רעגימענט פון 25 פרויען אונטער דער פיהרערשאַפט פון לואיזע מישעל און דימיטריעווא און שלאָגען פאַר זייער הילף. . .

די קאָמונע פאַרטיידיגט זיך!

די לעצטע שטונדע פון דער קאָמונע.

די העלדישע פאָלקס-פארטיידיגונג פון דער פאריזער קאָמונע איז סוף כל סוף געבראָכען געוואָרען פון טיער'ס געפאנצערטע ארמייען, וואָס זיינען געווען באוואפענט פון קאָפ ביז די פיס מיט קאלטע און הייסע געוועהר.

די רעאַקציאָנערע ווערסאַל האָט געזיגט איבער דעם רעוואָלוציאָנערען פאריז.

און גלייך ווי ווערסאַל איז געווען זיכער מיט'ן זיג, האָט זי אָנגעפאנגען צו ברייננגען צום אָפּגאָט פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע קרבנות. . .

ווי נאָר דער ווערסאַלער גענעראַל שטאַב איז אריין אין מאָנמארט, האָט ער אָנגעפאנגען צו טרייבען א בלוטיגע וואקכאנאַליע. 42 מענער, דריי פרויען און פיער קינדער, וועלכע זיינען דורך א צופאַל געכאפּט געוואָרען פון די ווערסאַלער זעלנער, זיינען אָפּגעפיהרט געוואָרען צו נומער זעקס, אויפ'ן גאס ראָזיע — אָט דאָרטען, וואו די גענעראַלען לעקאָנט און קלעמאַן טאָמאַ זיינען דעם 18טען מערץ הינגעריכטעט געוואָרען. מען האָט זיי אויסגעשטעלט פאַזע וואנט מיט בלויזע קעפּ און זיי דער'הרג'עט אָהן א שום געריכט. איין פרוי האָט געהאַלטען איהר קינד אויף די הענד און האָט זיך ענטזאָגט איינצובויגען צום וואנד. זי שרייט צו די אַנדערע: „ווייזט אָט די מיאוס'ע מנוולים, אז איהר קענט שטאַרבען שטעהענדיג!"

זי איז דורכגעלעכערט געוואָרען מיט א קויל, האַלטענדיג דאָס קינד...

דאָס איז געווען דער ערשטער ברוך הבא, דער פאָרשפּיל פון די גרוילזאמע, מאוים'דיגע, אומבאַשרייבליכע שחיטות, וועלכע ווערסאַל האָט געמאַכט אין פאריז.

יעדע ווילע האט מען „צום וואנד” געבראכט געפאנגענע נא־ציאנאלע גווארדיסטען און זיי דערשאסען, ווי ווילדע קעץ.

מיט די גווארדיסטען אליין האט די קאנטר־רעוואלוציע זיך ניט באנוגענט. זי האט געשאכטען פרוי און קינד, אלט און יונג, — אלע, וועלכע זיינען אריינגעפאלען ביי איהר אין די הענד, זיי־נען אומגעקומען אונטער די שרעקליכסטע יסורים.

דער קאמיטעט פון געזעלשאפטליכער זיכערקייט לאזט ארויס א פראקלאמאציע צו די ווערסאלער סאלדאטען: „דאס פאלק פון פאריז וועט קיינמאל ניט גלויבען, אז איהר וועט אויפהויבען קע־גען איהם וואפען דעמאלט, ווען איהר וועט זיך מיט איהם טרע־פען פנים אל פנים; צי דען וועלען אייערע הענד ניט ציטערען פאר א בירגער קריג? איהר זענט דאך די זעלביגע פראלעטאריער ווי מיר. . . קומט, ברידער, צו אונז, אונזערע ארעמס זיינען אפען פאר אייך...”

אויך דער צענטראל קאמיטעט האט אפעלירט:

„מיר זיינען פאטערס פון פאמיליען... אויך איהר וועט ווען עס איז זיין פאמיליען־פאטערס. אויב איהר וועט היינט שיסען אויפ'ן פאלק, טא וועלען אייך אונזערע קינדער פארשילטען, אזוי ווי מיר שילטען די סאלדאטען, וועלכע האבען צוריסען די הערצער פון די פאלקס־קינדער אין יוני 1848 און אין דעצעמבער 1851. אט איז שוין צוויי מאנאט, ווי אייערע ברידער האבען זיך גע־חבר'ט מיט'ן פאלק: טהוט דאס, וואס זיי האבען געטאן”.

די פראקלאמאציעס און די אפיעלס, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אזעלכע שטארקע ברידערליכע געפיהלען און ריהרענדע בקשות, האבען קיין ווירקונג ניט געהאט, זיי זיינען געווען ווי קערנער אויף א פעלזיגען באדען.

דער בירגער־קריג האט זיך וואס ווייטער אלס מעהר צופלא־קערט.

דאמבראווסקי האט אנגעווענדעט אלע זיינע כחות צו פאר־טיידיגען די באריקאדען פון מאנמארט, אבער אומזיסט. אהן מוטה, א צובראכענער, אן אויפגערעגטער, האט זיך איהם אין די לעצטע טעג אלץ אפגעדוכט, אז זיינע חברים זיינען איהם חושד אין פארראט. דאס, פארשטעהט זיך, איז ניט געווען אמת. אבער

זיין אויפגערעגטע פאנטאזיע האט איהם געשראקען. „איך בין ניט קיין פארברעכער!" — האט ער אויסגעשריען אין דער פריה אין ראטהויז. אלע האבען איהם געגלויבט, קיינער האט איהם אין פארדאכט ניט חושד געווען. אבער ער האט זיך ניט געקענט קאנטראלירען און איז באגאנגען זעלבסטמארד.

אין פאריז האט אנגעהויבען צו רעגענען מיט קוילען פון די ווערסאלער ארמעען. די גראנאטען רייסען אויף אויף יעדען טריט און שריט. פון דער אויפרייסונג האט פאריז אנגעהויבען צו ברענען. דער פייער שפרייט זיך אלץ ווייטער אויס און פארכאפט אלץ מעהר גאסען. עס איז געווארען א סומאטאכע. די ווערסאלער סאלדאטען באנוצען זיך מיט דעם טומעל און פלינדערן און רויבען און מארדען. די באריקאדען ווערען אויפגעריסען פון די שראפנעלען. די העלדישע פארטיידיגער פון דער קאמונע פאלען אין די הונדערטע אונטער זייערע פעסטונגען. מען האט געשאסען אויף זיי פון אלע זייטען, אויך פון די דעכער, אויף וועלכע די ווערסאלער האבען זיך ארויפגעכאפט.

פאריז איז געווארען אן אמת'ע מענשליכע שלאכטהויז.

יעדער קארפוס פון די ווערסאלער האט געהאט זיין איי־גענעם תליון, וועלכער האט דערמארדעט די קאמונארען, וואס זיי־נען געכאפט געווארען. אבער דער ערב רב האט פאקטיש ניט געווארט אויפ'ן תליון. ער האט אליין פאגראמירט און געמאר־דעט.

די אנגעקומענע נאכט איז געווען באלויכטען פון דעם פייער, וואס האט ארומגעכאפט פאריז. די באריקאדען, די הייזער און די טייערסטע פאלאצען זיינען געפאלען איינע נאך די אנדערע. די, וועלכע זיינען גאנץ געבליבען פון די שראפנעלען, זיינען אויפגע־פרעסען געווארען פון די פייער־צונגען...

דער מארגען האט קיין גוטס פאר דער קאמונע ניט געבראכט. די ווערסאלער האבען שוין באוויזען צו פארכאפען א סך רעגי־רונגס־געביידען און זיך באפעסטיגען דארטען.

אכט אוהר אין דער פריה האבען זיך אין ראטהויז פארזא־מעלט פופצעהן מיטגלידער פון דער קאמונע. זיי גיבען זיך איי־בער די טרויעריגע נייעס. מען איז זיך מישב וואס צו טאן. הוי־

ציגע דעבאטען האט ארויסגערופען די פראגע, צי מען זאל פאר־לאזען דאס ראטהויז אדער ניט. אלע גיבען צו, אז די לאגע איז האפנונגסלאז, אבער די פראגע איז געווען, צי מען זאל בלייבען אויפ'ן ארט און באגעגענען דעם טויט, אדער מען זאל זיך ראטע־ווען. עס איז דערנאך באשלאסען געווארען, מיט אלע שטימען געגען צוויי, צו פארלאזען דעם ארט, פון וואנעט דאס פאלק האט ארויסגעטריבען זיינע שונאים און אוועקגעזעצט זיינע פריינד.

דעם 18טען מערץ 1871 האט דאס פאלק אריינגעצויגען אין ראטהויז. דעם 23טען מאי, 1871 איז דאס פאלק געווען גע־צוואונגען איהם צו פארלאזען.

נאכדעם, ווי די קאמונע־מיטגלידער האבען פארלאזען דאס ראטהויז, איז עס געווארען ארומגענומען מיט'ן פייער. דאס ראט־הויז מיט אלע געביידען האבען מיט זיך פארגעשטעלט א ברע־נענדיגען לאגער. דאס הויז, אויף וועלכע דאס פאלק האט גע־לייגט אזוי פיעל האפענונגען, האט געקרעכצט אונטער'ן פייער, אזוי ווי דאס פאלק גופא.

דעם 24טען מאי איז דאס לעצטע מאל ערשינען דער אפי־ציעלער ארגאן פון דער קאמונע. אין לעצטען נומער זיינען געווען פארעפענטליכט די לעצטע פראקלאמאציעס און די נייעס פון די שלאכטען, וואס קומען פאר אויף די פאריזער גאסען.

די פאלקס־פארטיידיגונג איז געבליבען אהן א קאפ. די העלדישקייטען זיינען פארטגעזעצט געווארען, אבער די גאנצע דיסציפלין איז געווארען אונטערגעגראבען. יעטווידער האט גע־קעמפט אויף דער אייגענער פאראנטווארטליכקייט און לויט דעם אייגענעם חשבון. דער ארגאניזם פון דער קאמונע איז צופאלען געווארען אויף איינציגע ארגאנען, אויף איינציגע גלידער, וועלכע האבען א געוויסע צייט נאך געלעבט און זיך ניט אונטערגעגעבען דעם ווערסאלער מלאך המות.

דעם זעלביגען טאג איז פארגעקומען די לויה פון גענעראל דאמבראווסקי, וועלכער האט אליין געמאכט אן ענד פון זיין לעבען.

אויפ'ן פלאץ פון דער באסטיליע איז פארגעקומען א ריהרענדע סצענע. די נאציאנאלע גווארדיסטען, וועלכע זיינען געווען אויף

די באַריקאַדען, האָבען אָפּגעשטעלט די לויה און האָבען אוועק־געלייגט דאָמבראָווסקי'ס טויטען קערפּער ביי די פּיס פון'ם יולי־מאָנומענט. די קאָמונאַרען האָבען זיך אוועקגעשטעלט לעבען דעם בר־מינן מיט ברענענדיגע פאַקעלס אין זייערע הענט. יעדער פון די גוואַרדיסטען איז צוגעגאַנגען און זיך אַ נייג געגעבען צום טויטען קאָמאַנדיר. בעת די צערעמאָניע איז פאָרגעקומען, האָט געקלאַפּט דער באַראַבאַן. דער קערפּער איז געווען איינגעהילט אין אַ רויטער פאָהן. אַלע זיינען געשטאַנען מיט בלויזע קעפּ... ווערמאָרעל האָט געמאַכט אַ הספד... „אָט דאָ ליגט פאַר אונז — האָט געקלאָגט ווערמאָרעל — איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבען אוועקגעגעבען זייער לעבען צו דער קאָמונע... לאָמיר זיך געבען אַ שבועה, — האָט ווערמאָרעל געענדיגט — אז מיר וועלען אוועק פון דאַנעט בלויז פאַר דעם צוועק צו שטאַרבען"... אַלע אַנוועזענדע האָבען שרעק־ליך געוויינט, ווען ווערמאָרעל האָט גערעדט.

ווערמאָרעל איז געווען אַ שלעכטער רעדנער. ער פלעגט זיך אָפּט פאַרהאַקען, אָבער דאָס מאָל האָט ער גערעדט קלאָר, דייטליך, שעהן. די ווערטער האָבען זיך געגאָסען פון זיין מויל אין אַ זעל־טענער האַרמאָנישער פאָרמע. ער האָט גערעדט מיט האַרץ, מיט נשמה. די דערבייאיגע האָבען דאָס געפיהלט. זיי האָבען איבער־געלעבט די זעלביגע הויכע מאָמענטען, ווי ווערמאָרעל אליין.

אין דעם טאָג האָבען די ווערסאַלער געכאַפּט ראַאול ריגאָ, דעם פּאָליציי־הויפּט פון דער קאָמונע. ער האָט גראד דעמאָלט אנגעטאָן אַ מיליטערישען מונדיר. ווען זיין קוואַרטאַל איז גענו־מען געוואָרען, האָט ער פּרובירט אַנטלויפען. ער איז אָבער פאַר־האַלטען געוואָרען פון די ווערסאַלער. ווען מען האָט איהם צוגע־פיהרט צום סערזשאַנט, האָט ריגאָ זיך צו איהם געווענדעט מיט די ווערטער: „וואָס ווילט איהר פון מיר? לעבען זאָל די קאָמונע!" דער סערזשאַנט האָט גלייך ארויסגעגעבען אַ באַפעהל איהם צו דערשיסען.

נאָך האַלבען טאָג האָבען זיך די מיטגלידער פון דער קאָמונע און פון'ם צענטראַלען קאָמיטעט, די הויכע אָפיצערען און אַלע אַנדערע באַאַמטע פון דער קאָמונע זיך פאַרזאַמעלט אין דער ביבליאָטעק פון'ם 11טען דיסטריקט. אַלע זיינען געווען צובראָכען

פון די שרעקליכע איבערלעבונגען. א טויטע שטילקייט האט געהערשט אין זאל. דעלעקליוז הויבט זיך אויף און ווענדעט זיך צו די פארזאמעלטע. זיין שטים איז שוואך, אבער פול מיט ענטשלאסענקייט. ער וויל טרייסטען, אז עס איז נאך ניט אלעס פארלארען, אז עס גליהט נאך א פונק פון האפנונג. עס קלאפט נאך אן אדער און מען מוז זיך האלטען פעסט ביז דער לעצטער מינוט. ער האט געמאכט א פארשלאג, אז די אלע מיטגלידער פון דער קאמונע זאלען אנטאן זייערע רויטע שלייפען און זאלען געהן אין פאראויס פון די סאלדאטען, וועלכע ווילען נאך פארטיידיגען די קאמונע.

דעלעקליוז'ס ווערטער האבען אריינגעגעבען ענטוזיאזם און האבען אפגעפרישט די האלב טויטע פנים'ער. „מען האט באדארפט זעהן — שילדערט א קאמונאר דיזע סצענע — מען האט באדארפט זעהן אט דעם אלטען קעמפער, מיט זיין שטארקען גלויבען, מיט זיינע אויגען פול מיט פייער, ווי ער איז געשטאנען מיט אן אויפגעהויבענער האנד און האט גערעדט צו די פארזאמעלטע, זיי זאלען זיך ניט מיאש זיין, זיי זאלען זיך שטארקען און ניט זיין נידערגעשלאגען פון דער קריטישער לאגע. מען האט באדארפט זעהן אט די באוואפענטע צוהערער, וועלכע האבען מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם, מיד, צובראכען, געהערט די טרייסט ווערטער, וואס זיינען ארויסגעגאנגען פון דעלעקליוז'ס קראנקע הארץ. עס האט זיך אפגעדוכט, אז די ווערטער טראגען זיך פון ערגעץ־וואו, פון א קבר...”

דער ענטוזיאזם האט ארויסגערופען נייע אנשטרענגונגען זיך צו פארטיידיגען, אבער עס האט קיין זאך ניט געהאלפען.

דער גורל פון דער קאמונע איז שוין געווען גע'חתמ'עט.

דאס איינציגע, וואס די קאמונע האט געקאנט טאהן, איז אויסגיסען איהר צארן אויף איינינע משכנות, וועלכע זיינען נאך געווען אונטער איהר רשות. זי וואלט דאס געוויס ניט געטאן, ווען ניט די שרעקליכע רציחות, וואס די ווערסאלער האבען דעם טאג דורכגעפיהרט.

אפילו די בורזשואזע צייטונגען האבען צוגעגעבען, אז די גרעסטע גוואלדטאטען און מאסען־מערדערייען זיינען געווען א קינדער־שפיל קעגען דעם, וואס די ווערסאלער צעווילדעטע, צעיו־

שעטע זעלנער האבען אפגעפיהרט דעם 24טען מאי אין פאריז.

„דאס זיינען ניט סאלדאטען, וועלכע דערפילען זייער פליכט — האט געשריבען א קאנסערוואטיווע צייטונג — דאס זיינען טיגערס אין געשטאלט פון מענשען. עס איז געווען אוממעגליך צו געהן נאך שפייז, ניט זייענדיג אונטער דער געפאהר צו ווערען דער׳הרג׳עט. די סאלדאטען האבען צושמעטערט מיט די קאלבען פון זייערע ביקסען די קעפ פון די פארוואונדעטע און האבען געטראטען מיט די פיס די טויטע קערפערס". אזוינע און עהנליכע ידיעות האט מען געקאנט לעזען אפילו אין די בורזשואזע און עכט קאנסערוואטיווע צייטונגען. ניט דער עלטער, ניט דער געשלעכט האט געקאנט וויך מאכען די הערצער פון די „זיגרייכע" ווערסאלער סאלדאטען. די קרבנות האבען געמוזט צוזעהן מיט זייערע אייגענע אויגען, ווי זייערע פרויען, זייערע שוועסטער, זייערע מוטערס און זייערע טעכטער ווערען פאראומרייניגט. מען האט ארויסגעשלעפט פארוואונדעטע פון די האספיטאלען און זיי דערמארדעט. מען האט צעריסען די קערפערס מיט באיאנעטען, מען האט געשניטען אבר פאר אבר פון די, וועלכע זיינען אריינגעפאלען ביי די ווערסאלער אין די הענט און נאך דעם, ווי די קרבנות האבען שוין אויפגעהערט זיך צו צאפלען אונטער די טייפעלשע לאפעס פון די הענקער, האט מען זיי אוועקגעשליידערט אין די גראבענס פון דעם שאסיי, ווי א הויפען בלוטיגע מיסט.

טויט און פארניכטונג האבען געהערשט אין פאריז.

און ביי אזוינע רציחות איז דען א וואונדער, וואס מאנכע גווארדיסטען האבען זיך ארויפגעוואָרפען אויף די משכנות און זיך נוקם געווען?

די קדושים פון דער קאמונע.

צוזאמען מיט דער קאמונע האבען אויסגעהויכט זייער לעצ־טען אטעם די וויכטיגסטע קאמונארען. זייער מזל איז געווען אזוי פארבונדען מיט דעם רעוואלוציאנערען פאריז, אז זיי האבען גע־מוזט ניט נאר ליידען, נאר אויך אונטערגעהן צוזאמען מיט איהם...

מיר וועלען פרובירען שילדערען דעם טויט פון אייניגע קא־מונארען.

דעלעקליוז'ס טויט איז געווען אזוי העלדיש, אזוי שעהן, ווי זיין לעבען. ער האט געלעבט מיט דער קאמונע און איז געשטאר־בען מיט איהר. אליין לעבען, אהן דער קאמונע, האט ער ניט געקאנט און ווען ער האט געזעהן, אז די קאמונע פאלט זיך פאנאנ־דער, אז זי ווערט אזוי גרויזאם, אהן רחמנות פארניכטעט, האט ער געפיהלט, אז די מינוטען פון זיין לעבען זיינען געצעהלטע.

א פאר שעה פאר זיין טויט האט ער געשריבען א בריף צו זיין שוועסטער. אין דעם בריף שפיגעלט זיך אפ די הייליגע, ריינע, שעהנע נשמות, מיט וועלכער אונזער העלד איז געווען באשאנקען.

„מיין טייערע שוועסטער — שרייבט דעלעקליוז — איך וויל ניט און איך קאן ניט זיין א שפילכעל און א קרבן פון דער זיג־רייכער רעאקציע. זיי מיר מוחל, וואס איך געה אוועק פריהער פון דיר. דו האסט מיר געווידמעט דיין לעבען. און איך בין מחויב צו לעבען צוליב דיר. אבער איך קאן נים. איך האב ניט אין מיר אזויפיל כח אריבערצוטראגען א נייעם קלאפ פון דער קאמונע. איך קוש דיר טויזענד מאל אזוי שטארק, ווי שטארק איך ליב דיך. די עראינערונגען וועגען דיר וועלען זיין די לעצטע, וואס וועלען מיר באזוכען פאר'ן טויט. איך בענש דיר, טייערע, הייס־געליבטע שוועסטער. דו ביסט געבליבען פאר מיר דער איינציגער נאהנ־טער טייערער מענש נאכ'ן טויט פון אונזער ארעמער מוטער.

אדיע, אדיע. איך קום דיר נאך אמאל. דיין ברודער, וואס וועט דיך ליבען ביז דער לעצטער מינוט".

נאך דעם בריף האט דעלעקליוז זיך גענומען פאר די געשעפ־טען פון דער קאמונע. ער האט געזוכט צו ראטעווען וואס עס איז נאר געווען מעגליך.

פון דער באסטיליע האט מען געהאלטען אין איין ברייננגען פארוואונדעטע. דמיטריעווא, אליין פארוואונדעט, האט געהאל־טען אין מונטערען ליא פראנקעל, וועלכער איז שטארק פארקרי־פעלט געווארען אויף דער באריקאדע סענט־אנטאון. עס קומט אריין גרובלעווסקי. דעלעקליוז האט איהם פארגעשלאגען, ער זאל איבערנעמען די הויפט קאמאנדע איבער דער איבערגעבלי־בענער ארמיי פון דער קאמונע.

— מיט אן ארמיי פון איניגע הונדערט קאן איך גארנישט ניט טאן, — האט ורובלעווסקי געענטפערט.

און די אטאקע פון טיער'ס סאלדאטען ווערט אלץ שטארקער און פייערדיגער. די הייזער ווערען איינע נאך די אנדערע אויפ־געריסען. אונזער באקאנטער קאמונאר בריונעל — דער העלד פון דעם 18טען מערץ — איז געפאלען פון א קויל, וואס האט דורכגעלעכערט זיין ברוסט. פיער טעג נאכאנאנד איז ער געשטא־נען אקעגען דעם שונא! אהן מורא האט ער געפיהרט דעם קאמף פאר דער קאמונע. אויפ'ן פינפטען טאג איז ער געפאלען. . .

דעם גאנצען טאג האט די פינסטערע רעאקציע געזיגט אויף אלע פאזיציעס. יעדער זיג פון דער רעאקציע האט געמאכט א לאך אין דער שוין אזוי אויך שוואכער הארץ פון דעלעקליוז.

דריי־פערטעל צו זיבען זיינען געגאנגען דעלעקליוז, זשורד און נאך פופציג גווארדיסטען אין דער ריכטונג צו שאטא ד'א. דע־לעקליוז איז געווען אנגעטאן אין זיינע געוועהנליכע בגדים: אין א הוט, שווארצען ראק, א רויטען שלייף ביים גארטעל. קיין וואפען האט ער ניט געטראגען. ער איז געווען שרעקליך אפגע־שוואכט און האט זיך אנגעשפארט אויף זיין שטעקען. אויפ'ן וועג באגעגענען זיי ווערמארעל, טעז, זשאקליאר — אלע שווער פאר־וואונדעט. ווערמארעל קאן זיך ניט באוועגען און פאלט אויף דער ערד. זשאקליאר און טעז הויבען איהם מיט זייערע לעצטע כחות

אויף און טראָגען איהם אוועק. דעלעקליוז דריקט די הענד פון ווערמארעל. טרייסט איהם מיט א פּאָר גוטע ווערטער. א קאָ־ראאול פון די ווערסאלער האָט געזעהן דעלעקליוז'ען און האָט איהם אָנגעפאנגען נאָכצושפּירען. דעלעקליוז האָט זיך שוין געפונען פופ־ציג קלאפטער פון א באריקאדע.

די זון האָט זיך געזעצט. דעלעקליוז באוועגט זיך און דער־נעהנטערט זיך צו זיין ציעל, צו דער באריקאדע. ער איז פארטיפט אין זיינע געדאנקען און עס קימערט איהם ניט, צי מען געהט איהם נאָך אָדער ניט. ער געהט אליין, אונערשראקען, ניט קוקענ־דיג, וואָס ער איז געווען דער איינציגער לעבעדיגער מענש אויף דעם פּלאַץ. דערגרייכענדיג די באריקאדע, האָט ער זיך פארקירע־וועט נאָך לינקס און האָט אָנגעפאנגען צו קלעטערן אויף די שטיי־נער. דאָס לעצטע מאָל האָט זיך געזעהן זיין שטרענג געזיכט, ארומגעזוימט מיט א קורצער גרויער באָרד. דער שאָטען פון טויט האָט ארומגעשוועבט אויף זיין פּנים.

מיט אמאָל, קראך, קראך. — — —

דעלעקליוז איז געפאלען אויפ'ן פּלאַץ שאטא ד'אָ, פון א שראפּנעל.

די, וועלכע זיינען געשטאנען הינטער די באריקאדען, זיינען צוגעלאָפען און האָבען איהם געוואָלט אויפהויבען. דריי־פערטעל פון זיי זיינען געפאלען פון די קוילען, וואָס האָבען געהאָגעלט איבער זייערע קעפּ.

דעלעקליוז האָט קיינעם ניט דערצעהלט, אז ער געהט צו דער באריקאדע. שווייגענדיג, פארטיפט איז דעלעקליוז געגאנגען צו דער באריקאדע, אזוי ווי אברהם איז געגאנגען צו דער עקידה. ער איז געגאנגען מקדש השם זיין, ווי אן אמת'ער צדיק.

דער לאנגער לעבענסוועג האָט אויסגעזויגען פון איהם זיי־נע כחות. ביי איהם איז געבליבען ניט מעהר, ווי זיין לעצטער אָטעם און אויך איהם האָט ער אָפּגעגעבען דער רעוואָלוציע.

דעלעקליוז האָט געלעבט בלויז פאר דער גערעכטיגקייט. זיין קאמף פאר גערעכטיגקייט איז געווען זיין טאלאנט, זיין וויסען, זיין פיהרענדער שטערן אין זיין לעבען. דעם סימבאָל פון זיין קאמף האָט ער אָנגעשריבען אויף זיין פאָהן. איהם האָט ער אָפּ־

געגעבען 30 יאָהר פון זיין לעבען — די צייט, וואס ער האָט פארבראכט אין גלות און אין טורמעס.

די באַלוינונג פאר דעלעקליוז'ען איז געווען די געלעגענהייט צו שטאַרבען פאר זיין אידעאַל, וועמען ער האָט אזוי הייליג גע־דינט אין זיין לעבען. . . אָבער שטאַרבען אויף א באריקאדע, און ניט דורך די הענד פון א תליון.

אין גלות האָט ער אַמאָל צו זיינעם א פריינד געזאָגט:

„איך וועל שטאַרבען אויף דער באריקאדע אין דער אייגענער צייט, ווען זשול סימאָן וועט ווערען א מיניסטער.

זיין נבואה איז מקוים געוואָרען.

שרעקליך איז געווען דער טויט פון וואַרלען.

דעם 28טען מאי האָט א גלח אויף איהם גע'מסר'ט. א ווער־סאַלער אָפיציר, א געוויסער לייטענאַנט סיקר, האָט געכאפט וואַר־לע'ן, האָט צוגעבונדען זיינע הענד אויפ'ן רוקען און איהם אוועק־געשיקט צום גענעראַל דע־לאַוואַקופע. די סאָלדאַטען האָבען גע־שלעפט דעם געבונדענעם וואַרלען איבער אַלע קרומע זייטענ־געסלאַך פון מאָנמאַרט. אויפ'ן וועג האָט מען איהם געשלאָגען מכת רצח. אונטער דעם האָגעל פון די קלעפּ איז וואַרלען'ס יונ־גער קאָפּ, וואס איז שטענדיג געווען פול מיט געדאַנקען פון מענש־ליכער ברידערשאַפט, געוואָרען א שטיק צוהאַקטע פלייש. זיינע אויגען האָבען זיך אַרויסגערוקט פון זייערע לעכער. ווען די עק־זעקוטאָרען האָבען דערגרייכט די גאַס ראָזיע, האָט שוין וואַרלען ניט געקאָנט געהן. מען האָט איהם געמוזט טראָגען. מען האָט איהם מיט געוואַלד אוועקגעזעצט אויף א שטול און דערשאָסען. די סאָלדאַטען האָבען דעם טויטען, נאָך וואַרעמען, קערפּער צוגע־שלאָגען מיט די קאָלבען פון זייערע ביקסען.

דער העלדישער ס י ק ר האָט צוגע'גנב'עט פון וואַרלען דעם זייגער און זיך געמאַכט דערפון א צירונג...

וואַרלען איז געווען איינע פון די איידעלסטע נאַטורען. זיין לעבען איז געווען ריין, שעהן, גרויס. ער איז געווען א פּראָסטער ארבייטער, אָבער זיין הונגער נאָך וויסען איז געווען געוואַלדיג שטאַרק. זיין גאַנצע פרייע צייט נאָך דער ארבייט האָט ער אויסגע־נוצט פאר זעלבסט־בילדונג. ער האָט זיך געלערנט ניט ווי מאַנ־

בע אַרבייטער, ווייל זיי ווילען ווערען אינטעליגענטען, נאָר אייג־פאַך צו וויסען און צו פאַרשטעהן די געזעלשאַפט און דעם קאַמף פון די אַרבייטער פאַר זייער באַפרייאונג. אין די לעצטע יאָהרען פון דער אימפּעריע איז וואַרלען געווען די נשמה פון דער אַרבייטער באַוועגונג אין פּאַריז.

וואַרלען איז געווען זעהר באַשיידען, האָט ניט ליב געהאַט צו ריידען. ער האָט קיינמאָל ניט גענומען דאָס וואָרט סתם אַזוי זיך. ער האָט בלויז גערעדט דעמאָלט, ווען ער האָט געזעהן, אַז זיינע ווערטער זיינען איצט נויטיג. דעם 18טען מערץ איז ער געווען איינער פון די ערשטע. אויף די באַריקאַדען, ענדע מאַי, איז ער געווען איינער פון די לעצטע. ער האָט די גאַנצע צייט גע־אַרבייט פאַר דער קאָמונע מיט ליעב און לעבען. וואַרלען האָט גע־לעבט און געשטאַרבען פאַר די אונטערדריקטע מאַסען. זיין אַנ־דענקען וועט שטענדיג בלייבען הייליג אין דעם גרויסען האַרץ פונ'ם אַרבייטער קלאַס.

ניט וועניגער גרויזאַם איז געווען דער טויט פון עדוּאַרד מ אָ ר אַ, דער ערשטער פאַרזיצענדער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

ער איז געפאַנגען געוואָרען צוזאַמען מיט אַנדערע גוואַרדיס־טען און איז אַוועקגעפיהרט געוואָרען צו אַ מיליטער־געריכט, אָדער בעסער, צו אַ ברוטאַלער קליקע פון הענקער, וועלכע האָט געהייסען „געריכט.‟

דער דאָפּראָס פון מיליטער געריכט האָט געדויערט ניט מעהר ווי אַ פערטעל מינוט. נאָכ'ן „דאָפּראָס‟ זיינען, פאַרשטעהט זיך, די געפאַנגענע געפונען געוואָרען „שולדיג‟ און פאַר'משפט צום טויט. די אָפּגע'משפּט'ע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו די הענקער, וועלכע האָבען אַוועקגעפיהרט זייערע קרבנות אין אַ קאַ־זאַרמע. דאָרטען פלעגט מען אַריינוואַרפען די אומגליקליכע און זיי דערשיסען אָהן אַ סדר און אָהן אַ צערעמאָניע... די זשאַנדאַר־מען פלעגען מיט אַ ווילדען ציניזם מאַכען אַן אָבלאַווע אויף די אָפּגעאורטיילטע, וועלכע פלעגען זיך וועלען ראַטעווען פון די קוילען, און לויפען לעבען וואַנד. די אומגליקליכע פלעגען דער־שאָסען ווערען ווי ווילדע ענטלאַך פון אַן אומגעלומפּערטען יעגער.

עדוואַרד מאַרא איז געפאַלען א קרבן אין איינע פון די עקזע־קוציעס. זיין פרוי האָט איהם באַגלייט ביז די טירען פון דער קאזארמע און האָט געהערט די שיסעריי, פון וועלכער איהר מאַן איז געפאַלען טויט...

אנדערע אָפּגע׳משפט׳ע פלעגען באַגלייט ווערען צום גרויזא־מען טויט ניט נאָר פון זייערע פרויען, נאָר אויך פון זייערע קינ־דער. די מוטערס און די קינדערלאך פלעגען פאַלען אויף די קניע און בעטען, מען זאָל רחמנות האָבען און ז י י דערשיסען פריהער, איידער מען דערשיסט זייערע מענער און פאָטערס.

זונטאָג, דעם 28טען מאי, האָט מען אין איין קאזארמע דער־שאָסען מיט דער זעלביגער אכזריות ווי עדוואַרד מאַרא איבער טוי־זענד ניין הונדערט געפאנגענע גוואַרדיסטען. מענשליכע בלוט האָט געשטראָמט פון אַלע גאַסען; די ווענד פון די קאזארמעס און פון די טורמעס זיינען געווען אויסגעשמירט מיט די מאַרך פון די צעשמעטערטע מענשליכע שארבענס. פאַריז האָט אריבער־געשטיגען דאַנטע׳ס שילדערונגען אין זיין „אינפערנאָ".

אין די טעג פון די פאַריזער שחיטות האָבען די ווערסאַלער רעגירער געהאַט א געלעגענהייט זיך נוקם צו זיין אָן זייערע פער־זענליכע שונאים. זיי האָבען די געלעגענהייט אויף זעהר א מיאוס׳ן אופן אויסגענוצט.

זשול פאַווור, א שטייגער, איז אין די מהומה־טעג פטור געוואָ־רען פון זיין געגנער, דעם סאָציאַליסטישען דעפּוטאַט, מ י ל ־ ל י ע ר.

מילליער איז געווען א גאַנץ מעסיגער סאָציאַליסט. ווי מיר האָבען איינעם פון די פאָריגע קאַפּיטלעך געזעהן, איז ער גע־ווען קעגען דעם אויפשטאַנד פון דער קאָמונע. ער איז אָבער געווען אַן איבערגעגעבענער פריינד פון דעם ארבייטער קלאַס. אין זיינע רעדעס און אין זיינע ארטיקלען איז ער שטענדיג ארויסגעטראָטען פאַר׳ן ארבייטער און קעגען זיינע געגנער. אין די קאָמונע־טעג האָט ער געזוכט צו ברייגגען צו א פשרה צווישען ווערסאַל און פאַ־ריז, כדי אויסצומיידען א בירגער־קריג. צום סוף איז ער אַליין געפאַלען א קרבן פון דעם דאָזיגען ברודער קריג.

מילליער איז ארעסטירט און אוועקגעפיהרט געווארען צום גענעראל פון דער אימפעריע ס י ס ס ע. דער גענעראל איז געווען איינער פון די גרעסטע אויסוואורפען. ער האט געלאזען זיין דייטשע געליבטע ארויס׳גנב׳ענען די פלענער פון די נייע פאריזער פעסטונגען.

מ י ל ל י ע ר זוכט צו באווייזען, אז ער איז א דעפוטאט פון דער „פ א ר ז א מ ל ו נ ג". דער גענעראל האט גע׳פסק׳ענט, אז מיליער האט שוין אנגעווארען זיין דעפוטאטען-טיטעל און אז ער דארף דערשאסען ווערען.

מילליער׳ס הענקער, א קאפיטאן, וואס איז שפעטער פאר זיין „העלדישקייט" דערהויבען געווארען ביז׳ן ראנג פון א גענעראל, האט זיך מיט זיין קרבן געררייצט און איהם געזאגט, אז ער איז א פיינד פון דער געזעלשאפט.

— א, יא, די איצטיגע געזעלשאפט האס איך — האט גע־ענטפערט מילליער.

— נאך בעסער. — ענטפערט דער קאפיטאן — די איצטיגע געזעלשאפטווארפט אייך ארויס פון איהרע רייהען. מען נעהט אייך דערשיסען.

דער גענעראל סיססע האט באפוילען, אז מילליער זאל ווערען דערשאסען אין פאנטעאן, ליגענדיג אויף די קניע, אזוי ווי ער זאל בעטען מחילה ביי דער געזעלשאפט פאר דאס שלעכטס, וואס ער האט איהר געבראכט.

מילליער האט זיך ענטזאגט צו לייגען אויף די קניע. מען האט איהם געצוואונגען, ער זאל דאס טאן, אבער מילליער האט זיך געוועהרט מיט אלע זיינע כחות קעגען דעם.

— איך בין פריי — האט מילליער געזאגט — צו טאן ווי איך וויל.

די הענקער האבען זיך ווי די ווילדע בעסטיעס ארויפגעווארפען אויף איהם און איהם מיט געוואלד איינגעבויגען אויף די קניע.

— לעבען זאל די מענשהייט... לעבען... און מילליער איז געפאלען טויט פון דעם תליון׳ס קוילען, ניט דערענדיגט דעם אויסרוף...

אזוי זיינען דערמאָרדעט געוואָרען די קעמפּער פאַר פרייי־
היים!

אזוי איז אונטערדריקט געווארען די פּאריזער קאָמונע, וואס
האָט אין איהר צוויי מאָנאטדיגער עקזיסטענץ ארויסגערופען אזוי
פיעל שעהנע האָפנונגען ביי די פאָלקס־מאַסען.

די קאָמונאַרען פאַר דעם געריכט פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

די פאַריזער שחיטות האָבען ניט געקענט מאַכען א תל פון אַלע קאָמונאַרען. ניט ווייניג קאָמונאַרען זיינען איבערגעלאָזען געוואָרען פאַר ווערסאַל, וואו די קריגס־געריכטען האָבען פאַרט־געזעצט די אַרבייט פון די הענקער. מען האָט זיי פאַראורטיילט צום טויט, צו חושך׳ן אין די פעסטונגען, צו קאַטאָרזשנע אַרבייט אין די שטראָף־קאָלאָניען פון נײַ־קאַלעדאָניען, וואו די העלדישע קעמפער האָבען געהאַט אויסצושטעהן שרעקליכע פאַרפאָלגונגען, גייסטיגע און פיזישע יסורים.

אָבער די קאָמונאַרען האָבען בראַוו אַריבערגעטראָגען אַלע רדיפות. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז זייער קאַמף איז געווען א גערעכטער, א נויטיגער און האָבען זיך ניט באַקלאָגט אויף זייער מזל, נאָכדעם ווי דער קאַמף איז פאַרלוירען געוואָרען.

סוף אוגוסט האָט זיך אין ווערסאַל אָנגעהויבען דער משפט פון די אין לעבען געבליבענע קאָמונאַרען. אויפ׳ן אָנקלאַגע באַנק זיינען דעמאָלט געזעסען זיבצעהן מענשען. צווישען זיי פעררע, אַססי, זשורד, פּאַסקאַל גרוססע, רעזשער, ביליאַרע, קורבע, טרענקע און אַנדערע. ווי א מיאוס׳ע שטיק שעטנז איז צווישען זיי אויך געווען דער ערשטער קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, דער פאַררעטער ליוליע, וואָס האָט זיך באַריהמט, אַז ער האָט בכיון געעפענט דעם 18טען מערץ די טויערען פון פאַריז, כדי די אַרמעע זאָל קענען אַריבערגעהן צו ווערסאַל.

אין דער פערזאָן פון דעם אינטעליגענטען אַרבייטער ט ר ע נ ק ע, א שוסטער, איז געווען פאַרקערפּערט דער גאַנצער פאַריזער אַרבייטער קלאַס. ער איז געווען שטאָלץ, מוטיג און האָט געקוקט זיינע ריכטער גלייך אין די אויגען. ער האָט ניט געזוכט צו פאַר־קלענערען זיינע דינסטען דער קאָמונע. פאַרקעהרט, ער האָט מודה

געווען, אַז ער האָט געדינט דער קאַמונע טרײַ, מיט לייב און לעבען.

„איך בין געשיקט געוואָרען אין דער קאַמונע, — האָט טרענקע אונערשראָקען דערצעהלט די ריכטער און דעם נייגעריגען פּובליקום — איך בין געשיקט געוואָרען אין דער קאַמונע פון מיינע מיט־בירגער. איך בין געווען אויף די באַריקאַדען און מיר טוט זעהר לייד, וואָס איך בין דאָרטען ניט דער'הרג'עט געוואָרען... איך בין אַ רעוואָלוציאָנער און איך לייקען דאָס ניט אָפּ".

ווען טרענקע האָט גערעדט, האָט זיך געדוכט, אַז דאָס רעדט דער גאַנצער אַרבייטער קלאַס, וועמען די זיגרייכע קאָנטר־רעוואָלוציע האָט געזעצט אויפ'ן אָנקלאַגע באַנק.

פּעררע, אויף וועמען די ריכטער האָבען געהאַט אַ באַזונדערען כעס, האָט געזאָגט:

„איך בין אַ מיטגליד פון דער קאַמונע. איך געפין זיך אין די הענט פון איהרע באַזיגער. איהר ווילט מיין טויט. זאָל זיין אַזוי. מיט געמיינקייטען וועל איך קיין מאָל ניט ראַטעווען מיין לעבען. איך האָב געלעבט ווי אַ פרייער מענש און וויל שטאַרבען ווי אַ פרייער מענש. איך וויל נאָר צוגעבען איין וואָרט: דער שיקזאַל איז קאַפּריזנע. איך גיב איבער אין די הענד פון דער צוקונפט צו זאָרגען וועגען מיין אָנדענקען און צו נעהמען נקמה פאַר מיר".

פּעררע איז געוואָרען פאַראורטיילט צום טויט.

דעם 28טען נאָוועמבער איז דער אורטייל דורכגעפיהרט געוואָרען. צוזאַמען מיט פּעררע זיינען היינגעריכטעט געוואָרען ראָססעל און בורזשוע.

זיבען אַזייגער באַגינען זיינען צוגעפאָרען צום הינריכטונגס־פּלאַץ סאַטאָרי די פוהרען מיט די פאַראורטיילטע. מען האָט אָנגעהויבען צו באַראַבאַנעווען און צו טרובענען. די אָפּגעמשפּט'ע זיינען אַרויסגעגאַנגען פון די פוהרען, באַגלייט פון זשאַנדאַרמען. ראָססעל האָט באַגריסט די אָפיצערען. בורזשוע האָט גלייכגילטיג געקוקט אויף די הכנות צום טויט. פּעררע איז אַרום דער לעצטער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצען, האָט געטראָגען פענסנע און האָט געהאַלטען אַ סיגאַר אין מויל. מיט פעסטע

זיכערע שריט איז ער צוגעגאַנגען צום סלופּ. בורזשוע און פּערע האָבען ניט צוגעלאָזען צו זיך קיינע גלחים. נאָך דעם, ווי דער טויט־אורטייל איז איבערגעלעזען געוואָרען, האָט זיך געהערט א געשריי: שים! ראָססעל און בורזשוא זיינען אויפ'ן אָרט גע־פאַלען. פּעררע האָט זיך נאָך געקענט האַלטען אויף די פיס. די קויל האָט בלויז דורכגעלעכערט זיין זייט. מען האָט אין איהם אויסגעשאָסען א צווייטען מאָל. פון דער צווייטער קויל האָט די מאַרך ארויסגעשפּריצט פון פּעררע'ס שאַרבען. דער אויבער תליון האָט געגעבען א צייכען און די באַראַבאַנען האָבען ווידער אנגע־הויבען צו קלאַפּען און די טרובעס האָבען ווידער אנגעהויבען צו טרובענען.

מיט איינינע טעג שפּעטער איז הינגעריכטעט געוואָרען גאַס־טאָן קרעמיע. דער טויט אורטייל איבער איהם איז געווען ארויס־געטראָגען שוין מיט זעקס מאָנאַטען צוריק. דער הויפּט כעס אויף קרעמיע'ן איז געווען פאַר זיין האַלטונג אין דער באָרדאָ'ער פאַר־זאַמלונג, ווען ער האָט אויסגעשריען, אַז דער שלום־אָפּמאַך מיט ביסמאַרק'ן איז א בזיון פאַר פראַנקרייך. ביסמאַרק'ס חברים, די ווערסאַלער מיניסטאָרען, האָבען איהם דאָס ניט געקענט מוחל זיין.

פאַר זיין טויט האָט ער געזאָגט צו זיינע היטער: „אָט איך וועל אייך ווייזען, ווי א רעפּובליקאַנער שטאַרבט... מען האָט איהם אוועקגעשטעלט מיט'ן רוקען צו א סלופּ, וואו איין קאָמונאַר איז שוין געטויט געוואָרען. קרעמיע האָט ניט געלאָזען זיך פאַרבינדען די אויגען און האָט געבעטען, מען זאָל איהם אַליין דערלויבען צו געבען די קאָמאַנדע: „שים!". מען האָט איהם דאָס דערלויבט. ער האָט דעמאָלט געבעטען די סאָלדאַטען, זיי זאָלען זיך צילעווען גלייך צום הארצען, אבער ניט אין קאָפּ. און מיט זיין אויסגעשריי לעבען זאָל די רעפּוב... איז גאַסטאָן קרעמיע געפאַלען א טויטער. גלייך ווי זיין טויט איז קאָנסטאַטירט געוואָרען, האָט די מוזיק אנ־געהויבען צו שפּילען... גאַסטאָן קרעמיע איז געווען זעהר באַליבט אפילו ביי דער ליבעראַלער באַפעלקערונג, און זיין הינריכטונג האָט איבערגעלאָזען א גוואַלדיגען איינדרוק.

אָנפאַנג דעצעמבער, 1871, איז געזעסען אויפ'ן אנקלאַגע־באַנק פאַר א מיליטערישען געריכט לואיזע מישעל און נאָך א פּאָר פרויען.

„איך וויל זיך ניט פאַרטיידיגען, — האָט געזאָגט מישעל, — איך וויל אויך ניט, אנדערע זאָלען מיך פאַרטיידיגען. איך באַלאַנג מיט מיין גאַנצער נשמה, מיט מיין גאַנצען לייב און לעבען צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און איך בין אַליין פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע מיינע מעשים. איהר באַשולדיגט מיך, אַז איך האָב אַן אַנטייל אין דעם טויט פון די גענעראַלען. יאָ, ווען איך וואָלט געווען דעמאָלט, בעת די גענעראַלען האָבען געוואָלט שיסען אויפ'ן פאָלק, וואָלט איך אפילו איין מינוט ניט געטראַכט און איך וואָלט געשאָסען אין זיי. איהר באַשולדיגט מיך, אַז איך האָב אַן אַנטייל אין דעם פייער פון פּאַריז. יאָ! איך האָב גענומען אין דעם אַן אַנטייל, איך האָב געוואָלט פאַרשטעלען דעם וועג פון די ווערסאַלער מיט פייער. איך האָב ניט קיין מיטהעלפער. איך האָב אַלץ געטאָן אויף מיין אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט“.

לואיזע מישעל רעדט ווייטער:

„פון אייך, וועלכע רופען זיך מיליטערישע ריכטער, פאַרלאַנג איך, איהר זאָלט מיך טויטען אין סאַטאָרי, וואו עס זיינען געפאַלען מיינע חברים. דער פּראָקוראָר, וואָס פאָדערט מיין טויט, איז גערעכט. יעדעס האַרץ, וואָס שלאָגט פאַר פרייהייט, האָט אַ רעכט אויף אַ קליין שטיקעל בליי. איך וויל אויך קריגען מיין חלק. אויב אפילו איהר וועט מיר לאָזען לעבען, וועל איך ניט אויפהערען צו שרייען נקמה... איך האָב געענדיגט. אויב איהר זיינט ניט קיין טרוסען — הרג'עט מיך אוועק...“

די ריכטער זיינען יאָ געווען טרוסען און האָבען לואיזע מישעל ניט גע'הרג'עט, נאָר האָבען איהר געגעבען לעבענסלענגליכע געפענגניס אין פעסטונג.

זי איז שפּעטער „באַגנאַדיגט“ געוואָרען און איז אוועקגעשיקט געוואָרען אויף קאַטאָרגע אין ניו קאַלעדאָניע.

אזוי האָבען זיך געהאַלטען די קאָמונאַרען, וועלכע האָבען איבערגעלאָזען אַ צוואה דער געשיכטע צו נעהמען נקמה פאַר זייערע יסורים און טויט.

די געשיכטע פירט איצט, נאָך פופציג יאָהר, דורך די צוואה פון די קאָמונע־מאַרטירער.

שלום־וואָרט.

מיר האָבען אויבען געזאָגט, אז די קאָמונע איז פארלאָרען געוואָרען. דאָס איז ניט אמת. די פּאריזער קאָמונע איז ניט פאר־לאָרען. זי האָט געהאַט א נידערלאַגע, א גרויסע, א בלוטיגע, אָבער ניט מעהר ווי א נידערלאַגע. זי איז נאָך פופציג יאָהר צוריקגע־קומען צו זיך און איז ארויסגעטראָטען מיט מעהר כחות און אונ־טער בעסערע אומשטענדען.

די קאָמוניסטען זיינען ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרען, אָבער די אידעען פון דער קאָמונע זיינען ניט אָפּגעשטאָרבען מיט זיי צוזאמען. זיי זיינען ארויס אויף דער סצענע פון דער וועלט־גע־שיכטע, אין א קלערערער, בעסער פאָרמולירטער פאָרמע.

די זאָמען, וואָס די קאָמוניסטען האָבען מיט די בלוט פון זייערע אָדערן און מיט די מארך פון זייערע מוחות געוויקט מיט פופציג יאָהר צוריק, זיינען איצט אויפגעגאַנגען און פארנעמען א סך, א סך גרעסערען שטח, ווי אין יאָר 1871.

אין די פּאַסירונגען פון רוסלאַנד קען מען זעהן אין א פאר־גרעסערטער און אין א מעהר בולט'ער, בעסער קריסטאַליזירטער פאָרמע די אונקלאָרע, מטושטש'ע געדאַנקען און שטרעבונגען פון די פּאריזער קאָמונאַרען.

מיט פופציג יאָר צוריק זיינען די אידעען נאָך געווען אין זייער עמבריאָנאַלען צושטאַנד און דעריבער זענען זיי געווען אזוי פאר־שלייערט, אזוי צעפּיצעלט.

דער עמבריאָ איז אין פארלויף פון פופציג יאָהר אויסגע־וואקסען אין א שטאַרקען אָרגאַניזם, מיט שטאַרקע, קרעפטיגע מוסקולען און נערוועז און מיט א פעהיגען קאָפּ.

די אידעען פון פרייהייט, וועלכע האָבען אין אן אונבעוואוס־טער מטושטש'ער פאָרמע באַגייסטערט די פּאריזער באַפעלקערונג פון 1871, זיינען איצט געוואָרען די נשמה פונ'ם אלוועלטליכען אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט.